STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09120

IN GEVITER

Menahem Baerush Eppelbaum

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. עפּעלבּוים

אין געדיטער.

דאָס איז געווען אַ קליין הינטל, מיט אַ גלאַטיקע העל־געלע פעל, פלינקע דינע פיסלעך און אַ געדיכטן וואָלענעם עק; גרויסע קיילעכדיקע ברוינע אויגן, שטענדיק שטרענגע, פאַרגלייווערטע און מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ.
אַ מאָדנע הינטל איז געווען מורקע: קיינעם נישט אָנערקענט, מיט קיינעם זיך נישט געחברט און אויף היימישע געהאַווקעט.

דער טאָג האָט געהערט צו מורקען. באָרבּאָס—דער גרויסער שוואַרצער הונט, מיט דער גלאַנציקער טיפהאָריקער פעל—האָט דעם גאַנצן טאָג פאַרבראַכט אויף דער קייט: איז געלעגן אויסגעצויגן פאַר זיין ביידל, געקוקט אין דער ווייטקייט, אָפּטמאָל מיט האַלב צוגעמאַכטע אויגן און געטראַכט וועגן געדיכטן וואַלד און וועגן ווילדע פייגל, וואָס זיינען געשמאַק. און—שטענדיק, ווי ער וואָלט אויף עפּעס געוואַרט. צייטנווייז האָט ער זיך געזונט און שטייף אויפגעשטעלט, זיך אַ טרייסל געטאָן, אַז עס האָט זיך דערהערט אַ שטאַרק קלינגען פון דער קייט, און

ס'האָט זיך געדאַכט: אָט, אָט און ער וועט זיך אָפּרייסן, זיך אַ וואָרף געבן און ווי אַ שוואַרצער פּלעק וועט ער דעם הויף דורכשניידן און אַריבער אויף יענער זייט פּאַרקאַן, וועט ערגעץ אַוועק און שוין קיינמאָל נישט צוריקקומען. דאָס איז געווען מערסטנס אין יענע בלייכע, כמורנע טעג, ווען דער ווינט האָט שטאַרק געטריבן די צווייגן פון די ביימער... נאָר אויסציענדיק דעם קאָפּ און צוריק איינציענדיק אים, האָט ער זיך באַרואיקט און זיך צוריק אַוועקגעלייגט, אויסגעצויגן די לאַפּעס פּאָרויס, דעם קאָפּ האַרט אויף זיי אַוועקגעלייגט און די אויגן זיינע האָבן זיך געל־גרין פאַרנעפּלט. דאַן האָט ער נעפּלדיק געטראַכט פון דעם, וואָס ער האָט פאַרגעסן זיין ציל, האָט זיך אָפּגעריסן פון דאָרט, פון וואַנען ער איז געקומען און געפינט נישט דעם וועג צוריק.

און דאַן האָט מורקע געוועלטיקט: דערהערנדיק טריט ביים הינטער־טירל, האָט ער זיך אַהין געוואָרפן און זיך צוהאַווקעט אין איין אָטעם, זעענדיק אַפילו אַ באַקאַנטן. ווען די דאָמאַ־שעווסקיכע. אַ יונגע גויע מיט קליינע לויפנדיקע אייגעלעך, איז אַרויס פאַר דער טיר, האָט זיך מורקע צו איר געוואָרפן, ווי עס וואָלט אים מיט אַמאָל שטאַרק אַ צי געטאָן צו איר, זיך אָנגעהויבן לאַשטשען און שפּרינגען אַרום איר, דערביי שטאַרק געבלאָזן דורך די נאָזלעכער.

—גיי צום טייוול!—האָט די גויע געשמייכלט, און מורקע איז אַריינגעפאַלן אין עקסטאַז, אָנגעהויבן קוילערן זיך אויף דער ערד ביי אירע פיס, געבליבן ליגן אויפן רוקן און געפּלאַטערט מיט די פיסלעך אין דער לופט. נאָר מיט אַמאָל—האָט ער ווי־דער דערהערט טריט, איז ער אויפגעשפּרונגען, אויפגעהויבן די אויערן און אויפגעצויגן דעם קאָפּ, אָנגעהויבן האַווקען און זיך אַ לאָז געטאָן צום טירל.

די גויע איז שטיין געבליבן מיט דעם טעפּל אָדער בעזים אין האַנט און אויסגעצויגן דעם האַלז, ווי זי וואָלט געוואָלט איבער עפּעס אַריבערקוקן, זיך איינגעהערט: ווער זאָל עס דאָרט זיין? נאָר הערנדיק ווי מורקע האַווקעט דאָרט אויף דער גאַס אַרויס

MORRIS WINCHEVSKY LIBRARY
MONTREAL

און דאָ זעט מען קיינעם נישט, האָט זי צוריק דעם האַלז נאָכגעלאָזט און צוריק אין שטוב אַריין.

באָרבאָס איז דערביי געבליבן רואיק: נאָך צייט...

אומזיסטע ענערגיע האָט באָרבאָס נישט געוואָלט אויסברייינגען.

ווען מורקע האָט געהאַווקעט פון יענער זייט טירל, איז ער נאָך אַלץ אַזוי רואיק געלעגן: די בעל־ביתישע הינטלעך!... נאָר אַז מורקע איז צוריק אַריינגעשפרונגען אין הויף, זיך געדרייט ווי אַ רעדל האַווקענדיק און שרעקנדיק זיך, האָט זיך באָרבאָס אויפגעשטעלט מיט איין איינציקן שפרונג, און אַזוי ראַפטום, ווי עס וואָלט מיט אים אַ שליידער געטאָן. האָט שטייף אויפגעהויבן דעם קאָפ און אין זיינע פינסטערע אויגן, האָט עס רויטלעך אויפגעגלאַנצט. און געשטאַנען איז ער אַזוי, ווי פון בראָנז אויסגעגאָסן, ביז־ער האָט דערזען אַ פרעמדן טריט אַריבערטרעטן די שוועל פון טירל, און זיך אַ ריס געטאָן מיט איין האַווקע, אַז די קייט האָט זיך צוקלונגען. אָדער־ער האָט דערפילט אַ באַקאַנטן, האָט זיך דאַן אויסגעלאָשן דער רויטער גלאַנץ אין זיינע אויגן, ווי ער וואָלט איינגעטרוקנט אין דער שוואַרצקייט, האָט ווי אַ כעסעדיקן בליק געוואָרפן אויף מורקען, און זיך צוריק אַראָפגעלאָזט אויף די הינטערשטע לאַפעס.

מורקע האָט נאָך אַלץ געהאַווקעט, ווי ער וואָלט דערמיט געוואָלט געבן צו וויסן זיינע בעלי־בתים, אַז ער גיט זיך נישט אונטער קיין שום באַקאַנטשאַפט.

אַז עס האָט געטראָפן, און באָרבאָס האָט אויך אַרויסגעלאָזט אַ האַווקע, איז די גויע אַרויסגעקומען, אַמאָל דער מאַן אירער. אַ הינקענדיקער אויף איין פוס. מיט אַ פאַרגליווערטער רואיקער פאַרביסנקייט אויפן ברייטן טונקעלן פנים, האָט ער געקוקט שטום און אָנגעבלאָזן און נאָר די בייזקייט זיינע האָט געפרעגט: ווער איז עס דאָרט? אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז דאָס איז אַ געפאַלענע דאַמע, געקומען טאַקע צו אים. מיט אַ פאָר שיך צו פאַרריכטן. אָדער, באַקאַנטע סוחרים, וואָס קומען אָפט צום שכן, וואָס וואוינט אין דער הייך. זיי זיינען געקומען פאָרזיכטיק און

גלייך, ווייל אויף סוחרים האָט דאַן אַ שרעק געשוועבט... און דער גרויסער הונט האָט זיי שוין דערעשט איבערגעשראָקן.

מורקע האָט זיך איצט צוהאַווקעט מיט גרויס אימפעט. נאָר, אַז ער האָט באַמערקט, ווי דער גוי איז געבליבן רואיק, האָט ער זיך גענומען לאַשטשען.

באָרבאָס האָט געקוקט מיט אויפגעריסענע אויגן, ווי ער וואָלט געוואַרט צו דערהערן אַ געשריי, און דאַן—וואָלט ער שוין געוואוסט, וואָס ער האָט צו טאָן... דער גוי זאָל נאָר פון קייט אָפּטשעפּען... דערווייל איז ער געשטאַנען גרייט און אַלע מוסקלען האָבן אין אים געשפּילט, ווי עפּעס וואַסערדיקעס וואָלט זיך אונטער זיין פעל געגאָסן פון קערפּער דורך די פיס און צוריק אַרויף...

ביינאַכט אָבער, איז מורקע געלעגן אין פאָדערהויז פון זיין בעל־הביתטעס נידעריקן שטיבל, זיך געקאָרטשעט ליגנדיק אין ווינקל און געציטערט הערנדיק דעם לייכטן רויש, וואָס האָט זיך געטראָגן פון באָרבאָסעס טריט. דער שאָרך איז געווען אַ שטילער, אַ געמאָסטענער און געציילטער, נאָר אַ פעסטער און אַ ווילדער, ווי דער גרויסער שוואַרצער וואָלף־הונט וואָלט אויף פליוש געטרעטן און ווען ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן—האָט מורקע אין דער פינסטער די אויגן פאַרמאַכט און די ברעמען זיינע האָבן געציטערט.

און אַ גאַנצע נאַכט האָט באָרבאָס אַליין געהערשט איבערן גאַנצן הויף.

אין לבנה־נעכט איז באָרבאָס געווען אומרואיק. איז געלאָפן פון בוים צו בוים, זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן הויף, שנאָרכנדיק שטאַרק און ווילד. זיך צוגעקוקט צום שאָטן פון די צווייגן, וואָס האָט געפלאַטערט אויף דער בלייכער ערד, צום שאָטן פון די בלעטלעך, וואָס האָבן געציטערט, ווי פעטקייט אויפן וואַסער, וואָס באַוועגט זיך. געשטאַנען איז ער שטאָלץ און ווילד. דעם קאָפּ פאַרריסן און די פיס גלייך און פעסט, ווי זיי וואָלטן געווען איינגעוואַקסן אין דער ערד. ער האָט דאַן געהערט אַ

היימיש קול, ווי סטייעס הונט וואָלטן אים גערופֿן. און זייער געשריי שרייט צו אים פֿון אים אַרויס. אין זיין ברוסט האָט אויפֿגעקאָכט, אויפֿגעבֿרויזט אין אים האָט אַזוינס, וואָס האָט אים אינגאַנצן איינגעשלונגען און באַהערשט. האָט ער זיך מיט אַמאָל אַ ריס געטאָן פֿון אָרט, און זיך אַ לאָז געטאָן אַרום דעם קיילעכֿדיקן רויזן־בערגל, אַזוי—אַז ס׳האָט אויסגעזען אַ שוואַרצער פּאַס וויקלט זיך האַסטיק אַרום דעם בערגל.
אַזוי האָט געדויערט אַ ווײַלע, און שטיל האָט זיך דער שוואַר־צער פּאַס געוויקלט. נאָר מיט אַמאָל האָט זיך דער פּאַס אײַ־בערגעהאַקט און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַרויסלאָזנדיק אַ ווילד הייס שנאָרכֿן. איז ווי מיד געוואָרן, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די הינטערשטע לאַפּעס, פֿאַרריסן די מאָרדע צום הימל און זיך ווילד צעיאָמערט...
און דאַן פֿלעגט מורקע אָפּט קלאַפּן מיט דעם עק אין טיר, וואו זיינע בעלי־בתים זיינען געשלאָפֿן.
ביז—באַרבאָס האָט זיך באַרואיקט צוריק האָט די ווילדקייט אין אים איינגעדרימלט. האָט ער זיך אויסגעצויגן און געשוויגן, שפּינענדיק שטיל זיין נעפּלדיקע בענקשאַפֿט צו ווייטע הוילע וועלדער, ווילדע סטעפּעס און סטייעס הינט...
געלעגן איז ער ווי טויט. נאָר אויפֿן הויף האָט זיך געפּילט זיין שוואַרצקייט און זיינע צעווילדעוועטע פֿינצטערע אויגן...

* *
*

ס׳איז געווען דער זומער פֿון יאָר 1919.
אויפֿן הויף האָבן די דריי שכנים געשוויגן. דער קלייטניק, וואָס האָט געוואוינט אין דער הייך, האָט פֿאַרלאָזט זיין קלייט, איז געזעסן אין דער היים אַ בלייכֿער און אַן אָוונט־שטילער, אויף זיינע ליפּן האָט נאָך געשוועבט אַ שמייכל און ער איז געזעסן און געוואַרט... ער האָט אָפּט געקוקט אַהין צום ים, וואו ס׳זיינען געשטאַנען די פֿראַנצויזישע שיפֿן, און דער שמייכל זיינער האָט זיך געשפּילט, ווי טראָפּנס טוי קעגן דער מאָרגן־

זון נאָר מיט יעדן טאָג האָבן זיך די קנייטשן אויף זיין שטערן טיפער געשניטן: ער האָט זיך געשראָקן פאַר דעם, זיין גלייכגעוויכט זאָל זיך נישט אַ שאָקל געבן. און אָפט געטראַכט מיט וואונדער:—וואָס זאָל עס הייסן?

דער צווייטער שכן—פאַרקערט, איז וואָס ווייניקער אין שטוב געווען, ער האָט אויך געשוויגן און געשטאַנען אַ געדולדיקער אין די „אָטשערעדן". ער האָט שוין כלל קיינמאָל נישט גע־לעבט אַזוי גוט, אים זאָלן אָפשרעקן די „אָטשערעדן". ער האָט אָבער מורא געהאַט פאַר דעם, וואָס אַנדערע לעבן אין שרעק: אויב אַזעלכע גבירים זיינען שוין הפקר געוואָרן—וואָס זשע קאָן שוין מיט אים געשען?!... און דער דריטער שכן—דער יינג־סטער, האָט גלייכגילטיק געטראַכט וועגן דעם, וואָס עס וועט אויסקומען לחלוטין צו הונגערן. נאָר גאָרנישט, הונגערן איז הונגערן...

נאָר דער הינקענדיקער גוי, וואָס איז געווען דער וועכטער פון הויף און צו דערזעלבער צייט זיך פאַרנומען מיט שוסטעריי— ער איז שוין געווען גאָר שטאַרק אויפגערעגט און נאָך שווע־רער געשוויגן. אפשר דערפאַר, וואָס ער האָט שוין געפילט דעם הונגער אונטער די פלייצעס? און אפשר דערפאַר, וואָס די דריי שכנים האָבן נאָך נישט געהונגערט? נאָר אויף זיין פאַר־ביסן פנים האָט מען געזען ליגן עפּעס אַזאַ פאַרגליווערטס, וואָס האָט דערציילט, אַז ער האָט עפּעס שטיל פאַרטראַכט. אויך די דאָמאַשעווסקעכע האָט זיך אויפגעהערט ווייזן.

אַ פּאָר מאָל האָבן זיך ביי אים אין שטיבל באַוויזן עפּעס מאָד־נע הויכע גוים. זיי האָבן געטראָגן מיט זיך אַ וואַרימען זאַטן דאָרפס-ריח. און זייערע שטימען האָבן אָפּגעהילכט זוניק און דאָרפיש. זיי האָבן זיך מיט אים געעצהט, זיינען אַוועק, און דער ·גוי איז געוואָרן נאָך שטילער און נאָך עקשנותדיקער רואיקער.

און איינמאָל, אין אַ זוניקן פרימאָרגן, איז די גויע אויפגעשטאַ־נען, גענומען איר קינד מיט די קרומע פיסלעך און אַרויס פון הויף. מיט איר איז געגאַנגען עפּעס אַ „קומיכע", וואָס איז די

נאַכט דאָרט געשלאָפן. זי איז געגאַנגען שטיל מיט אַ צורויטלט אָפּגעבּרענט פּנים, וואָס האָט דערמאָנט אין שניט אויף די פעל־דער און אין טרוקענע סנאָפּעס. אַז מורקע האָט געוואָלט נאָכ־לויפן–האָט די דאָמאַשעוסקעלע אים צוריקגעטריבן, דערביי איז זי צורודערט און בייז געווען:
–צו אַלדע טייוול, אַן אַנטשעפעניש!...
די „קומיכע" האָט עס ווי נישט באַמערקט. זי האָט ווייטער געשפּינען די רואיקייט פון שניט. מורקע איז צוריקגעלאָפן, זוך באַלד צוריק אויסגעדרייט און געבליבן שטיין מיט תּמעוואַטע אויגן: דאָס ערשטע מאָל, אַז ער זעט זי אַזוי צוטראָגן און דאָך רואיק... ער האָט לחלוטין נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס דאָ קומט פאָר.
דער גוי איז אַרויסגעקומען, איז צוגעגאַנגען צום טירל און אַרויסגעשטעקט נאָר דעם קאָפּ: ער האָט עפּעס געוואָלט פרעגן ביי דער גויע זיינער, נאָר ער האָט געשוויגן. זיך דערמאָנט, אַז אייגנטלעך האָט ער שוין מיט איר אַלץ אָפּגערעדט. האָט ער נאָר געקוקט און געזען, ווי זי ווערט דאָרט רעכטס-צוזאַ־מען מיט דער „קומיכע" פאַרהוילן.
ער איז צוריקגעגאַנגען און פאַרמאַכט דאָס טירל. מורקע האָט אויף אים אויסגעשטעלט בעטנדיקע אויגן... געפילט האָט מורקע, אַז דאָ האָט זיך עפּעס בייזעס אָנגעהויבן... און געוואָלט אויס־פאָרשן וואָס, נאָר יענער האָט זיך נישט אומגעקוקט. האָט זיך נאָר אַוועקגעשטעלט ביי זיין נידעריק שטיבל און מיט פאַר־נעפּלטע, נאָר בייזע אויגן באַטראַכט די ביימער, דערנאָך אַ בליק געוואָרפן צום זוניקן הימל, אויף באָרבאָסן, וואָס איז גע־לעגן מיט געקערעוועטע אויגן צו אים. האָט עפּעס מיט אַמאָל אויסגעשפּיגן און אַריין צו זיך.
דערווייל האָט זיך דאָס טירל געעפנט. מורקע האָט זיך נישט צוהאַווקעט, האָט נאָר אַ ציטער געטאָן, ווי ער וואָלט זיך אָן עפּעס דערמאָנט און האָט מורא, אַז ער האָט פאַרשפּעטיקט. איז גיך אַרויס דורכן טירל, שטייען געבליבן, געקוקט פון אַלע זייטן און זיין בעל-הביתטע נישט געזען, ער האָט זיך געלאָזט

לויפֿן, אָפּגעלאָפֿן ביזן סוף געסל. ווידער שטיין געבליבן און אָנגעהויבן געלאַסן צוריקלויפֿן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

די גויע איז שוין מער נישט צוריקגעקומען, און דער הינקענדיקער גוי האָט אַלץ אַזוי געשוויגן און זיך אויף מורקען נישט אומגעקוקט. ער איז כּסדר געווען פֿאַרנומען מיט עפּעס אַ שוועריקייט, וואָס ער האָט געדאַרפֿט דורכמאַכן.

אין שטיבל האָט זיך באַוויזן אַן אַלטע גויע מיט אַ געקנייטשט פֿאַרעקשנט פּ.ים. ס'האָט אויסגעזען, אַז זי האָט זיך פֿעסט באַשלאָסן, האָט אַוועקגעוואָרפֿן אַ מאַן אַ שיכּור און שוין יאָרן, אַז ער קאָן זי נישט איבערבעטן... זי האָט זיך שטיל געפּאָרקעט און געקאָכט אויפֿן קוימען. בשעת מעשה האָט זי בייז געטראַכט פֿון דעם מאַן, דעם שיכּור, און פֿון די קינדער, וואָס זי האָט אים צוגעוואָרפֿן. און אַזוי פֿאַרביסן און שווייגנדיק איז זי געזעסן מיט דעם הינקענדיקן גוי ביים טישל אין דרויסן און געגעסן. מורקע איז אַרומגעשפּרונגען אַרום זיי, זיך געלאַשטשעט, געשטעלט זיך אויף די הינטערשטע פֿיסלעך, נאָר זעלטן, אַז די גויע האָט אים עפּעס צוגעוואָרפֿן.

באָרבאָס איז געלעגן און געשוויגן, אים איז אויך אויסגעקומען נישט פֿאַרשטענדלעך, וואָס אָט די יונגע גויע מיט די לויפֿנדע אייגעלעך, דערלאַנגט אים מער גאָרנישט. און שוין אַ צייט, אַז ער הערט נישט דאָס געוויין פֿון שיקסל מיט די קרומע פֿיסלעך. האָט ער אַרויסגעלאָזט קולות דורך דעם האַלז, ווי ער וואָלט דאָס דורך אַ פֿייפֿל געבלאָזן. נאָר אָפּטער האָבן עס דערהערט די שכנים, וועלכע האָבן אים עפּעס אַרויסגעטראָגן. דער הינקענדיקער גוי האָט זיך קיינמאָל נישט אומגעקוקט...

אַז מורקע האָט באַמערקט, ווי מען טראָגט עסן פֿאַר באָרבאָסן, האָט ער אָנגעהויבן אַקעגן שפּרינגען דעם שכן, דאַן איז באָרבאָס מיט אַמאָל און בייז אויפֿגעשפּרונגען און אָנגעהויבן וואָרנדיק צו וואָרקען. דער שכן אָבער האָט מורקען אָפּגעטריבן:

—נאַ דיר... נאָך ער פֿעלט מיר... גיי דיר צו דיינע בעלי־בתים.

און דערביי האָט ער געטראַכט:

—אַזאַ הונגער... נאַ דיר נאָך הינט אויף אונזער קאָפּ...

דער הינקנדיקער גוי האָט געקוקט קאָסע דורכן פענצטער און געזען ווי דער רייכער שכן טראָגט צו באָרבאָסן עסן, און דערביי געטראַכט:

—וואַרט, וואַרט... איר וועט דאָ אַלע אויספּגרן פון הונגער... צוזאַמען מיט די הינט וועט איר פּגרן...

און דאַן פלעגט זיך אַ גרין שמייכעלע אַוועקלייגן אויף זיין אונטערשטער ליפּ, פונקט ווי ער וואָלט אין מויל אַ גרין בלעטל געהאַלטן און נאָר דער קאַנט קוקט אַרויס...

מורקע האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר. אים האָט נישט געקאָנט איינפאַלן, אַז עס האָט זיך אין מיטן ליכ-טיקן זומער אַ הונגער אָנגעהויבן און, אַז זיין בעל-הביתטע איז אַוועק אין דאָרף אַריין. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס דער הינקעדיקער גוי איז געוואָרן אַזוי קאַלט צו אים, און זיצט כסדר פאַרטראַכט, און האָט נאָר געוואוסט, אַז ער איז הונ-געריק.

דער בויך איז ביי אים איינגעפאַלן, און דער גלאַנץ פון זיין פעל איז מאַט געוואָרן. האָט ער זיך אין זיין יחוס פאַר-געסן, אָנגעהויבן בלאָנדזשען אין די דערבייאיקע געסלעך, צו זוכן צווישן מיסט. גאַנצע טעג איז ער אַרומגעלאָפן כדי צו שטילן זיין הונגער און צוריקגעקומען אַ מידער און געפאַלע-נער... און איינמאָל פאַרנאַכט איז ער צוריקגעקומען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און געהינקט אויף אַ פיסל.

ער האָט זיך אַוועקגעלייגט נעבן שטיבל. געלעגן מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן און שוין נישט געקאָנט טראַכטן. אַ שווערער נעגל האָט זיין מח איינגעהילט. ער האָט נאָר גע-וואוסט, אַז עפּעס האָט זיך אַלץ מיט אַמאָל איבערגעדרייט און ער איז שוין נישט דער, וואָס ער איז געווען. אַ גאַנצע נאַכט האָט ער גאָר שלעכט געדרימלט, און צומאָרגנס אַ גאַנצע טאָג אין זינען געהאַט, אַז עס איז אים זייער שלעכט געוואָרן.

נאָר געהערט האָט ער נאָך, ווי דער הינקנדיקער גוי

קלאַפּט אַלץ מיט דעם האַמער אויף דער פּאָדעשווע. און ער האָט זיך אַלץ געהאַלטן ווייט פון די שכנים און אויף יעדן גע-האַווקעט. ביז — ער האָט צוריק אָנגעהויבן פאַרפאַלן ווערן איבער די טעג.

עס האָבן זיך געצויגן זוניקע טעג, טעג, וואָס שטייען שטיל פאַרגליווערט אונטער דער הייסער זון. און מורקע האָט שוין געפילט, ווי ער וואָלט כּסדר געבלאָנדזשעט אין אַ ליידי-קער סטעפּ און דער מח טומלט פון היץ. גאַנצע טעג האָט ער זיך נישט געוויזן, נאָר פאַרנאַכט איז ער צוריקגעקומען מיט אַ פאַרריסטער מאָרדע און פאַרפלעקטער פעל.

אין הויף האָט מען אים ווייניק געזען. מענטשן זענען געווען שטאַרק פאַרנומען מיט זיך. דער קלייטניק איז אַלץ געזעסן אַ בלייכער מיט דער גרויסער גלאַנציקער ליסינע און מיט דעם פולן פליישיקן פּנים. ער האָט נישט אָפּגעריסן זיין בליק פון ים, וואו די שיפן זענען געשטאַנען, און כּסדר גע-טראַכט פון דעם: וואָס ס׳איז גאַנץ מעגלעך די שיפן זאָלן פאַר-שפּעטיקן... ס׳וועט אים שוין דעמאָלט אַלץ איינס זיין... פאַר די שכנים האָט ער זיך אַלע טאָג געקלאָגט, אַז ער האָט שוין די לעצטע עטלעכע רובל. יעדן טאָג האָט ער עס איבערגע-חזרט, ווי ער וואָלט דאָס געמוזט איבערקומען... זיי האָבן אויסגעהערט און געשוויגן, טראַכטנדיק, אַז ער זאָגט עס שוין אַזוי חדשים-לאַנג... דער ייד, וואָס האָט אַמאָל געדינט אין וואַלד — איז געווען אין די „אָטשערעדן" שטענדיק, באַוויזן גרויס בריהשאַפט, און אויב ער איז אַמאָל אַהיימגעקומען אָן אַ ברויט, איז עס געווען נישט דערפאַר, ווייל ער האָט קיין „אָטשערעד" נישט געהאַט, נאָר פּשוט דערפאַר, וואָס אים האָט געפעלט געלט, אָדער, ווייל מען האָט שוין אין „אָטשערעד" אויך נישט באַקומען.

און מורקע האָט געדאַרט. אַרומגעלאָפן גאַנצע טעג און געהונגערט. אַפילו דער ייִנגסטער שכן, וואָס איז געווען אַ לע-רער — און רחמנות געהאַט אויף „שטומע צונגען" האָט אויך נישט געהאַט קיין צייט אים צו באַמערקן, נאָר איינמאָל פאַר-

נאַכט, ווען אַלע שכנים זענען געשטאַנען אויפן הויף, האָט זיך דער ייִנגסטער שכן מיט אַמאָל אָפּגערופן:
—זעט נאָר, זעט, וואָס פון מורקען איז געוואָרן.
אַלע האָבן זיך אומגעקוקט און דערזען, ווי ער האָט אַנ־קומען אַ טיפּן קנייטש אין רוקן. דאָס זענען אים די האָר אויף דעם אָרט אויסגעקראַכן און די פעל האָט זיך איינגעשרומפּן.
—אַ? גוט? אַיאָ גוט?...—האָט דער קלייטניק אָפּגעזיפצט. דערביי געוואָרפן אַ בליק אויף דער זייט צום ים, וואָס האָט פון ווייטן געווינקען צווישן די ביימער ווי אַ שטיק האָריזאָנט; ווי ער וואָלט געוואָרנט: געדענקט... געדענקט, איר וועט פאַר־שפעטיקן... און אויסגעלאָזט מיט אַ זיפץ:
—יאָ... ס'איז וואויל...
נאָר מורקע האָט ווייטער געהונגערט. ער האָט אָנגעהויבן האַווקען פאַרביטערטער, צעטראָגענער. נאָר אַ מאָדנע זאַך, איצט האָט זיך קיינער פאַר אים נישט געשראָקן. ווייל נישט פאַרויס איז ער ביים האַווקען געלאָפן, נאָר צוריק, הינטערווייליכטס.
באָרבאָס איז כסדר געלעגן רואיק און הונגעריק. אין גרויסן קאָפּ האָט אים שטאַרק געטומלט, און אים האָט זיך גע־דאַכט, אַז ער הערט ווי גאַנצע סטאַדעס הינט בילן, דאָרט אויף ברייטע, שוואַרצע פעלדער. נאָר געקוקט האָט אויף מורקען, געזען זיין געפּאַלנקייט, ווי זיינע אויגן בעטלען ביי די שכנים און עפּעס אַ גלאַנץ פון אַ שמייכל האָט זיך באַזעצט אונטער זיינע נאָזלעכער...

* * *

ס'איז געווען אַ בלויער באַגינען. אַ קיל ווינטל האָט גע־כלאָזן דורך דעם אָפענעם פענסטער. אויף דער וואַנט, אַנט־קעגנבער האָט אַ ראָזע שיין זיך אויסגעגאָסן. אַ שטילער רויש האָט זיך אין ליידיקייט געטראָגן, אין אַזאַ מאָרגן האָבן מענטשן אַ טבע צו שלאָפן געשמאַק און זיכער, נאָר דער שכן, וואָס וואוינט אויפן צווייטן שטאָק—האָט שלאָפן נישט געקאָנט.
אין די לעצטע טעג, איז אין זיין האַרץ אַ בלינדע שרעק

געוואַקסן. אין שטאָט האָט מען קאָנטריבוציעס געמאָנט. מען האָט געסטראַשעט מיט טויט. און אַ פּחד האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די, וואָס האָבן צו דעם קלאַס רייכע געהערט. אייניקע סוחרים פון זיין בראַנזשע זענען אויך אַרומגעגאַנגען מיט דעם שווייגנדיקן שמייכל און מיט דער האָפנונג אויפן ים. האָבן זיי געוואַרט און נישט געטראַכט פון באַצאָלן. זענען זיי אַזוי שמייכלענדיק געשלאָפן, ביז מען איז געקומען אין מיטן דער נאַכט, זיי אַוועקגעפירט און אין טורמע באַזעצט. דערפאַר האָט זיך דער שמייכל פון זיינע ליפּן אַראָפּגעגליטשט און זיין האָפנונג אויפן ים איז אויך שלאַבריקער געוואָרן. ער האָט זיך געפילט אַזוי, ווי אַן אויג וואָלט אויף אים כּסדר געוואַכט און געלאַקערט...

און אַז ער האָט געהערט ווי באָרבאָס האָט זיך שטאַרק צעהאווקעט און דער גרויסער טויער עפנט זיך מיט אַ הייזעריקן קרעכץ—איז אים געוואָרן אַזוי, ווי מ׳וואָלט אים אין האַרצן פּלוצלונג אויסגעהוילט און דערפאַר איז ער געוואָרן דוקא רואיק...

ער איז אַראָפּ פון געלעגער מיט אַ מינע פון גלייכגילטיקייט, בעת מעשה האָט זיך אים געגלוסט אונטערצוזינגען אונטער דער נאָז, נאָר דאָס ווייב איז נאָך געלעגן און געכראָפּעט; האָט ער זינגען נישט אָנגעהויבן, נאָר האָט זיך פאַרעקשנט. נישט געאיילט: מילא?! ווער שרעקט זיך דען פאַר זיי?!... און אַז ער איז צו צום פענסטער האָט ער געזען ווז אַ גרויסער פאָרגאָן שטייט נעבן נידעריקן פליגל, וואו דער הינקנדיקער גוי וואוינט.

ער איז מיטאַמאָל געוואָרן רואיק און זיך געשעמט פאַר זיך אַליין מיט דעם, וואָס ער האָט זיך אַזוי שטאַרק דערשראָקן; ווען מען זאָל קומען, דאַרף מען דען עפענען דעם גאַנצן טויער?...

נאָר אין האַרצן איז אים נאָך אַלץ געווען אויסגעהוילט. אַז ער האָט זיך אויסגעקערט צום שפּיגל, האָט ער דערזען, ווי ער איז שטאַרק בלייך און די אויגן זענען אים ווי טיפער אין קאָפּ געזונקען. האָט ער פון שרעק גענומען שמייכלען צו זיך אַליין...

אַז ער איז אַראָפּ הינטן, האָט ער געזען ווי דער הינקענדיקער גוי מיט דער אַלטער גויע לייגן אויף די זאַכן אויפן פאָרגאַן, און אַז ער איז צוגעגאַנגען נענטער, האָט ער באַמערקט, ווי אַלע שטוב־זאַכן זיינען איינגעפּאַקט. ווייזט אויס: נאָך ביינאַכט זיך איינגעפּאַקט.

ער האָט זיך ווידער דערשראָקן, אַז מיט דעם, וואָס דער גוי ציט זיך אַרויס פון דאַנען–וועט דאָ גאָר ליידיק ווערן און ער וועט שוין לחלוטין הפקר זיין... בשעת מעשה האָט ער געטראַכט. אַז אייגנטלעך איז גאַנץ גוט, וואָס אָט דער הינקענדיקער גוי וועט דאָ נישט זיין. איז ער שטיין געבליבן און געוואַרט, דער הינקענדיקער גוי זאָל אים עפּעס זאָגן. נאָר יענער איז אַלץ געווען פאַרגלייווערט, און אַלץ מיט דעם פאַרהוילענעם גרינעם שמייכעלע. ווי ער וואָלט זיך גערייצט:

–אַהאַ! האָב איך אייך שוין איינמאָל אָפּגעטאָן...

אַזוי האָט געדויערט אַ ווײַלע. באָרבאָס, וואָס האָט פריער שטאַרק געהאַווקעט, האָט זיך געהאַט באַרואיקט, נאָר ער איז נאָך אַלץ געשטאַנען שטייף מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ און האַלב פאַר־ריסענע אויערן... אים איז אויסגעקומען משונה־ווילד, וואָס מען טראָגט אַרויס די זאַכן פון שטיבל און דער הינקענדיקער גוי העלפט נאָך אַליין צו... אַ פונק פון אַ בלינדער האָפנונג האָט אויפגעגלאָצט מיט אַמאָל אין זיינע אויגן: אפשר וועט מען אים אויך פון דאַנען אַוועקפירן... דאָ איז אַזוי לאַנגווייליק. נישטאָ קיין שום באַשעפעניש, אויסער דעם קליינעם שוואַכן היטל, וואָס הייסט מורקע. און שוין אַזוי פיל טעג מיט שוואַר־צע און גרויע נעכט זיינען פאַרביי. זייט ער איז אַהער געקו־מען... ער געדענקט שוין נישט דעם אָנפאַנג...

ער שכן האָט געפרעגט:

–וואָס עפּעס?

–וואָס זאָל זיין?–האָט דער הינקענדיקער צוריקגעפרעגט, ניט אויפהייבנדיק די אויגן און מער נישט אַ וואָרט.

–ס'הייסט איר ציט זיך אַרויס?

–ס'הייסט.

נאָכדעם האָט ער שוין נישט געהאַט וואָס צו פרעגן, און ער האָט זיך ווידער דערפילט איבערגעשראָקן, ווי ער וואָלט זיך איבערצייגט, אַז מען האָט אים ווירקלעך שטאַרק אָפּגעטאָן... האָט ער עס געוואָלט פאַרגלעטן:

—אַ שאָד... איר ציט זיך אַרויס... אין דאַרף אַריין געוויס...

—ס'זעט אויס אַזוי...

—נו, פאַרשטענדלעך... דאָ הונגערט מען דאָך שוין...

—מ'וועט ערשט אָנהייבן הונגערן... וואַרט צו...

אַזוי האָט דער הינקענדיקער גוי זיך אָפּגעזאָגט, און אַלץ ניט אויפגעהויבן די אויגן... דערווייל האָט זיך מורקע אַרויסגע־רוקט פון ווינקל, וואו ער איז געלעגן אין שטוב. אים איז נישט איינגעפאַלן אַז בארבאָס שטייט שוין, אַזוי פרי, אויף דער קייט. האָט ער צוערשט זיך געלאָזן אַרויסגענאַרט, און מיט אַמאָל אָנגעהויבן האַווקען אויף דעם פרעמדן גוי—דעם פור־מאַן. דערביי געקוקט מיט באַרימערײַ צום הינקענדיקן, נאָר קיינער האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט.

דערווייל איז אַרויסגעקומען אַ צווייטע שכנה, אָט די, וועמענס מאַן ס'איז אַמאָל געווען אַ מענטש אין אַ וואַלד און שטייט היינט אַזוי בריהש אין די אָטשערעדן. דאָס איז געווען אַ פולע יידע־נע מיט בעל־ביתישע זאָרג אויף איר ברייט פויעריש פנים... זי איז אַרויסגעקומען, אָט אַזוי, ווי זי וואָלט אַ בעלן זיין זען צי ס'איז שוין צייט זיך נעמען צו דער טאָג־אַרבעט. האָט גע־האַט צעגלאַנצטע אויסגעשלאָפענע אויגן און דאָס קורצע נעזל איז איר געווען רויטלעך—ווי אין דרויסן וואָלט אַ שטאַרקער ווינט געבלאָזן. האָט זי געגעבן אַ קוק אויף דער פור און גע־זאָגט צו זיך אַליין:

—אָט פאָרט ער גאָר אינגאַנצן אַרויס—און איז צוריק אַריין.

דער קלייטניק האָט איר גאָרנישט געענטפערט און זיך געלאָזט מיט לאַנגזאַמע טריט שפאַנען איבערן הויף און בלייך געטראַכט:

—נו, וואָס? ס'וועט גאָר קיין סוף נישט נעמען?...

דער פורמאַן האָט נישט געקאָנט פאַרליידן ווי מורקע פּלאָנטערט זיך אונטער די פיס, האָט ער געגעבן אַ שאָרווע מיט אַ בענקל, מורקע האָט אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש און זיך געגעבן אַ וואָרף מיט אַזאַ אימפּעט, אַז ער איז געפאַלן, זיך אַ קאָלער געטאָן און צוריק אויפגעשפּרונגען.

און מיט אַמאָל איז מורקע שטיל געבליבן. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אין בויך איז אים שטאַרק לײדיק און ער האָט דערפילט אַ שווערן נאָגנדיקן הונגער. האָט ער אָבלדיק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, אַ ווײלע געשטאַנען צוטומלט. דערווײל איז די שכנה מיטן ברײטן פּויערישן פּנים אַרויסגעקומען מיט אַ קײשל אין האַנט, געעפנט דאָס טירל, און מורקע, דערהערנדיק דעם קרעכץ פון טירל, האָט זיך עפּעס ווי דערמאָנט, אַז דאָרט אין גאַס, קאָן מען עפּעס אַמאָל געפינען, האָט ער זיך מיט אַמאָל אַ לאָז געטאָן און אַרויס מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

די זון האָט זיך אַרויסגערוקט און ס'האָט אויסגעזען, ווי דער הויף איז מיט אַמאָל אָפּגעגאָסן געוואָרן פון אַ שיטערער ליכטיקײט. אַלע דרײ שכנים זײנען שוין אויף געווען. דער שכן מיט דעם בערדל האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין „אָטשערעד" און דער ײנגסטער שכן האָט שווײַגנדיק געקוקט אויף דעם בלויראָזן האָריזאָנט און בשעת־מעשה געטראַכט, ווי אין אַזאַ ליכטיקן פרימאָרגן וואָלט בעסער געווען צו שפּאַצירן אײנער אַלײן בײם ים, אײדער גײען אין שטאָט צו די נאַרישע עסקים. דער קלײטניק האָט שוין געהאַט טײ געטרונקען און האָט זיך שרעקנדיק געווענדט צום יונגסטן שכן, וואָס האָט זיך געגרײט צום אַוועקגײן:

–איר גײט שוין?

–באַלד.

–אָט, ציט ער זיך גאָר אַרויס.

–זאָל ער זיך ציען.

–דאָס אַנטלויפט ער פּשוט פון הונגער.

–אַז וואויל איז אים.

–עס איז גאָרנישט קײן וויץ... אים איז טאַקע וואויל... ער

פּאָרט זיך אין דאַרף אַריין און פּטור... דאָ וועלן מיר דאָך אומקומען... איך וועל אייך זאָגן דעם אמת... וואָס איז זיך פאַראַן היינטיקע צייטן צו שעמען... קיין מסחר איז נישטאָ... וואָס זשע וועל איך גיין אין שטאָט? זיץ איך אין דער היים און גיב אויס די לעצטע עטלעכע רובל... ס׳איז דאָך אַ שרעק-לעכע זאַך!...

—נו, די לעצטע עטלעכע רובל...

—און איר מיינט, אַז איך שפּאַס דאָס? כ׳האָב דעם לעצטן הונ-דערטער.

דער יונגער שכן איז באַלד אַוועק און ביים קליטניק איז איצט אויסגעקומען, אַז ער האָט שוין לאַנג געוואוסט פון דעם, אַז דער הינקענדיקער גוי ציט זיך אַרויס... און אַז ער האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דעם.

די שכנה מיטן קיישל איז צוריקגעקומען. דער קלייטניק האָט איר פלוצלונג געפרעגט:

—נו, וואָס? פאַראַן וואָס צו קויפן אין מאַרק?

—אין מאַרק? גאָר נישט... אָבער לחלוטין גאָר נישט... נאָר אוגערקעס...

אַזוי האָט די שכנה געזאָגט, און אויפן פּנים פון קלייטניק האָט זיך עפּעס ווי אַ שיין צושפּילט. ער האָט נישט געקאָנט איינ-האַלטן דעם שמייכל און האָט פאַרענדיקט זיין שטילן געדאַנק, וואָס האָט געלעבט פאַרווערטערהייט:

—וואָס דען... ביי אַזאַ לעבן... ס׳איז דען מעגלעך צו לעבן...

דערווייל האָט די שכנה דערזען, ווי דאָס נידעריקע שטיבל איז שוין ליידיק און אויף דער ערד זיינען טיף געשניטן די צייכנס פון די רעדער, האָט זי זיך אומגעקוקט און דערזען, ווי ביים טויער שטייט שוין די פור מיט די זאַכן, האָט זי מיט אַמאָל אַ זאָג געטאָן:

—נאַ דיר, אין מיטן דערינען... ער זאָל עס פריער אַ וואָרט זאָגן... אַפילו נישט דערמאָנט...

און דעם קלייטניק איז איינגעפאַלן:

—מען דאַרף זען דער טויער זאָל זיין גוט פאַרמאַכט... איצט איז שוין קיין וועכטער אויך נישטאָ... מען דאַרף דעם טויער בכלל האַלטן פאַרמאַכט...

באָרבאָס איז אַלץ געשטאַנען שטייף מיט אַן אויפגעצויגענעם קאָפּ און אויפגעהויבענע אויערן. און די אויגן—ווי זיי וואָלטן אַרויסגעטרעטן פון שוואַרצן סאַמעט־קאָפּ און ציען זיך נאָך דער פור... ווען דער גרויסער טויער האָט זיך געעפנט, האָט זיין פעל שטאַרק אַ ציטער געטאָן. ער האָט דערפילט, אַז די פור וועט אַרויס און ער וועט דאָ בלייבן. האָט ער זיך שטאַרק אַ ריס געטאָן, נאָר די קייט האָט אים צוריקגעוואָרפן. אַזוי, אַז ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן קאָפּ צו דער קייט און דעם קערפּער צוריקגעשליידערט.

און ווען דער טויער האָט זיך צוריק פאַרמאַכט און ס׳איז געוואָרן שטיל, האָט זיך דאָס שטיבל באַגאָסן מיט ליכט און דורך דעם אָפענעם פענסטער האָט עס געטריבן מיט ליידיקייט. האָט באָרבאָס זיך אָנגעהויבן רייסן פון קייט מיט רויטלעך־צוגלאַנצטע אויגן און זיך ווילד צוהאַווקעט. אים איז אויסגעקומען, אַז פון איצט אָן וועט ער בלייבן אינגאַנצן פאַרלאָזט, און אַז אויך ביינאַכט וועט מען אים שוין פון דער קייט נישט אַראָפּלאָזן.

דער קלייטניק האָט זיך געפּאָרקעט ביים טויער געזען ער זאָל זיין גוט און זיכער פאַרמאַכט.

דערווייל איז אָנגעלאָפן מורקע. איז גלייך צוגעלאָפן צום שטיבל און זיינע אויגן זיינען עפּעס ווי פאַרכמאַרעט געוואָרן. ער האָט אָנגעהויבן שנאָרכן, און—באַך! אַריינגעשפּרונגען דורך דעם פענסטער, דאָרט, אין שטיבל, האָט ער זיך אָנגעהויבן דרייען ווי אַ רעדל, האַווקענדיק און שפּרינגענדיק פון וואַנט צו וואַנט, מיט אַמאָל שטיין געבליבן, און ווי מיט פאַרטרערטע אויגן געקוקט אויף די ליידיקע ווענט. פּלוצים איז אים עפּעס איינגעפאַלן, האָט ער זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און ווי אַ קנויל זיך צוריק דורך דעם פענסטער אַרויסגעשליידערט און זיך געלאָזט לויפן מיט די טיפע רעדער־שניטן ביז צום טויער. נאָר

דאָרט איז ער שטיין געבליבן, דער טיער איז שוין געווען פאַרמאַכט.
באַרבאָס איז שוין דאַן שטיל געשטאַנען, און זעענדיק ווי מור־קע הויבט אָן שפּרינגען און אָנקלאַפּן מ ט די פאָדערשטע פיס־לעך אין טויער—האָט ער זיך געלאַסן אַוועקגעלייגט: ער וועט נאָך צוריקקומען...
מורקע האָט זיך מיט אַמאָל געוואָרפן צוריק. אַרויס דורך דעם הינטערשטן טירל, וואָס איז געווען אין דער אַנדערער זייט, זיך אַ לאָז געטאָן אין איין אימפּעט אַרום און אַרום, ביז דער זייט וואו עס איז דער גרויסער טויער, מענטשן האָבן זיך אָפּגע־שטעלט מיט וואונדער: ס׳האָט אויסגעזען, אַז דאָס הינטל לויפט נישט, נאָר גליטשט זיך מיט געוואַלטיקן טעמפּ.
מורקע איז צוגעקומען ביז צום טויער נאָר דאָ זיינען שוין קיין שום צייכנס נישט געווען אויף דער ברוקירטער גאַס. ער האָט זיך נאָך אַ לאָז געטאָן אַראָפּ גאַס, נאָר ער איז אינגיכן שטיין געבליבן מיט אַן אַראָפּגעלאָזן עק און קאָפּ. זיך געלאָזט שפּאַנען טריט ביי טריט, און כסדר צו דער ערד געשמעקט.
פון זיינע אויגן האָט געקוקט אַזאַ טרויער, וואָס האָט זיך ווי דינע שטראָמעלעך געגאָסן ביז צו די פּאַריסטע נאָזלעכער...

צוריקגעקומען איז ער שטיל. איז פאַרביי געגאַנגען באַרבאָסן און זיך אַוועקגעלייגט אונטערן אָפענעם פענסטער פון ליידיקן שטיבל. געלעגן מיט בעטנדע אויגן און אַלע ווייל אויפגעצויגן דעם קאָפּ. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער הערט אַ באַקאַנט קול...
באַרבאָס איז אויך געווען אומרואיק, און אַז אַ שכן האָט אים אַרויסגעטראָגן עפּעס עסן, איז ער נאָר אויפגעשטאַנען און נישט אויפגעשפּרונגען. מורקע—איז געבליבן ליגן.
די ליכטיקייט אין הויף איז געלעגן אַ שטילע, אַ געשטיקטע. קיין ווינטל האָט נישט געבלאָזן און פון ווייטן האָבן זיך הוי־לע קלאַנגען געטראָגן. פון אָפענעם פענסטער האָט די ליידיקייט מיט אומעט אָפּגעהילכט. מורקע האָט געפינטלט מיט די טרוי־ריקע אויגן און באַרבאָס איז געלעגן אויסגעצויגן, די מאָרדע

אויף די פּאָדערשטע לאַפּעס און מיט האַלב־צוגעמאַכטע אויגן זיך צוגעהערט צו דער שטילקייט אַרום.
און אויבן אויפֿן צווייטן שטאָק, איז געזעסן דער שכן אין זיין היטל מיטן דאַשיק, מיט טרויעריקע אויגן געקוקט אַהין, וואו די שיפֿן שטייען און מיט האַרצקלאַפּונג געשוויגן.
אויפֿן גאַנצן הויף האָט זיך געפֿילט, אַז דאָ שטייט אַ ליידיק שטיבל, וואו די אומרואיקע שטילקייט האָט זיך באַזעצט...

יענעם אָוונט האָט מורקע זיך לאַנג אַרומגעדרייט איבערן הויף מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, און אַ ביינקשאַפֿט, וואָס ער האָט געפֿילט, אפֿשר צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן, האָט זיך באַ־זעצט אין זיינע אויגן—פֿון דאָרט ווי כמורנעקייט אַרויסגעשיינט.

אַז ער האָט דערהערט טריט, האָט ער זיך צוריקגעוואָרפֿן און זיינע אויגן האָבן זיך צעשפּילט מיט אַזאַ ברוין פֿייערל: אים האָט זיך אַלץ געדוכט, אַז דאָס גייט די דאָמאַשעווסקעכע, נאָר דערזען האָט ער דאָס ווייבל, וואָס איז געקומען פֿון פּוילן צום מאַן, דעם אויפֿגעקומענעם קלייטניק און זיך גענומען צום „פּאָ־פּראַווען" זיך... האָט ער שוין געעפֿנט דעם פּיסק, געוואָלט אַרויסלאָזן אַ האַווקע און האָט זיך באַלד דערמאָנט, אַז עס איז נישט כדאי... האָט ער צוריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, אָפּגע־גאַנגען אייניקע טריט און ווידער שטיין געבליבן, ווי ער וואָלט געוואַרט צו דערהערן דאָס קול פֿון קליינעם שיקסל מיט די קרומע פּיסלעך.
דאָס פּוילישע ווייבל איז דורכגעגאַנגען מיט שנעלע דראָבנע טריטעלעך, ווי זי וואָלט דאָס געגאַנגען אין אַ טאַנץ־זאַל. און מורקע האָט ברייט געוואָלט אויפֿהייבן די אויגן אויף איר.

מאָדנע ווי מורקע האָט נישט פֿאַרליטן אָט דאָס ווייבל, וואָס רופֿט באַפֿעלעריש אַלע ווילע איינעם פֿון אירע יינגלעך. דאָס קול אירס ציט זיך אַזוי קרענקלעך און נערוועז, דערצו נאָך אויף דעם ווייכן פּויליש, וואָס קלינגט אַזוי להכעיסדיק, אַז עס

דאַכט זיך אָט, אָט, און זי פֿאַלט אין חלשות... און נאָך האָט מורקע נישט געקאָנט פֿאַרליידן, וואָס שטענדיק קומט זי אַרויס מיט אַ פֿאַרשלאָפֿן פּנים, אויפֿגעהויבענע אַקסלען און גייט מיט אירע דראָבנע פֿלינקע טריט, נישט באַמערקנדיק ווי מורקע שטייט אויפֿן וועג... און אַ מאָדנע זאַך: איצט, ווען ער האָט געבייגקט נאָך דער דאָמאַשעווסקיכע, האָט ער אַזש אַ ציטער געטאָן, ווען ער האָט דערהערט די דראָבנע טריט.

דערנאָך האָט ער לאַנג אַרומגעבלאָנזשעט פֿון ווינקל צו ווינקל, אַ פּאָר מאָל צוגעקומען צום פֿענסטערל פֿון יענער זייט שטיבל, געשטאַנען און איינגעהערט זיך–שטיל.

ביז ס׳איז טונקל געוואָרן. די זון האָט זיך ערגעץ ווייט אַראָפּגעלאָזט רויט, אַ קופּערנער שאַרפֿער גלאַנץ האָט זיך צעגאָסן איבער די שפּיצןביימער און דער ווינט איז געוואָרן שאַרפֿער. קיינער האָט נישט באַמערקט ווען דער ווינט האָט זיך אָנגעהויבן, ווי ער וואָלט זיך גאָר קיינמאָל נישט אָנגעפֿאַנגען, נאָר באַלט געהאַלטן אין מיטן בלאָזן און ס׳איז נאַכטיק געוואָרן.

י

דערנאָך האָט זיך מיט אַמאָל אָנגערוקט אַ שטיק שוואַרצע כמאַרע. אַזאַ שוואַרצע, אַז זי האָט געוואָרפֿן אַ פֿינסטערן שאָטן אויפֿן הויף–און די שטילקייט איז געוואָרן אַזעלכע, ווי זי וואָלט אַ שוואַרצע געדיכטע מאַסע געקלעטערט איבער וואַנט און דאַך.

מורקע האָט שוין איצט געפֿילט, אַז זיינע בעלי־בתים וועלן שוין היינט נישט צוריקקומען, און אַז ס׳איז אַרויסגעקומען די יינגסטע שכנה און מיט ברייטגעעפֿנטע אויגן אַ קוק געטאָן אויף דער שוואַרצער כמאַרע, האָבן אירע אַקסלען אַ ציטער געטאָן, ווי זי וואָלט דערפֿילט אַ קאַלטן שטראָם איבער זיי, און דאָס בלייכע פּנים איז איר ערנסטער געוואָרן.

מורקע האָט זיך שטיל אונטערטעניק, צוגערוקט צו אירע פֿיס, איז שטיין געבליבן מיט בעטנדיקע אויגן. פֿאַר וואָס די יינגסטע שכנה האָט אים צוגעצויגן? ס׳קאָן זיין דערפֿאַר, וואָס זי איז מער פֿון די איבעריקע געווען ענלעך צו זיין בעל־הביתטע: אַ

שלאַנקע, אַן אויסגעאיידלטע, מיט אַ שמאָל בלייך געזיכט, וואָסן האָט איצט אונטער דעם שוואַרצן וואָלקן אויסגעזען ווינטיק און שטייף. און אפשר דערפאַר, וואָס אַמאָל, אַמאָל האָט זי אים אַ ברעקל צוגעוואָרפן. נאָר געפילט האָט מורקע, אַז אָט ביי דער שכנה איז אויך פאַראַן אַ קליין מיידעלע.

די יונגע שכנה האָט אים דערזען און מורקע האָט דערפילט, ווי אין אירע אויגן האָט אָפּגעגלאַנצט אַ רחמנות צו אים, צום פאַרלאָזטן עלנטן הינטל און אַז זי האָט דערשפּירט זיין ביינק־שאפט, איז אים דערפון אַזש אַ שוידער דורכגעלאָפן איבערן לייב און די פעל האָט ביים רוקן אַ שטאַרקן ציטער געטאָן. ווי דאָס האַרץ וואָלט אים צוגאַנגען פון רחמנות צו זיך אַליין.

ער האָט דעם קאָפּ אויסגעצויגן אַזוי, אַז די מאָרדע איז אויס־געקומען אין אַ גלייכער ליניע מיטן האַלז. דאָס יונגע ווייבל האָט אויסגעצויגן די האַנט, אים אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ. און ער האָט אַזש די אויגן פון גליק פאַרמאַכט.
—נעבעך אַליין געבליבן.
און דאַן האָט מורקע פאַרגעסן אָן זיין פאָרזיכטיקייט און זיך צוגעטוליעט צו איר קליידל, שנאָרכנדיק מיט די נאָזלעכער און באַוועגנדיק מיטן עק.
די יונגע שכנה אָבער, האָט מיטאַמאָל אויסגעדרייט דעם קאָפּ. אין רויש פון כמורנעם ווינט האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי הערט, ווי דאָס קינד רופט איר, האָט זי זיך געלאָזן אין קאָרידאָר.
מורקע האָט געזען, ווי באָרבאָס האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך געשטעלט אויף די פאָדערשטע לאַפּעס, אָנגעהויבן צי־טערן און אין זיינע אויגן האָט זיך אָנגעצונדן אַ רויטלעכע שוואַרצקייט—האָט ער זיך געלאָזט לויפן נאָך דער יונגער שכנה, נאָר ער האָט פאַרשפּעטיקט: ווען ער איז געשטאַנען אין קאָרי־דאָר—האָט יענע שוין די טיר פון שטוב פאַרמאַכט.
אין דער ווײלע האָט מורקע געהאַט ביי זיך באַשלאָסן, אַז די נאַכט בלייבט ער ליגן אין קאָרידאָר אונטער דער טיר פון דער יינגסטער שכנה.

אַ ווײַלע איז ער נאָך אַזוי געשטאַנען. נאָר מיט אַמאָל האָט ער דערפֿילט אַ שטאַרקן הונגער. עפּעס לענג-אויס דעם בויך האָט זיך אַ טעמפּער ווייטיק באַוועגט אַהין און צוריק, דאָס איז געווען דאַן, ווען זיין געמיט האָט זיך געהאַט באַרואיקט. באַלד האָט זיך אים אין קאָפּ אַ נעפּל אויסגעשפּרייט, אים איז געוואָרן אַזוי, ווי מען וואָלט אים אין מיטן שלאָף דערלאַנגט מיט אַ דראָנג איבערן קאָפּ... ער האָט נעפּלדיק געדענקט, אַז ער האָט היינט אַ גאַנצן טאָג גאָרנישט געגעסן. איז ער אַרויס אויפֿן אונטערשטן הויף, טראַכטנדיק פֿון דעם, וואָס דאָרט געפינט זיך דאָס מיסט, און פֿון דעם, וואָס די נאַכט וועט ער רוען אין קאָרידאָר.

אין הויף האָט ער גאָרנישט געפֿונען און מיט אַמאָל האָט ער דערזען, אַז עס איז שוין פֿינסטער. ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס עפּעס ס'איז איצט נאַכט געוואָרן. אים איז אויסגעקומען, אַז דער טאָג היינט האָט זיך דאָ נישט לאַנג אָנגעהויבן. מיט אַמאָל האָט ער דערהערט, ווי באָרבאָס האָט זיך צעבילט, נישט מיט יענעם מין בילן, מיט וועלכן ער באַגעגנט אַ פֿרעמדן, אָדער ווען ער דערהערט אַ פֿרעמדן שאָרך, נאָר עפּעס אַן אויסגעצויגן, פֿאַרביטערט ריטשען, ביי וועלכן ער האָט אָפּט דעם קאָפּ פֿאַרריסן און שטייט נאָר אויף די פֿאָדערשטע לאַפּעס... האָט זיך מורקע שטאַרק דערשראָקן. זיך אָויסגעדרייט און צוריק אַריין אין קאָרידאָר.

די יינגסטע שכנה האָט גראָד די טיר געעפֿנט, געוואָלט אַרויס-גיין אין זיך דערמאָנט, אַז אייגנטלעך האָט זי נישט צו וואָס, האָט זי די טיר צוריקגעלאָזט אַזוי, אַז זי האָט זיך נישט אינ-גאַנצן פֿאַרמאַכט.

מורקע האָט דערהערט אין באַוועגונג וואָס אין שטוב, אַז דאָרט עסט מען, האָט אים מיט אַמאָל אַ זעץ געטאָן די כלינע אין פּיסק, אַז ער האָט געמיינט אָט, אָט, וועט זיך אים פֿון פּיסק אַ גאָס טון עפּעס שיטערעס, נאָר דער קאָפּ האָט שטאַרק גע-נעפּלט און אין בויך האָט געצויגן.

ער האָט אַריינגעשטעקט די מאָרדע אין שפּאַלט צווישן טיר און

אושאַק. זיך געלאַסן אַריינגערוקט, געקוקט מיט בעטנדיקע אויג און געטראַכט פון דעם, צי ער וועט נישט באַלד דערפילן אַ שטאַרקן זעץ אין רוקן... די יונגע שכנה אָבער איז געווען פאַרנומען. ביים טיש, ביי אַ ליכט, איז געזעסן דער מאַן אירער: אַ שוואַרצער קאָפּ מיט אַ בייז שטרענג פּנים, גרינלעכע פאַר־טראַכטע אויגן און פאַרשנורעטע ליפּן, און מורקען איז געוואָרן אי היימיש, אי שרעקנדיק...

מיט אַמאָל האָט דאָס ווייבל אים באַמערקט, אָפּגעשטעלט איר בליק אויף אים, דערנאָך זיך געווענדט צום מאַן, וואָס האָט האַלב פאַרברוגזט געקוקט אין עפּעס אַ ביכל און געזאָגט:

—אַ רחמנות אויף מורקען.

אַז מורקע האָט דערהערט זיין נאָמען, האָט ער נאָך געוואָרפן אַ פאָרשענדן בליק אויף דעם מיטן שוואַרצן קאָפּ, יענער האָט אויף אים אַ קוק געטאָן און זיין האַנט אויפן טיש אויסגעצויגן.

מורקע איז גלייך צוגעגאַנגען, מיט שטילע טריט און אַראָפּגע־לאָזטען עק. איז שטיין געבליבן מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ און דער עק האָט זיך אים באַוועגט ווי אַן אומרו פון אַ זייגער. יענעמס פּנים איז ווייכער געוואָרען, האָט גענומען אין האַנט דאָס שטיקל ברויט פון טיש, אַ ווײַלע געקוקט אויף דעם מיט אַ בלייך פּנים... נאָר געמאַכט אַ מינע: „וואָס זשע זאָל איך טון?"... האָט אָפּגעבראָכן אַ שטיקל דערפון און צוגעוואָרפן מורקען.

מורקע האָט עס אַ שלונג געטאָן אַזוי שנעל, אַז ער האָט גאָר־נישט געפילט ער זאָל עפּעס עסן. ער האָט נאָר געשפּירט, אַז דורכן האַלז איז אים אָנגענעמעס דורכגעלאָפן. אויף יע־נעמס פּנים האָט זיך די ווייכקייט ווי צעגאָסן און זיך צעשיינט, ער האָט אָפּגעבראָכן נאָך אַ שטיקל, און מורקע האָט ווידער דערפילט ווי דורך זיין האַלז איז עפּעט דורכגעלאָפן, דאַכט זיך — ברויט.

ער איז נאָך אַלץ געשטאַנען און דער עק האָט זיך אַלץ באַ־

הגעט ווי אַן אומרו פון אַ זייגער, נאָר די יונגע שׂכנה האָט געזאָגט:
—וועסט דאָך אין דער פרי אַליין נישט האָבן וואָס צו עסן.

און אַז זי האָט געזען אַז מורקע שטייט אַלץ מיט צעגליטע כמעט פאַרטערטע אויגן. האָט זי אַ זאָג געטאָן:
—אַנו, מורקע, אַרויס!
מורקע האָט זיך דערשראָקן, זיך געלאָזט צו דער טיר, נאָר שטיין געבליבן. און אַז דאָס ווייבל האָט געמאַכט אַ טריט נענטער צו אים—איז ער אַרויס און זי האָט די טיר פאַרמאַכט.

אין קאָרידאָר איז פינסטער. דער ווינט רוישט שטאַרק צווישן די ביימער, און עס דאַכט זיך: די כמאַרעס שווימען נישט צום האָריזאָנט, נאָר נידערן אַראָפּ צו דער ערד. באָרבאָס האָט איצט שוין געוועוועט, און איבערהאַקנדיק דאָס רעווען—געלאָזט קולות ווי דורך אַ פייפל. דאָס האָט ער זיך געבעטן אַראָפּ פון דער קייט: די כמאַרעס האָבן אין אים אויפגעוועקט עפּעס אַזוינס, וואָס איז אין אים זייער לאַנג געשלאָפן. דער ווינט האָט אים דערמאַנט אין אַזעלכעס, וואָס האָט אים געבראַכט צו דעם, אַז זיינע נאָזלעכער האָבן זיך שטאַרק געעפנט און צוריקגעפאַלן...
מורקע האָט זיך געהאַט אַוועקגעלייגט אין קאָרידאָר. איצט איז אים עטוואָס קלאָרער געוואָרן אין קאָפּ און ער האָט געדענקט, אַז יענץ שטיבל, וואָס געפינט זיך אין עק פליגל, שטייט איצט ליידיק און אַ ווינט בלאָנקעט זיך דאָרט אַרום. האָט ער אויפגעציטערט, זיך אויפגעשטעלט, געלאַסן מיט דער מאָרדע אויפגעשפּאַרט די טיר, שטיל זיך דורכגעגנבעט, און אונטערן טיש, ביי די פיס פון מאַן און פרוי, זיך אַוועקגעלייגט, טראַכטנדיק, ווי גוט עס וואָלט געווען ס'זאָל עפּעס פון טיש אַראָפּפאַלן.

אַזוי איז ער געלעגן, זיך געקאָרטשעט און פאַרמאַכט די אויגן, ביז ס'האָט זיך דערהערט אַ רוק פון אַ שטול און צוערשט דער מאַן, דערנאָך די פרוי זענען אויפגעשטאַנען.

דער מאַן איז אַרײַן אין צװײטן צימער און די פֿרוי האָט אָנגעהױבן אַראָפּנעמען פֿון טיש. מיט אַמאָל האָט זי באַמערקט מורקען, איז דערבײַ שטײן געבליבן, װי זי װאָלט באַמערקט עפּעס שרעקנדיקעס. נאָר באַלד איז עס איר אױסגעקומען פֿאַרשטענדלעך, האָט זי אים צוגעװאָרפֿן די ברעקלעך פֿון טיש, צוגעמאַכט דאָס פֿענסטער, אַ קוק געבנדיק פֿריער אין דער שװאַרצער כמורנעקײט, דערנאָך האָט זי געעפֿנט די טיר און מורקע האָט גלײַך דערקענט אין אירע אױגן, אַז ער מוז אַרױסגײן, װען ער איז אַרױס—האָט זיך די טיר נאָך אים פֿאַרמאַכט און דער שליסל האָט זיך איבערגעדרײט.

דער דריטער שכן, דער ייִד מיט דעם שפּיציקן בערדל, װאָס איז אַמאָל געװען אַ מענטש אין אַ װאַלד און האָט אַ טבע אַלעמאָל אָפּצעהוסטן און שרעקט זיך כּלל נישט פֿאַר קײן הינט, איז אַרױס און באַרבאָסן פֿון דער קײט אָפּגעלאָזט. דערבײַ האָט ער שטאַרק הױך געשריגן:

—באָרבאָס!... באָרבאָס!... באָרבאָס!...

װײַל באָרבאָס איז װילד געשפּרונגען און שטאַרק געשנאָרכט מיט דער נאָז. אים האָט זיך געדאַכט, אַז דער הונט װיל דאָס נאָר אױף אים אַרױפֿשפּרינגען, האָט ער זיך געדרײט און געשריגן—באָרבאָס! און דערבײַ האָט אים דער אָטעם פֿאַרשלאָגן פֿון שרעק, אַזױ לאַנג ביז ער איז הינטערװײַלעכן צוריק אַרײַן אין קאָרידאָר, דאָרט האָט ער אָפּגעהוסט און זיך געלאָזט מיט גלאַסענע טריט: ער שרעקט זיך בכלל נישט פֿאַר קײן הינט...

איז ער אַרײַן אין שטוב, באָרבאָס האָט זיך שױן געהאַט װילד צעלאָזט. זיך געצױגן װי אַ שװאַרצער פֿלעק פֿון בױם צו בױם. מיט אַמאָל—טראַך! אַרײַן דורך דעם פֿענסטער אין לײדיקן שטיבל, מיט אַזאַ אימפּעט, װי אַ פֿױגל גיט זיך אַ לאָז אַראָפּ אין דער לופֿט מיט אױסגעצױגענע פֿליגל... זיך געגעבן אַ שלײדער פֿון װאַנט צו װאַנט און צוריק אַרױס דורכן פֿענסטער, און מיט אַזאַ אימפּעט, אַז װען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן בלומענבערגל, האָבן זײַנע פֿאָדערשטע פֿיס זיך אַ גליטש געטאָן

און די קלאָען האָבן זיך אין דער ערד אַריינגערוקט.
ער האָט באַמערקט, ווי עס לייכט זיך דורכן פענסטער. האָט ער זיך דערמאַנט, אַז דער מיטן שוואַרצן קאָפּ וואַרפט אים אָפּט אַרויס אַ שטיקל ברויט דורך דעם פענסטער. האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט האַרט נעבן דעם און מיט די פאָדערשטע לאַפּעס דערדראַפּעט זיך ביז דעם אושאַק פון פענסטער און אָנגעהויבן גראַבלען...:
מורקע האָט דערוויל אויפגעציטערט, איז מיט אַמאָל און גע-לאַסן אויפגעשטאַנען און אָנגעהויבן קלאַפּן מיטן עק אין טיר און מיט אַזאַ אימפּעט, אַז דאָרט אין שטוב האָט זיך דאָס ווייבל אָפּגעשטעלט אין מיטן קערן און גערופן צום מאַן אין צווייטן צימער:
—דו הערסט?
יענער איז אַרויסגעקומען אין ערשטן צימער, שוין מיט באָרווע-סע פיס אין שטעקשיך, אַ ווילע שטיין געבליבן און דערנאָך איז אים איינגעפאַלן:
—דאָס קלאַפּט אַוודאי מורקע. ער האָט מורא... די טיר אין קאָרידאָר אַריין איז אָפן.
ער איז אַרויס. מורקע האָט זיך געדרוקט הינטערוויילעכץ און זיך געשראָקן אַרויסצורוקן. האָט ער זיך צוגעדריקט צום וואַנט, געקוקט מיט שרעקנדיקע אויגן, ביז דער מיטן שוואַרצן קאָפּ האָט פאַרמאַכט די טיר אין קאָרידאָר אַריין, האָט אָנגעוויזן מורקען אויפן ווינקל און אַליין צוריק אַריין, נאָך זיך די טיר פאַרמאַכט און דער שליסל האָט זיך ווידער איבערגעדרייט.

אין דרויסן איז באָרבאָס געלאָפן פון פענסטער צו פענסטער. דער יונגערמאַן האָט איין פענסטער געעפנט, אַרויסגעקוקט און געזאָגט:
—נישטאָ גאָרנישט, באָרבאָס... אַ הונגער, באָרבאָס.
באַרבאָס איז געשטאַנען אויף די פאָדערשטע לאַפּעס בלויז, און זיינע אויגן האָבן געמינעט ווי גלאָז פאַר אַ רויטער זון. האָט זיך געוואָרפן מיט די פאָדערשטע לאַפּעס צום פענסטער, און

זיינע אויגן האָבן געפֿלאַקערט ווי גליענדע קוילן—ביז דאָס פענ־סטער האָט זיך פֿאַרמאַכט און יענער איז אַוועק פון דעם.

באַרבאָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען און געוואַרט. ביז ס'איז אין שטוב פינסטער געוואָרן. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן אַרומשפּאַ־נען איבערן הויף מיט געמאָסטענע זיכערע טריט,—קוים די ערד אָנגערירט, איז אַלע ווײַלע שטיין געבליבן און געפּילט די כמאַרעס, וואָס לאָזן זיך אַראָפּ אַלץ נידריקער. מיט אַמאָל האָבן זיך די האָר אויף זיין קאַרק אויפגעשטעלט, ער האָט אײַנ־געצויגן דעם קאָפּ אַזוי, אַז די פעל האָט זיך געקאַרבט. דער־נאָך אים אויסגעצויגן און מיט איין שפּרונג איז ער אין אונ־טערשטן הויף געווען. זיך אָפּגעשטעלט און ווידער גענומען שפּאַנען, געזוכט און שטאַרק געשנאָרכט מיט די נאָזלעכער.

די נאַכט האָט מורקע אַפילו נישט געדרימלט. אין קאָפּ איז געווען אַ נעפּל און ער האָט קוים געהערט דאָס קול פון קליי־נעם שיקסל מיט קרומע פיסלעך. נאָר אַלע ווײַלע, ווען באַר־באָס האָט זיך אַלאָז געטאָן, האָט ער מיט שרעק אויפגעציטערט.

און אויבן, אויפן צווייטן שטאָק, איז געלעגן דער צושראָקע־נער שכן, דער קלייטניק אין זיין בעט. דאָס פּוילישע ווייבל איז געשלאָפן מיטן פּנים אין קישן, ווי זי וואָלט דאָס אַוועקגעפאַלן נאָך אַ שווערער אַרבעט. און ער האָט געפילט ווי די שרעק זיינע שטאַרקט זיך: עפּעס לויפט דער הונט אַרום צו שטאַרק.

ער האָט זיך איינגעהערט—שטיל אַרום. האָט ער זיך עטוואָס באַרויקט. און מיט אַמאָל איז אים איינגעפאַלן:

—אַ גוטע זאַך אַ הונט... אַז אַ הונט דרייט זיך אַרום אויפן הויף איז עס גאָר עפּעס אַנדערש... טאָמער וואָס ווען, גיט ער באַלד צו וויסן...

דערנאָך האָט ער געטראַכט:

—נישקשה... מען וועט אַלץ איבערקומען... קיין וועלט איז דאָך נישט הפקר... און אויפן ים שטייען דאָך פראַנצויזישע שיפן... וואָס אייגנטלעך, זיי וועלן גלאַט שטיין?!... נאָר דערווייל— זייער גוט, וואָס דער הונט שפּאַצירט אַרום... איבערן פּאַרקאַן, וועט ער שוין קיינעם נישט אַריבערלאָזן...

און באַלד זיך באַשלאָסן:

—מאָרגן דאַרף מען זען, מען זאָל דעם הונט געבן עסן... אַזאַ הונט... אַזאַ הונט...

* * *

מורקע האָט אָנגעהויבן היטן דעם הויף. ער איז איצט שוין נישט אָפּגעטרעטן פון דאַנען און אַלץ געוואַרט ביז זיינע בעלי־בתּים זאָלן זיך אומקערן. אים איז אויסגעקומען, אַז פּלוצלינג וועלן זיי צוריקקומען, און אויב ער וועט גראָד נישט זיין, וועלן זיי ווידער אַוועק, און אים דאָ לאָזן... און שפּעטער— ווען אין קאָפּ איז אים שוין גאָר טומלדיק געווען און ער האָט זיינע בעלי־בתּים שוין מוטנע געדענקט, האָט ער מורא געהאַט— די יינגסטע שכנה זאָל נישט אַוועקפאָרן און אים דאָ לאָזן.

צייטנווייז, ווען דער הונגער האָט זיך געשטאַרקט און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער גייט אויף פרעמדע צוגעטשעפּעטע פיס־לעך, האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט פון הויף, געפּרובט זוכן אין די מיסטן, נאָר ער האָט דאָרט כּמעט גאָרנישט געפונען צום עסן.

ווייל דאַן האָט שוין הונגער געהערשט. קיין ברויט איז נישט געווען צו קריגן, דאָס וואָס ס׳איז נאָך געבליבן פון פריערדיקע צייטן—איז געווען אין טיפע היילן באַהאַלטן, פון דעם האָבן באַקומען נאָר דידאָזיקע, וואָס האָבן שטיל און בלייך גערוט אין זייערע הייזער און געוואַרט „מען זאָל אַלץ איבערקומען״.. ווייל „אַ וועלט קאָן דאָך נישט זיין אפקר״.. אין די מיכטן—

האָט מען מער ווי שאָלעכץ פּון זיסע און זויערע אוגערקעס נישט געפונען.

מורקע האָט זיך גיך אומגעקערט צוריק. שעהן־ווייז געלאָקערט און געוואַרט, די יונגע שכנה זאָל אים עפּעס צוואַרפן. אַ סך מאָל פלעגט ער זיך דערוואַרטן, נאָר לעצטנס איז עס געוואָרן זייער זעלטן.

ווייל דערדאָזיקער, וואָס איז געזעסן אויבן און זיך אויסגעקוקט די אויגן וואַרטנדיק אויף דער „הילף”, וואָס דאַרף קומען פון ים, האָט זיך דערווייל געגומען שטאַרק אָפּגעבן מיט באָרבאָסן. עפּעס איז אים, אָט דעם צושראָקענעם קלייטניק אויסגעקומען, אַז ער דאַרף האָבן בלויז באָרבאָסן, וואָס קאָן זיך געבן אַ וואָרף אויף אַ פרעמדן, אַז ביי יענעם זאָל אָפּשטאַרבן דאָס בלוט אין די אָדערן. האָט ער געפילט, אַז באָרבאָס איז פאַר אים אַזוי שטאַרק נייטיק, ווי, אַ שטייגער, דאָס היטל מיטן דאַשעק, וואָס ער טראָגט אין דער גאַנצער צייט פון זיין זיצן און וואַרטן... פונקט אַזוי, ווי דאָס היטל וואָלט פאַרהוילן זיין פאַרבאָרגן פאַרמעגן... האָט ער דערפאַר מורקען כסדר געטריבן און זיך שטאַרק געחברט מיט באָרבאָסן.

אַפילו דער יונגער שכן, דער מיטן שוואַרצן קאָפּ, איז אויך מער אויפמערקזאַם געווען צו באָרבאָסן, וועלכער שטייט אַ גאַנצן טאָג אויף דער קייט. און באַנאַכט—ווען עס הייבט זיך אָן דערטראָגן אַ טויב שיסעריי, אָפּטמאָל מיט אַזאַ קנאַקן און שפּריצן, אַז עס דאַכט זיך, אַז מען שיסט אין טויער אַריין, דאַן האָט דער יונגער שכן געפילט, ווי דאָס האַרץ זיינס צעלויפט זיך האַסטיק, אַז עס קלאַפּט אָפּ אין קישן, אויף וועלכן ער ליגט. אים פלעגט נישט אַזוי אַרן דאָס, וואָס מען שיסט בכלל, נאָר אים איז עפּעס אויסגעקומען, אַז אָט אין דעם פענסטער, וואָס קומט אויס פונקט אַ קייגן אים, קאָן זיך דערהערן אַזאַ דריבנער קלאַנג מיט אַ דריבנע פלאַצן פון גלאָז און אַ שוואַרצער פלעק זאָל זיך אַ צי טאָן גלייך צו אים אויפן בעט... האָט ער זיך דערפאַר אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צום פענסטער און אים איז באַלד לייכטער געוואָרן דערפון, וואָס ער האָט באַלד דער־

זען באָרבאָסן... דערצו איז דאָך באָרבאָס אַזאַ גרויסער און שוואַרצער, מורקע איז דאָך עפּעס אַ קליין הינטל.

און דער קלייטניק האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין:

—אַזאַ הונט... ס׳איז דאָך אַ טייערער הונט... איר פאַרשטייט דען גאָר ס׳אַראַ הונט דאָס איז?... אַזאַ הונט...

ער האָט אַלע ווײַלע איבערגעחזרט, „אַזאַ הונט" און נישט געקאָנט אויספירן דעם געדאַנק זײַנעם, וועלכן ער האָט שמייכלענדיק באַהאַלטן ווי אונטער אַ גלאָז, דורך וועלכן נאָר ער אַליין קאָן זען... און דער יונגסטער שכן האָט אים פאַרענדיקט:

—פאַרשטייט זיך... אַז מיר וואוינען דאָ אָפּגערוקט פון דער שטאָט... עס וועט קומען ווינטער, וועט דאָך אָן באָרבאָסן דאָ גאָר זײַן ווי אין אַ מדבר...

דער קלייטניק האָט זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט.

—געוויס... וואָס רעדט איר וואָס? איר קאָנט זיך שוין פאָרשטעלן, ווי מיר וואָלטן דאָ אויסזען אָן דעם הונט?!... אַזאַ הונט...

און ווידער נישט פאַרענדיקט.

—אַך, גייט עס אַ ווינטער... אַלע וועלן מיר דאָך אויספרירן... האָט דער ייִנגסטער שיין אַ זאָג געטאָן, דערמאָנענדיק זיך אָן ווינטער—פון ים איז אַ בלאָקאַדע. קיין האָלץ זעט מען נישט... גוטע טעג קומען.

—וואָס ווייסן מיר, וואָס ס׳וועט זײַן...—האָט דער קלייטניק געזאָגט און געמאַכט אַ מינע: „אַזוי בלייבט עס נאָך נישט"...— וואָס האָבן מיר איצט צו טענהן? נישקשה, מיר וועלן שוין זען... נאָר דעם הונט דאַרף מען אָפּהיטן... אַזאַ הונט...

האָט מען מורקען אינגאַנצן פאַרגעסן, און די גאַנצע זאָרג איז נאָר געווען פאַר באָרבאָסן.

זײַנען געקומען טעג, וואָס אַלע דריי שכנים זײַנען אַרומגעגאַנגען האַלב-הונגעריק, דער קלייטניק האָט ערגעץ געהאַט ליגן אַ ווייס ברויט, אין שאַפע אָדער אין קאַסטן איז עס געלעגן... האָט ער עס זיך געזשאַלעוועט, אים איז אָפּט אויסגעקומען, אַז

דערמיט, וואָס ער איז הונגעריק דערנענטערט זיך די צייט „מען זאָל אַלץ האָבן איבערגעקומען"... דאַן איז באָרבאָס גע־לעגן נישט מיט דעם קאָפּ אויף די פּאָדערשטע לאַפּעס, נאָר אויף אַ זייט, אָפּטמאָל זיך געקאָרטשעט און ווידער געבליבן ליגן רואיק און שטיל, ווי עפּעס וואָלט זיך אין אים אויסגע־לאָשן, ביז—דער ייִנגסטער שכן האָט געמאַכט אַ רעש:

—ער וועט דאָך פּגרן!...

איז דער קלייטניק אויך אַראָפּ און מען האָט געמאַכט אַ טומל צווישן די ווייבער.

די ברייטע ייִדענע, וואָס האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט געווען אָנגעפּעלצט אין ווינטער־בגדים, האָט מיט פּויערישער כיטרע־קייט אין די אויגן, געהערט און געזאָגט:

—אַוודאי, אַוודאי, זאָל גאָט היטן... נאָך בלייבן דאָ אין דעם העק אָן אַ הונט?!... אַזאַ פאַרוואָרפן ווינקל, היינטיקע צייטן...

און בשעת מעשה האָט זי גוט געוואוסט, אַז זי וועט אים גאָר נישט געבן... און נאָך האָט זי געוואוסט, אַז אויב מען וועט איר דערויף פרעגן, וועט זי גלייך זאָגן: „וואו זאָל איך נע־מען פאַרן הונט, אַז מיינע קינדער זיצן שוין דריי טעג אָן אַ ביסן ברויט... פאַר וועמען זשע זאָל איך פריער זאָרגן, פאַרן הונט צי להבדיל פאַר די קינדער מיינע?" אַזוי וועט זי זאָגן, כאָטש דער מאַן אירער, וואָס איז געווען אַ מענטש אין וואַלד, האָט היינט אויך „געפּאַקט" אַ האַלב ברויט אין אָטשערעד"...

נאָר יענע האָבן נישט געפרעגט, האָבן אויסגעפונען קלייען פון קוקורוזע־מעל—אַ זאַך, וואָס מענטשן קאָנען עס בשום אופן נישט נוצן, האָט מען דאָס פאַר דעם הונט אָפּגעקאָכט. דער קלייט־ניק אַליין איז ביים קאָכן געשטאַנען. זיין פרוי, דאָס פּוילישע ווייבל, מיט דער ווייכער פּוילקייט און פּרעטענסיע אויפן אויס־געשלאָפענעם פּנים, האָט געהאַלטן אין איין ריידן, דערציילט, ווי מען האָט אין פּוילן געהונגערט... ביז די ייִנגסטע שכנה האָט עס פאַרטיק געמאַכט. ווען עס איז שוין פאַרטיק געווען,

האָט דער קלייטניק מיט אַ באַזונדער תאווה—געכאַפּט די שיסל מיט דעם מאכל און אַראָפּגעטראָגן דעם הונט. אַלע זיינען אים נאָכגעגאַנגען, ווי אויף עפּעס אַ וואונדער.
דער הונט איז אויפגעשפּרונגען דערשמעקנדיק דאָס עסן, האָט אָנגעהויבן פון גרויס התפּעלות און גרויט חשק טופּען מיט די פֿאָדערשטע פיס אויף איין אָרט און געציטערט מיט דער גאַנצער פעל, אָנגעהויבן שפּרינגען אַנטקעגן און אַרויסלאָזן משונהדיקע קולות. דער קלייטניק האָט זיך „איינגעשטעלט" און גיך אים צוגערוקט די שיסל. אַלע זענען געשטאַנען און געקוקט, ווי דער הונט שלינגט דאָס מאכל, און דער קלייטניק האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט נאָר וואָס געטון אַ גרויסע מצווה, אַזוי געשיינט האָט ער. די יינגסטע שכנה האָט געזאָגט מיט מיטגעפיל:
—ווי ער שלינגט דאָס, נעבעך... און אַזש בלייכער געוואָרן.

באַרבאָס האָט זיך נישט אומגעקוקט, נאָר ווען ער האָט געענדיקט עסן, האָט ער אויסגעשטעלט די אויגן און זיך שטאַרק צושנאָרכט מיט די נאָזלעכער. און ווען די דעפּוטאַציע האָט זיך צוריקגעקערט, האָבן זיי דערזען, ווי אין ווינקל שטייט מורקע אַ דאַרער, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן עק, איינגעפאַלענעם בויך און אין זיינע אויגן גלאַנצן און ציטערן ווי טרערן...
די יינגסטע שכנה האָט דאַן געזאָגט:
—זעט... זעט, וואָס פון אים איז געוואָרן... איר מיינט, אַז אויף מורקען איז נישט קיין רחמנות?..
—ווייס איך וואָס... ווער דאַרף אים?..
אַזוי האָט געזאָגט דאָס פּוילישע ווייבל, און מיט אַזאַ נאַרישן טאָן, אַז דער מאַן האָט פאַרכאַפּט און זיך אָנגערופן:
—ס'איז אַוודאי אַ רחמנות... וואָס דען, ס'איז נישט קיין רחמנות?!... נאָר וואָס קאָן מען טון?... מיר הונגערן דאָך אַליין אויך... ס'איז דאָך אַ שרעקלעכע זאַך...
די יינגסטער שכן, מיטן שוואַרצן קאָפּ, האָט געקוקט דאָ אויף דעם קלייטניק, ווּעמענס אויגן ס'האָבן געבלאָנזשעט אויף דער

ערד, דאָ אויף דעם אויסגעשלאָפן-צוקנייטשטן פנים פון דער פוילישער. האָט זיך אויסגעדרייט, געגעבן אַ רוף:—מורקע! איז דאָס הינטל אים נאָכגעגאַנגען ביז אין שטוב, און דאָרט האָט ער אים פון זיין קליין שטיקל בויט אַ ברעקל דערלאַנגט. דער־ביי האָט ער געהערט, ווי דער, וואָס איז געווען אַ מענטש אין וואַלד, הוסט דאָרט אין דרויסן און דערציילט עפּעס אַ געשיכ־טע, וואָס איז זיך פאַרלאָפן אין „אָטשערעד". האָט ער זיך אָפּ־גערוקט פון פענסטער, כדי דאָס קול נישט צו הערן.

* * *

און פאַר מורקען זיינען געקומען שרעקלעכע טעג.

ער איז געשטאַנען און געוואַרט ביי דער קיך, ביי דער טיר פון דער ייִנגסטער שכנהס וואוינונג. זיך אַריינגעכאַפּט אין שטוב, געלעגן אונטערן טיש. נאָר אַ מאָדנע זאַך: קיין איין ברעקל איז נישט אַראָפּגעפאַלן. זאָל עס זיין, אַז מענטשן האָבן אינ־גאַנצן אויפגעהערט עסן?

איינמאָל האָט ער באַמערקט ווי די ייִנגסטע שכנה האָט גע־האַלטן אַ שטיקל ברויט אין האַנט. דערביי האָט זיך אים דער קאָפּ אַזוי פאַרדרייט, אַז אים האָט זיך געדאַכט: דער קאָפּ זיינער הענגט באַזונדער אין דער לופט... ער האָט געזען ווי זי שניידט אָפּ אַ קליין שטיקל, דערלאַנגט עס דעם מיידעלע, און דאָס איבריקע לייגט זי אַריין צוריק אין שאַפקעלע, וואָס שטייט אין דער פאָרענדיקער שטוב. ער האָט זיך איינהאַלטנדיק לאַנגזאַם צוגערוקט צום מיידעלע. נאָר די יונגע שכנה איז צו־געלאָפן גיך און מיט דעם פוס אָפּגעטריבן. איז אים מיט אַמאָל ווי קלאָרער געוואָרן אין קאָפּ—און ער האָט זיך אַרויסגערוקט אין קאָרידאָר. דאָרט האָט ער געוואַרט ביז זיי זיינען פון שטוב אַרויס. דאַן מיט דער מאָרדע אָפּגעשפּאַרט די טיר, איז אַריין, גלייך צו צום שאַפקעלע, וואָס איז געשטאַנען האַלב אָפן און געכאַפּט דאָס שטיקל ברויט. ער האָט עס נישט אָנגע־הויבן עסן, נאָר איז גלייך אַרויס מיט דעם. אים אַנטקעגן איז

אָנגעקומען דער יונגער שכן מיטן שוואַרצן קאָפּ, דאָס בלייכ־קייט פון זיין פּנים האָט איצט געטונקלט און זיינע גרינלעכע אויגן זייבען איצט גרוי געוואָרן. ער איז געגאַנגען מיט אַ גע־קנייטשטן שטערן און שווערע טריט. דערזען דעם הונט מיטן ברויט אין פּיסק, איז ער שטיין געבליבן און ביידע האָבן זיך אָנגעקוקט מיט הונגעריקע גלאַנציקע אויגן... ביז מורקע האָט דערזען ווי יענעמס האַנט האָט זיך אַ באַוועג געטאָן, האָט ער זיך שנעל אַ וואָרף געטאָן דורכן טירל און אַוועק. אונטער זיך האָט ער געהערט שרייען:

—מורקע!... מורקע!..

נאָר ער האָט זיך נישט אומגעקוקט. געלאָפן אין איין אָטעם. ער האָט שוין דאַן איבגאַנצן נישט געפילט די פּיסלען. ער האָט געשוועבט, ווי דורך אַ פרעמדן ווילן.

אונטער אַ וואַנט איז ער שטיין געבליבן, ער איז געווען אַזוי מיד און הונגעריק, אַז ער האָט נישט געקאָנט עסן. שווער גע־ווען צו עפענען דעם פּיסק. דערצו נאָך איז דאָס אַזוי פאַרטרוקנט געווען. האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די אונ־טערשטע פיסלען, און זיך גענומען צום ברויט מיט פאַרמאַכ־טע אויגן.

דערנאָך איז ער געווען שטאַרק מיד. האָט ער זיך געלאָזן גע־לאָזט צוריק אַהיים, נאָר ווען ער איז צוגעקומען צום טירל, האָט ער זיך דערמאָנט ווי אַזוי יענער מיט דעם שוואַרצן קאָפּ האָט אויף אים געקוקט—האָט ער זיך אַוועקגעלייגט פון יענער זייט טירל, אין ווינקל, צווישן גראָז..

* * *

פון דעמאָלט אָן האָט שוין מורקע מער גאָר נישט געפונען צום עסן. אין שטוב האָט ער מורא געהאַט אַריינצוגיין. איינמאָל האָט אים דער מיטן שוואַרצן קאָפּ אָנגעטראָפן אין קאָרידאָר, איז ער שטיין געבליבן און מיט אַמאָל אים אַזאַ שטאַרקן זעץ

געטאָן מיטן פּיס, אַז ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש און גע־פאַלן אויף דער ערד.
שפּעטער האָט געטראָפן, אַז דער יונגער שכן איז צוגעקומען צום פענסטער, האָט דערזען מורקען און געקוקט מיט מיטלייד, דאָס איז קענטיק געווען אויף זיין פּנים, וואָס איז די לעצטע צייט געווען שטאַרק בלייך און איידל. נאָר אַז מורקע האָט אים דערזען, האָט ער באַלד דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט נאָך טי־פער און זיך געלאָזט גיין אין דער זייט...
דער יונגערמאַן איז געשטאַנען און געטראַכט:
—און וואָס איז ער שולדיק... ער איז הונגעריק... איז דאָך נישט מער ווי אַ הונט...
און נאָכדעם האָט דער יונגערמאַן געעפנט דאָס שאַפקעלע און נישט נעקאָנט נעמען דאָס לעצטע שטיקל ברויט, וואָס דאָס קינד וועט באַלד בעטן.
אַזוי האָט זיך געצויגן אַ טאָג נאָך אַ טאָג. דער יונגער שכן האָט אַלע טאָג באַמערקט מורקען, האָט אויף אים געקוקט אַזוי, אַז מורקע האָט אויסגעצויגן צו אים דעם קאָפּ—נאָר געבן האָט ער אים גאָרנישט געגעבן.
דער פון צווייטן שטאָק האָט געשפּייזט באָרבאָסן אַזוי, אַז יע־נער האָט שוין אויפגעהערט אַרומלויפן ביינאַכט און זעלטן, אַז ער האָט געהאַווקעט... מורקע איז אינגאַנצן געוואָרן געפאַלן ביי זיך. די קינדער, וואָס זיינען געזעסן אויפן הויף און זיך געשפּילט מיט פאַרשידנפאַרביקע שרייב-פענדלעך, האָבן זיך שוין איצט געשפּילט מיט מורקען אויך. דאָס קליינע מיידעלע פלעגט אים שוין אָפט ציען ביים עק, און מורקע האָט זיך נישט גע־בייזערט, נישט געהאַווקעט, האָט זיך נאָר געקאָרטשעט און אָפּ־גערוקט.
און איינמאָל פאַרנאַכט, קיין זון איז נישט פאַרגאַנגען, בלייכע וואָלקנס האָבן דעם הימל איינגעדעקט ווי אין גרויער וואַטע, אַ ווינט האָט געשאָרכט שעפּטשענדיק שטיל, פון ערגעץ דער־טראָגט זיך אַ קלאַנג פון אַ גלאָק, און שטאַרבט אָפּ לאַנגזאַם-רואיק. דער יונגערמאַן איז דאַן געזעסן אַ בלייכער ביים פענס־

טער און געשוויגן. ער האָט געטראַכט פון דעם, וואָס ער פאַרשטייט נישט לחלוטין צוליב וועמען און צוליב וואָס אים קומט אויס צו הונגערן... אַ וועלט קערט זיך איבער. זאָל די זיך איבערקערן. אָבער וואָס האָט עס צו אים?.. צי האָט דען די וועלט עפּעס פאַר אים, אום ער זאָל פאַר אַ קרבן ברייגנען זיך אַליין?... און באַלד האָט ער דערפילט דעם ריח פון פריען הערבסט וואָס גייט אויף שטיל און רואיק־בלייך, ווי אַ יונגע שלאַנקע פרוי נאָך אַ קראַנקהייט... און טראָגט מיט זיך אַ בלייכע פאַרטראַכטקייט. אין דער לופט הויכט שוין דער אָטעם פון דעם הערבסט און עס גלוסט זיך אַזוי שווייגן, זען און הערן וואָס אַרום טוט זיך...

ער האָט דערזען מורקען. האָט ער געעפנט ברייטער דאָס פענסטער און שווייגנדיק געקוקט אויף אים. מיט אַמאָל האָט ער באַמערקט עפּעס אַזוינס, וואָס ער האָט אין די ערשטע רגע אַליין נישט פאַרשטאַנען, ווי ער וואָלט דערזען אַ שרעקלעכע דערשיינונג, וואָס איז ווי אַ געהיימניש אויסגעוואַקסן מיט אומפּעטיקער פלוצלינגקייט. האָט ער אים מיט אַמאָל אַ רוף געטאָן:

–מורקע !.. מורקע!..

מורקע האָט זיך אויפגעשטעלט לאַנגזאַם, שווער און פויל. ער האָט געזען ווי די פיסלעך זיינע שטאַרן אַרויס יעדן עק פון די ביינדלעך, נענטער צו די פאָדערשטע־האַלבע רייפן, וואָס שטאַרצן אַרויס, און נידעריקער–צו די הינטערשטע–איז טיף איינגעפאַלן. מורקע האָט זיך שווער באַוועגט, צוגעקומען מיט גרויסע אויגן צום פענסטער און דער יונגערמאַן האָט מיט אַמאָל געגעבן אַ ציטער אויף און זיך צוריקגעוואָרפן פון פענסטער: אויף מורקעס שטערן איז געלעגן אַ רויטער צייכן, פון אַ יבן אַראָפּ, ווי אַ רויט שטריקל אויסגעצויגן...

דער יונגערמאַן האָט זיך דערפילט אַזוי, ווי ער וואָלט פלוצלינג און מיט אַמאָל דערזען דעם טויט, און אויפן גאַנצן לייב דערפילט אַ שוואַרץ־קאַלטן בליק, וואָס האָט געברירט דאָס בלוט אין די אָדערן.

אין דרויסן האָט געטונקלט, איבערן הימל האָט זיך געצויגן אַ געוועב, וואָס איז געווען געפּלעקט מיט העלערע און פינסטערע פלעקן. אַרום האָט געשאַרכט אַזוי געהיים ווי צווישן מצבות. מורקע איז נאָך אַלץ אַזוי געשטאַנען ווי פאַרגליווערט און טויט. דער יונגערמאַן האָט נישט געקאָנט אָפּרייסן זיין שטאַרן נאַכטיקן בליק פון דעם רויטן צייכן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער הערט ווי מורקע וויינט, וויינט טויט, אָן אַ קול, אַנטקעגן דער אָנקומענדער נאַכט. און אין זיין האַרץ האָט זיך אַ טרויער אויפגעהויבן...

* * *

צומאָרגנס האָט מען מורקען אַ גאַנצן טאָג נישט געזען, קיינעם אָבער איז גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז ער פעלט. די קינדער אויפן הויף האָבן זיך געשפּילט, געמאָלט מיט קאָלירטע שרייבפּענדלעך אויף פּאַפּיר און אויף בענק, קלענערע האָבן שטיינדלעך געקליבן.

דער טאָג איז געווען אַ הייסער. די זון האָט געשיינט אַזוי ליכטיק, אַז דער הימל האָט אויסגעזען בלייך פאַרוועבט און עס האָט זיך געאָטעמט מיט הייסער לופט. די שטילקייט אַרום איז געשטאַנען ווי אַ פאַרגליווערטע וואַרימקייט. ס'האָט זיך נישט געהערט קיין זשושע פון קיין פליג. געפילט האָט זיך נאָר, ווי נישט ווייט ליגט דער ים אַ רואיקער, אויסגעצויגן אונטער דער זון. און אונטער אים באַוועגט זיך עפּעס שיטערס, ווי עס וואָלט זיך געקייקלט אַ גרויסער שלאַנג.

באָרבאָס איז געלעגן אויסגעצויגן, די מאָרדע גלייך אויף די פּאָדערשטע לאַפּעס, די אויגן פאַרמאַכט. ער האָט געפילט, ווי עס ליגט אויף אים די היץ, און אויפן קאַרק שפּרינגען אַרום פליגן, שלאָגן זיך אָן איינער אָן דער צווייטער און שפּרינגען אָפּ, נאָר ער האָט זיך קיין ריר נישט געטאָן. עפּעס איז אים דער מאַרך אין קאָפּ פאַרשטאַרט געווען אין אַן עקשנותדיקער פוילקייט...

דער שכן פון צווייטן שטאָק איז געקומען פון שטאָט, געטראָגן שטאַרק פאַרוויקלט אין פּאַפּיר אַ קליין ברייטל. דערביי אין זינען געהאַט, קיינער פון די שכנים זאָל עס נישט באַמערקן. האָט דערזען ייי באָרבאָס ליגט אָן שום באַוועגונג, איז אים איינגעפאַלן: איז ער נישט אַמאָל טויט? און ביי דעם געדאַנק, אַז באָרבאָס קאָן זיין טויט, איז אים אין האַרצן געוואָרן ליידיק, אַזוי ווי עס ווערט אים די לעצטע צייטן ליידיק, אַז ער הערט ביינאַכט אַ קלינג פון טויער־גלאָק, כאָטש ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז דאָס קלינגט מען אין שכנהשן הויף: אין זיין הויף קלינגט דער גלאָק הייזעריק.

—„ווער ווייסט... מען מיינט אַהער און מען פאַרקריכט דערווייל צום צווייטן טויער".

—באָרבאָס! באָרבאָס!...

באָרבאָס האָט געעפנט פויל אָן אויג, האָט קווער אַ קוק געטאָן אויף אים און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער קוקט מיט חוזק אויף דעם, וואָס האָט אַ פויל פּנים, טראָגט פּענסנע און שרעקט זיך דאָך אַזוי...

—באָרבאָס! באָרבאָס!

באָרבאָס האָט געעפנט ביידע אויגן און מיט געוואַלד גובר געווען די הונגעריקע פוילקייט זיינע און אויפגעהויבן דעם קאָפּ. געזען, אַז דערדאַזיקער האָט גאָרנישט אין האַנט פאַר אים, האָט ער דעם קאָפּ צוריקגעלייגט און צוריק אָנגעהויבן פאַרזינקען אין דערזעלביקער פוילקייט...

דאַן איז יענער אַריין אין קיך צום פּוילישן ווייבל זיינעם, וואָס האָט געשריגן אָן כחות און זיך געשאַפּן מיט די קינדער, אַליין איז זי געזעסן אויף אַ בענקל נעבן קוימען אין אַזאַ פּאָזע, ווי זי וואָלט דאָס אַ מידע אַוועקגעפאַלן און קאָן זיך נישט אויפהייבן. דער מאַן האָט געפרעגט:

—האָסט באָרבאָסן גאָרנישט געגעבן?

—נאַ דיר גאָר אַן אָנטשפּעניש מיט אַ הונט אויף מיין קאָפּ! קאָנסט מיר אפשר לאָזן צורו מיט דיינע הינט?

ער האָט דערפילט ווי אין האַרצן האָט זיך ביי אים עפּעס אויפ־

יעהויבן. עפעס האָט ער אין דער מינוט באַמערקט, אַז ער האָט אַן אַלט קראַנק ווייב... האָט ער געוואָלט שוין אַרויסזאָגן אַזאַ וואָרט, פון וועלכן אירע אויגן וואָלטן שטיין געבליבן... נאָר באַלד האָט ער זיך דערמאָנט, ווי זי האָט געליטן הונגער דאָרט אין פוילן, איידער זי איז אַהער צו אים געקומען, און נאָך האָט ער געדענקט, אַז זי קאָן מאַכן אַ היסטעריקע און ער וועט שוין אַ גאַנצע וואָך נישט האָבן קיין רואיק לעבן... האָט ער געזאָגט:

—צי דו ווייסט, וואָס דו רעדסט? הינט דאַרף איך? אויף כפּרות דאַרף איך זיי! נאָר פאַרשטייסט דאָך... היינטיקע צייטן... איז גוט, אַז ס'לויפט אַרום אַ הונט אויפן הויף... בפרט נאָך אַזאַ הונט...

זי האָט אַפילו גאָרנישט פאַרשטאַנען דעם גאַנצן שכל זיינעם, נאָר זי האָט געזען, ווי זיינע אויגן זיינען שרעקעדיק, האָט זי זיך איבערבעטעריש צעשמייכלט און געזאָגט:

—נו, אדרבה, זאָג, וואָס זאָל איך אים געבן?

ער האָט זיך אויך צעשמייכלט, און שפּעטער האָט ער אַליין, געלאַסן, מיט רחבה אַרויסגעטראָגן אַ טעפּל עסן פאַר באַרבאָסן.

ווען באַרבאָס איז געשטאַנען און געזשלאָקעט פון טעפּל, איז אָנגעקומען דער יינגסטער שכן, זיינע גרינלעכע אויגן זיינען געווען ברייט געעפנט, און די ליפּן—ווי צוזאַמענגעקלעפּט. ער האָט אַ גאַנצן טאָג נישט געקאָנט פאַרגעסן דעם רויטן צייכן אויף מורקעס שטערן. ער האָט אים כסדר געזען פאַר זיך און אַפילו געפילט דעם נעפּל, וואָס האָט זיך אין זיין קאָפּ אויסגעשפּרייט. ער איז דערפאַר שטיל פאַרבייגעגאַנגען: נאָר יענער האָט אים אָפּגעשטעלט:

—איר זעט, ווי הונגעריק ער איז!

—אַז מען גיט אים נישט צו עסן.

—נו, וואָס זאָל מען אים געבן? ס'איז דאָך אַ שרעקלעכע זאַך!?

און עס האָט אויסגעזען, אַז ער וועט באַלד פאַרברעכן די הענט.

דער יונגערמאַן האָט דורכגעשפּאַנט איבערן הויף. מורקע איז נישט געווען. מאָדנע, וואו האָט ער געקאָנט אַהינקומען? און צי האָט ער טאַקע דעם רויטן צייכן, אָדער עס האָט זיך אים נעכטן פאַרנאַכט גאָר אויסגעוויזן...

ער איז צוגעקומען צום פענסטער פון ליידיקן שטיבל, וואו די דאָמאַשעווסקיכעס האָבן געוואוינט און דערזען ווי מורקע ליגט אינעווייניק אין אַ ווינקל. ער האָט אים נישט גערופן, נאָר מורקע האָט אים באַלד דערפילט, און צו אים מיטן קאָפּ זיך אויסגעדרייט. ער האָט אינסטינקטיוו אַ ציטער געטאָן.

דער רויטער צייכן האָט צו אים אַ וואונק געטאָן.

מורקע איז געלאַסן אַרויסגעגאַנגען מיט אַ מידן נאָר אַ לייכטן טריט. איז אים נאָכגעגאַנגען אין שטוב אַריין. דאָרט האָט אים דער שוואַרצער קאָפּ צוגעוואָרפן אַ שטיקל ברויט אָדער ענלעכעס צו ברויט... מורקע האָט עס געפּרובט עסן, נאָר פון מויל אַרויסגעלאָזט, האָט עס דאָך אויפגעגעסן און אונטערן טיש זיך אַוועקגעלייגט.

שפּעטער איז ער אַרויס פון שטוב, זיך פאַרקליבן אין שאָטן, גייענדיק איבערן הויף מיט געלאַסענע פאַרקלערטע טריט און אַראָפּגעלאָזענעם עק. דער יונגערמאַן איז געשטאַנען ביים פענסטער און דער רויטער צייכן האָט כּסדר צו אים געוואונקען...

•

ס׳איז אויפגעגאַנגען אַ העלער טאָג. אַ ברענענדער און אַ דושנער. אַ טאָג, וואָס טראָגט מיט זיך אַן אָנזאָג פון עפּעס שטילס, פאַרהוילנס. קיין ווינטל האָט נישט געבלאָזן און קיין בלעטל האָט זיך נישט באַוועגט. נאָר שפּעטער—האָט מיט אַמאָל אַ ווינט דורכגעבלאָזן און אַ שוואַרצע סמאָלעדיקע כמאַרע האָט זיך שווער און סאַפּענדיק אָנגערוקט. האָט אָנגעהויבן פאַרשלונגען די זון און אויף די דעכער האָט זיך אַ געלער שרעקנדיקער גלאַנץ צולייגט. עס האָט זיך דערטראָגן אַ פּישטשען פון אַ פויגל און דער ווינט האָט גענומען רייסן. מיט אַמאָל האָט עס אָנגעהויבן אויפהייבן אַ שטויב פון דער ערד און אין לופטן האָט זיך געטראָגן דאָס רענזשען פון אַ זעג, וואָס איז גיך געלאָפן איבער

טרוקן צעשפּאָלטן האָלץ... אַ שאַרפער סוויסטש, ווי אַ שאַרף פון אַ מעסער האָט די לופט דורכגעשניטן און אין מיטן זיך איבער־געהאַקט מיטאַמאָל און קאַנטיק.

די כמאַרעס זיינען איצט געלאָפן. כמאַרע אין כמאַרע געקלעפּט און איינע איבער דער אַנדערער. מורקע וואָס איז געלעגן אין ווינקל אויפן הינטערשטן הויף, האָט מיט אַמאָל אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיינע ברוינע אויגן זיינען געווען גרויס און גרוי... ער האָט געהאַט דאָס געפיל, ווי אַלץ פאַלט פון אים אַראָפּ, דאָס האַרץ, דער בויך און די פיס. האָט ער אָנגעהויבן שוידערן און געפּרובט זיך אויפשטעלן. ער איז צוריקגעפאַלן און דאָס האָט אים שוין איינגאַנצן דעם קאָפּ פאַרטשמיעלעט. האָט אין אים אויפגעפלאַקערט אַ הייסער באַגער: אויפשטיין.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט. אַ ווײַלע געשטאַנען און זיך גע־שאָקלט אויף די פיס. נאָך דערנאָך, האָט ער אָנגעהויבן טרעטן געלאַסן, שטיל און שווער.

עס האָט אים אַ ציי־געטאָן די שטוב פון דער יונגסטער שכינה.

ער איז אַרייַנגעגאַנגען, די טיר איז גראָד אָפן געשטאַנען, האָט זיך דערשלעפּט ביז צו דער קושעטקע, וואָס איז געשטאַנען אין ערשטן צימער. געפאַלן אויף די פאָדערשטע פיסלעך און געפילט, ווי זיינע אויגן קריכן אַרויס פון זייערע ערטער, ער האָט זיי פּרעמד געפילט און כמעט נישט געזען אויף זיי.

ער איז געבליבן ליגן אונטער דער קושעטקע. טיף געאָטעמט און אין זיך דעם אָטעם נישט געפילט, עפּעס האָט אין קאָפּ אָנגעהויבן ליידיק ווערן...

דאָס קליינע מיידעלע איז אין שטוב אַריין. אים באַמערקט אונ־טער דער קושעטקע האָט זיך עס אָנגעבויגן, אָנגענומען ביים עק און געוואָלט אַפּוירשלעפּן. מורקע האָט זיך נישט געווערט, עפּעס האָט זיך אים געגלוסט שמייכלען... אים איז אויסגעקו־מען, אַז דאָס שטייט נעבן אים דאָס קליינע שיקסל מיט די קרומע פיסלעך.

דאָס מיידעלע האָט געהערט אַ משונהדיק הייזעריק רעווען. איז

עס אַרויס אין קיך:

—מאַמע... מורקע ליגט...

די יונגע שכינה איז אַריין, האָט זי געמיינט, אַז ער האָט זיך דאָרט פאַרטשעפּעט, האָט זי אויפגעהויבן די קושעטקע. זי האָט באַמערקט ווי ער האָט צו איר אויסגעשטעלט ווילדע ווייכע אויגן און זיין פּנים האָט אָנגענומען אַ גרימאַסע, ווי ער וואָלט געוויינט.

ס'איז געוואָרן אַ רעש: אין שטוב איז אַריין דאָס פּוילישע פאַר־שלאָפענע ווייבל, זי האָט זיך נאָר וואָס געוואָלט „צושפּאַרן" און דעם טומל דערהערט, עס זיינען אַריין אירע צוויי יינגלעך. איינער אַ גרעסערער מיט גרויסע שווערע פיס, מיט ברילן אויף דער נאָז און מיט אַ נאַרישן שמייכל אויף די גראָבע ליפּן. דער צווייטער—אַ קלענערער, מיט אַ פאַרריסן פּויליש נעזל און מיט וואונדער אין די בלויע אויגן.

דאַן האָט מורקע זיך נאָך מער דערשראָקן: נאָר ער האָט שוין טראַכטן נישט געקאָנט. עפּעס האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס שטייט נעבן אים די דאָמאַשעווסקיכע און ער האָט בלינד גע־צויגן דעם קאָפּ צו איר:

די יינגסטע שכנה האָט אַ זאָג געטאָן:

—אוי... ער פּגרט...

דאָס פּוילישע ווייבל האָט געגעבן אַ צי־אויס:

—וואָ—אָ—ס—ס—ס ? !...

און איז גלייך אַרויסגעלאָפן.

דאָס עלטערע יינגל האָט געהאַלטן אַ שטעקן און מיט אים מור־קען געשטופּט. דערביי אַלץ אַזוי נאַריש געשמייכלט

די מוטער האָט פון דרויסן גערופן די קינדער, נאָר זיי האָבן איר נישט געהערט, צוגיין—האָט זי שוין מורא געהאַט. און דער ווינט האָט איצט געבלאָזן שטאַרקער, די צווייגן האָבן גע־רוישט.

מורקע האָט זיך אָנגעשטריינגט און איז אויפגעשטאַנען. בשעת מעשה געטראַכט: אָט דאָ וואָלט גוט געווען צו ליגן, עס ווערט אַלע ווײַלע אַזוי רואיק און לייכט פון דער מידקייט, וואָס

פאַרזינקט אים אין ווייכס, שטילס... נאָר מען טרייבט.
ער איז געגאַנגען, געגאַנגען און אים האָט זיך געדאַכט, אַז זיינע פיסלעך זיינען איינס פון אַנדערן אָפּגערוקט אויף אַ גרויסן שטח, דעם עק--האָט ער אינגאַנצן נישט געפילט און אַפילו אָן אים נישט געדענקט. דער קאָפּ האָט צו דער ערד געצויגן.

אַ פּאָר מאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויסגעשטעלט וואונדערלעכע אויגן אויף דעם יונג מיט די גראָבע ליפּן און גרויסע שווערע פיס. נאָר יענער האָט שטאַרק געקוואָלן און אים גע־שטופּט מיטן שטעקן. אַ פּאָר מאָל איז ער געפאַלן אויף די פאָ־דערשטע פיסלעך און זיך צוריק אויפגעשטעלט, ביז מען האָט אים צוגעטריבן צום גרויסן טויער, געעפנט, אים דורכגעטריבן און פאַרמאַכט נאָך אים דעם טויער.
איצט האָט מורקע גאָרנישט געפילט, נאָר איין פאַרלאַנג האָט אין אים געברענט: צוריק קומען אין הויף, קיינער זאָל אים נישט זען, און זיך דאָרט רואיק אין אַ ווינקל פאַרשטעקן. בשעת מעשה האָט ער געדיינקט אָן ליידיקן שטיבל...
ער האָט געשפּאַנט צו גיין אַרום און אַרום. געוואָלט האָט ער צוקומען צום קליינעם הינטער־טירל. מיט אַמאָל האָט דער ווינט ווי נאָכגעלאָזט, האָט נאָר איין שטאַרקן בלאָז געטאָן, אַזוי, אַז די בלעטלעך אויף דיביימער האָבן זיך איבערגעקערט אויף דער העלערער, לינקער זייט. מורקע האָט זיך צוריקגעזעצט כדי גישט אומצופאַלן, און עס האָט מיט אַמאָל אַ שלאָג געטאָן אַ רעגן. שווערע קיילעכדיקע טראָפּנס האָבן ווי אַ האָגל געשלאָגן און ס׳האָט אויסגעזען, שטיינדלעך קלאַפּן אין זאַמד און ווערן דאָרט פאַרזונקען. נאָר באַלד האָט עס אָנגעהויבן רינען מיט דינע, גלייכע שטראָמלעך.
מורקען איז עפּעס גרינגער געוואָרן פון דער פרישער רעגן־קילקייט, האָט ער גענומען גיין ענערגישער.
דער רעגן האָט געפּלייצט, די דעכער האָבן געגלאַנצט און די ביימער האָבן זיך געצאַפּלט. ס׳האָט גערינען פון אַלע זייטן, און פון ביידע זייטן גאַס—האָבן זיך געלאָזט שטראָמען, שטרייפּנ־

דיק מיטגעשלעפּט שטרויעלעך און שפּענדלעך. די האָר פון מורקעס פּעל האָבן זיך אויסגעצויגן און ערטערווייז שוואַרצלעך געוואָרן, און ווערנדיק אַלץ נאַסער און נאַסער, האָבן זיי זיך געלייגט אויף די זייטן זיינע, ווי זיי וואָלטן די הויט געפּרעסט און ער האָט דערפילט, ווי ער ווערט דינער און דינער מיט יעדער מינוט. דער עק איז געווען צונויפגעשמאָלצן, זיך גע־שלעפּט אין וואַסער און איבער די קלאָען פון די איינגעבויגע־נע פיסלעך האָט געשטראָמט אַ דין, קיל הייטל.

קיינער איז אויף דער גאַס נישט געגאַנגען און קיינער האָט אים נישט באַמערקט. ער איז געגאַנגען איינער אַליין אויף דער גאַנצער הוילער גאַס, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער הערט שפּילן. דאָס איז געוויס דער גראַמאָפאָן, וואָס שפּילט ביי די דאָמאַשעווסקיס און נאָך האָט ער געפילט, ווי נישט ווייט פון דאַנען שטייט זי, די בעל־הביתטע, און נעבן איר—דאָס שיקסע־לע, מיט די קרומע פיסלעך, און ער האָט זיך געשלעפּט מיטן לעצטן אָטעם.

נאָר ווען ער איז שוין געשטאַנען אויפן פּלאַץ, פאַר דעם טירל, האָט ער דערפילט, ווי פון אים גיסט עס פון אַלע זייטן. דער בויך האָט זיך אים אָנגעהויבן באַוועגן, ווי עמיצער וואָלט דאָס אים אומישנע אָפּגעטאָן, און ער האָט ווי פאַרגעסן, אַז ער דאַרף גיין געלאַסן און מיט אַמאָל זיך אַוועקגעלייגט.

ער האָט אָנגעהויבן זינקען אין מ׳דקייט און נישט געקאָנט גע־דענקען, אַז ער האָט געוואָלט ווייטער קומען. מיט אַמאָל איז אים געוואָרן אַזוי, ווי מען וואָלט אין אים אַלץ מיט אַ האַנט אָפּגעווישט, און ס׳איז געוואָרן לחלוטין ליידיק... אָט אַ שטיי־גער, ווי עס ווערט ליכטיק אין טעאַטער און די לייוונט פון עקראַן איז אָפּגעווישט און בלייך...

* * *

שפּעטער, ווען דער יינגסטער שכן איז אָנגעקומען פון גאַס, האָט שוין די זון געשיינט. ער איז פאַרבייגעגאַנגען און אויפ־

געציטערט: מורקע איז געלעגן די אונטערשטע פיסלעך אויסגע צויגן, לענגרויס דעם קערפער. די פאָדערשטע אויסגעצויגן פאַר־אויס, פאַר זיך, דער פיסק–אָפן און שפּיציקע ציין האָבן אָנגע־שטרענגט אַרויסגעקוקט, האָט עס אויסגעזען, ווי אַ שטאַרקער ווינט האָט זיך נאָר וואָס אים פון האַלז אַרויסגעריסן.
ער האָט זיך ווי נישט געגלייבט און געפילט, ווי ער איז נאָך בלייכער געוואָרן, נאָר באַלד האָט ער באַמערקט דעם רויטן צייכן אויף זיין שטערן. איצט איז ער געווען שוין שוואַרצלעך. ער האָט אויפגעשווידערט און אָפּגעווענדט זיינע בליקן פון אים. אַהיים געגאַנגען, נאָר דער צייכן האָט זיך אים ווי אין זיין אייגענעם שטערן איינגעשניטן.
פאַרנאַכט איז דער קליימניק געקומען. ער איז אַריין צום ייִנגסטן שכן מיט ווייב און קינדער: עפּעס אין גאַס האָט מען אָנגע־הויבן שמועסן, אַז „עס נעמט אַ סוף צו די צרות". האָט ער זיך געוואָלט איבעררעדן מיט נאָך וועמען, עפּעס איז אָנגענומער און זיכערער אויב נאָך איינער האָט פון דעם געהערט. דער דריטער שכן, דער „מענטש פון וואַלד" איז אויך אַריינגעקומען מיט זיין פאַרהאָרוועטער יידענע, און אַלע האָבן גערעדט פון מורקען. באַזונדערס האָט די פּוילישע דערציילט: „ס'אַראַ שרעק־לעכע זאַך ס'איז געווען צו קוקן אויף דעם הונט... פונקט ווי אַ מענטש האָט ער געקוקט... נישט געוואָלט פגרן"...
דער ייִנגסטער שכן האָט געשוויגן אַזוי באַדייטנד, ווי ער וואָלט געוואוסט אַזאַ סוד, וועלכן מורקע האָט מיט זיך אויף אייביק מיטגענומען...
מיט אַמאָל האָט דאָס פּוילישע ווייבל אָפּגעגענעצט (נאָכן שלאָף געווען) און פויל אויסגעצויגן אַ זאָג געטאָן:
—נו, אויך אַ זאַך... אַ שיינע ריינע כפרה! פּטור געוואָרן פון אַ הונט.
דער ייִנגסטער שכן האָט זיך אויפגעשטעלט, און ווי עס וואָלט אים אונטערגעטראָגן. אין אים האָט אויפגעפלאַמט אַ חשק צו זאָגן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל אַלעמען דערשרעקן. האָט ער רואיק און געלאַסן געזאָגט:

—און מיט וואָס אַ שטייגער, מיינט איר, איז אייערס אַ קינד מער מיוחס פאַר מורקען? אפשר איז דאָס לעבן און דאָס שטאַרבן פון דעם קליינעם הינטל מער טראַגישער און מער באַדייטנדער פון לעבן פון אייערע נאַרישע אויסגעבאַליעטע קינדער?!...

ער האָט עס אָפּגעזאָגט און געפילט, אַז ער איז שטאַרק בלאַס, און אַז די ליפּן זיינע ציטערן.

אַלע זיינען צוטומלט געוואָרן. דאָס פוילישע ווייבל איז געבליבן מיט קיילעכיקע אויגן און האָט עפּעס ווי געטראַכט, צי זאָל זי זיך באַוויינען פון „שמאַרצן" אָדער גאָר מאַכן אַ שווייג...

נאָר דער יונגער שכן האָט זיך איצט דערמאָנט—נישט געדענקנ־דיק, אַז ער האָט עס גאָרנישט פאַרגעסן—אין דעם רויטן צייכן אויף מורקעס שטערן, און איצט האָט ער שוין נישט געדענקט אָן זיין פריערדיקער בייזקייט. נאָר געוואוסט אַז דאָס, וואָס ער האָט איצט געזאָגט, איז אמת. און נאָר ער אַליין ווייסט ווי ווייט אמת דאָס איז... און האָט דערפילט אַ פייכטקייט אין אויג...

אַלע האָבן שווער געשוויגן...

* * *

די נאַכט האָט באַרבאָס געוואָיעט לאַנגזאַם און פאַרביטערט, ווי ער וואָלט געפילט דעם טויט, וואָס דערנענטערט זיך אויך צו אים.

אָדעס, אויגוסט 1919

דער טויט פון פאָן־בעלץ.

„פאָן־בעלץ איז געשטאָרבן״.

„דער קאָמאַנדיר פון די דייטש־עסטרייכישע חילות אין אָדעסער ראַיאָן, דער אַלטער גענעראַל פאָן־בעלץ, האָט זיך נעכטן דערפילט זייער שלעכט און—פלוצלונג געשטאָרבן.״

אַזוי האָט מען געשריבן אין די צייטונגען. אָבער פאָרגעקומען איז עס אַזוי:

פאָן־בעלץ האָט באַקומען צוויי דעפּעשן: אין איינע האָט מען אים מיטגעטיילט, אַז קעניג ווילהעלם איז אַראָפּ פון טראָן און די צווייטע—האָט אים באַפוילן אין נאָמען פון גענעראַל־שטאַב, תיכּף צו פאַרלאָזן אוקראַינע און צוריקקערן אין „פולער אָרדנונג״.

ער איז געזעסן אין זיין ווייכן פאָטעל, נעבן זיין שרייבטיש, האָט עפּעס אַ גיכן באַוועג געטאָן מיט די ברעמען אַריינקוקנדיק אין די דעפּעשן. האָט מיט ציטערדיקע פינגער באַטאַפּט די פּאַפּירלעך, זיי אַוועקגעלייגט און זיך אויפגעשטעלט. האָט אָנגעטאָן די פענסנע, זיי צוריק אויסגעטאָן, מיט דעם ווייסן

טיכל זיי אויסגעווישט, צוריק אָנגעטאָן און האָט לאַנג, לאַנג געקוקט אויף די אותיות, ציענדיק מיט די אַקסלען אַרויף. דערנאָך האָט ער די אַקסלען נאָכגעלאָזט, געגעבן אַ האַרטן שפיי אַ שאָקלגעבנדיק מיטן קאָפ אין דער ברייט; האָט אַ שמייכל געטאָן; אויפגעעפנט דעם שופלאָד פון שרייבטיש, זיי אַריינגעלייגט און פאַרשלאָסן:

—ס'וועט קיינמאָל נישט זיין! דאָס איז אַ שפיצל פון קערל שיידעמאַן...

האָט געמאַכט אַ פאָר דריבנע, נאָר שטאַרקע טריט צום פענצטער און מיט כעס געמורמלט:

—פאָן־בעלץ שטייט נישט צו צו קיין רעוואָלוציעס! פאָן־בעלץ באַפעלט צו שיסן אַזעלכע פאַרעטער. און ווער האָט אונטערגעשריבן דעם באַפעל?—

אים איז אויסגעקומען, אַז דער נאָמען איז אַן אומבאַקאַנטער.

ס'איז אַ שפיצל... מאָרגן וועט דער קערל זיין געשאָסן און די בונטאַרן וועלן זיך באַרואיקן אונטער די גראַטעס...

איצט האָט ער זיך געהאַט שוין באַרואיקט און געוואוסט, אַז דער „קייזער” וועט אַלע פאַרעטער אויסראָטן. האָט ער געשפאַנט לאַנגזאַמער און געפילט גרויס פאַרדראָס אין האַרצן:

—ס'איז אַ שאַנדע... אַ שאַנדע... ווייניק נאָך, וואָס דער אויסערלעכער פיינט האָט זיך געשטאַרקט, נעמען פאַרעטער און ערלויבן זיך אַזאַ שווינערייי! און קעגן וועמען? קעגן אַלמעכטיקן קייזער! !—ווילן אָפנאַרן מיט דעפעשן און אַריינברענגען אַ דעזאָרגאַניזאַציע אין אונזערע רייען... אַך היינט! זיי וואַגן צו לעסטערן דעם קעניג און דאָס פאָטערלאַנד... אַ שאַנדע... אַ ווייטאָק...

האָט ער טאַקע, פון גרויס ווייטאָק, געשוויגן גאַנצע צוויי טעג און קיינעם נישט אויפגענומען און פון פאַלאַץ נישט אַרויסגעגאַנגען: ער האָט זיך געשעמט פאַר די אָפיצירן... ער האָט זיי נישט געקאָנט קוקן אין די אויגן אַריין: איז בערלין, אין

דער רעזידענץ פון קעניג, זאָלן עטלעכע „נידערטרעכטיקע״ סאָציאַליסטן מאַכן סקאַנדאַלן, און דער מעכטיקער קעניג זאָל זיי באַלד, אין דער ערשטער „שטונדע״ נישט אויסראָטן?...

דער פּאַלאַץ, אין וועלכן פאָן-בעלץ האָט געוואוינט, איז געשטאַנען ביים ברעג ים. איז ער אָפּט געזעסן אין זיין קאַבינעט און געקוקט דורך דעם הויכן, אין דער הויך פאַרקיילעכדיקטן פענסטער, צום ים. האָט געזען ווי עס שטורמען דאָרט די כוואַליעס, הייבן זיך אויף מיט ווייסע שוימיקע גזשיוועס, וואַרפן זיך שטורמיק קוילערנדיק צום ברעג און-פאַלן... „אָט ברודמען זיי, די כוואַליעס״—האָט ער געטראַכט—„אָבער דעם ברעג וועלן זיי נישט דורכרייסן.״ „די שאַנד וועט דאָך נישט אָבהאַלטן... נישט רוסלאַנד איז דאָך דייטשלאַנד״...
איז ער געזעסן און געקוקט און ערוואַרט אַ קוריער מיט ריכטיקע באַפעלן... און ווען דער ים איז רואיק געלעגן און אַ ליכטיקע זון האָט אים באַשיינט, האָט דער אַלטער זיך שטאָלצער אָוועקגעזעצט אין דעם ווייכן פאָטעל און לייכט אַ שמייכל געטאָן.
נאָר אָט האָט מען אים אַריינדערלאַנגט די צייטונגען. האָט ער אין זיי געקוקט און געצויגן דעם בלייכן שטערן. ער האָט גאָר נישט פאַרשטאַנען: ווילהעלם האָט זיך אונטערגעשריבן אויף זיין אַבדיקאַציע? דער קערל שיידעמאַן איז געוואָרן דער גאַנצער טאָן-געבער? איז עס מעגלעך? ווי אַזוי איז דאָס געשען? אָך! נאָך מיט אַ יאָר צוריק, האָט מען דעם הונט געדאַרפט די קעל דורכשיסן... איז דאָס לאַנד ווירקלעך פאַרלוירן?... און אפשר? אפשר זענען דאָס פאַלשע צייטונגען? אָט זענען דאָך די דעפּעשן פאַלש!
דער אַלטער האָט געשפּאַנט איבער זיין קאַבינעט מיט דריבנע נאָר פעסטע טריט, האָט עפּעס גאָר נישט פאַרשטאַנען און אַ צאָרן האָט זיין האַרץ געברענט. ער האָט שטיל זיך געעקשנט און געמורמלט: „נישט מעגלעך, נישט מעגלעך.״ און אַזוי שפּאַנענדיק האָט ער געעפנט די טיר און אַריין אין קאַנצעלאַריע.

דאָרט איז נאָר איין אַדיוטאַנט געזעסן, האָט ער אויפגעהויבן כמורנע אויגן און צופיל שווייגנדיק זיך אויפגעשטעלט. אַ שרייבער האָט געקוקט אין פּאַפּירן און האָט עפּעס ווי געשמייכלט אין זיך אַריין.

דער אַלטער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט און האָט זיך דערנענטערט צום פענסטער; איז געבליבן שטיין מיט איבעררעשונג און זיין פּנים איז אויסגעצויגן געוואָרן, די ווייסע באַקן־בערד זענען ווי שטיקלעך וואַטע געלעגן אויף זיין פּנים, אויך אָנגעשטרענגט און זיינע ליפּן האָבן זיך צוזאַמענגעפּרעסט.

אויפן הויף זענען געשטאַנען זעלנער מיט אָפיצירן. אַלע זענען געווען היימיש צווישן זיך, ווי צווישן זעלנער און אָפיציר איז אַ וואַנט אַוועקגענומען געוואָרן; אַלע זענען עפּעס ווי „פּאַרוואַנדעטע". אייניקע האַלטן זיך געאָרעמט און— — —אָט שטייט דאָך אויגוסט...—וואו זענען זיינע עפּאָלעטן?

מיט אַמאָל האָט ער דערזען, אַז זיי קוקן אויף אים, נאָר מיט צאָרן און גרינגשעצונג... שמייכלען און רעדן צווישן זיך, ווי ער וואָלט דאָ נישט געשטאַנען. אָט האָט דאָך הער פּרינץ געקוקט צו אים.

דעם אַלטן האָט אַזוי אויפגעברויזט אין האַרצן—אַז ער איז אָפּגעטרעטן פון פענצטער, האָט אַוועקגעשפּאַנט ביזן קאַבינעט און געטראַכט שווער און צעטומלט, ווי אַ בייזע פליג וואָלט אים אין אויער געזשומעט.

—וואָס זשע? איז עס ווירקלעך געשען?

האָט זיך מיט אַמאָל אַנטשלאָסן, צוריקגעשפּאַנט צום פענסטער, געבליבן שטיין אַ ווײַלע גלייך און שטאָלץ. ער איז עפּעס העכער געוואָרן. עטלעכע אָפיצירן האָבן זיך אומגעקוקט. איינער האָט זיך געהאַט אויסגעגלייכט, האָט גענומען לאַנגזאַם אויפהייבן די האַנט, נאָר אין מיטן—זי צוריק אַראָפּגעלאָזט. און עפּעס איינער אַ הויכער און אַ דאַרער מיט פלאַמיקע אויגן, האָט זיך גענומען קאָכן און רעדן בייז, באַוועגנדיק מיט דער רעכטער האַנט.

פּאָן־בעלץ האָט ראַש געגעבן אַן עפן דאָס פענסטער.

אַלע פּנימער האָבן זיך אויסגעדרייט צו אים. איינער האָט אים באַגריסט, אויפהייבנדיק די האַנט—נאָר—איז עפּעס פאַרשעמט געוואָרן.

—אָפּיצירן!

שטיל.

—אָפּיצירן! וואו איז די ערע אייערע?

שטיל.

—איר דערקענט נישט אייער קאָמאַנדיר?

אַ סך זענען בלייך געוואָרן. אַ צעטומלעניש האָט זיך באַזעצט אין די אויגן. נאָר פּאָן-בעלץ האָט אויסגעשריען:

—פאַרעטער! אין קייטן וועל איך אייך פאַרשמידן!

די צעטומלעניש איז ווי פון ווינטל אַוועקגעטריבן געוואָרן.

—אין וועמענס נאָמען?—האָט איינער אַ פרעג געטאָן און זיין פּנים איז שטאַרק רויט געוואָרן.

פּאָן-בעלץ איז געבליבן ווי פאַרשטאַרט. ער האָט זיך דערפילט ווי ער וואָלט געשטאַנען אין ליידיקייט. זיין פּנים איז געוואָרן אַזוי בלאַס, אַז עס האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט די ווייסע באַקן-בערד. אַ ווילע איז ער אַזוי געשטאַנען און נישט געקאָנט באַוועגן מיט קיין אויג און נישט עפענען דאָס מויל.

—אפשר אין ווילהעלמס נאָמען?

אַזוי האָט איינער אַ פרעג געטאָן, און דער אַלטער האָט גע-עפנט דאָס מויל, וואָס איז געבליבן שטיין ווי אַ נול. אַ שטיי-גער ער וואָלט אַ גרויל דערזען. די האָר אויפן קאָפּ, וואָס זענען געלעגן ווי ווייסער דינער פוך, האָבן זיך אויפגעשוי-דערט.

—וואו זענען די באַפעלן?—האָט דערזעלבער געפרעגט.

—פאַרוואָס באַהאַלט איר?

—ס'וועט אים נישט העלפן!

—מיר פאָרן אַהיים!

—גענוג געפירט פאַר דער נאָז!

—אויס מיט דער הערשאַפט!

—מיר פאָרן אַהיים!

פאָן-בעלצס פנים האָט צוריק באַקומען אַ ראָזע פאַרב. ער האָט אַ באַוועג געטאָן מיט די שנייאיקע ברעמען, ווי געוואָלט עפּעס אָפּווישן פון די אויגן און געזאָגט:

—ס'וועט קיינמאָל נישט זיין?

—וואָס זאָגט ער?

—איר זענט אָפּגענאַרט. די בונטאַרן וועלן צעשאָסן ווערן ווי קרעציקע הינט!

—וואָס זאָגט ער?

—וואָס אַזוינס?

און אַלע האָבן זיך צעלאַכט.

—הער גענעראַל—גיט אַרויס די פאַראָרדנונגען!

דער אַלטער איז אַ פאַרלוירענער געשטאַנען. איז מיט אַמאָל עפּעס נידעריקער געוואָרן. ער האָט געפילט, אַז דער קאָפּ האָט זיך אים צעמישט. אָט וועט עפּעס געשען מיט אים: אָדער ער וועט אַנידערפאַלן אָדער זיך צעוויינען. האָט ער זיך אויסגע-דרייט און זיך אָפּגערוקט פון פענסטער.

איז געבליבן שטיין אין ווינקל און נישט געוואוסט צי ס'איז טאָג, צי ס'איז נאַכט. עפּעס איז אַ טומל ערגעץ. בייזע שטימען, העזהדיק רייסן זיי זיך, די געשרייען זענען ביי דער טיר. ווער טרעט עס מיט אַזעלכע שווערע טריט אין פאָדערשטן צימער?

ער איז געשטאַנען מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, אַ שווערע משא האָט אים אַראָפּגעדריקט און מען האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר.

ער האָט נישט געענטפערט. האָט זיך די טיר געעפנט, עטלעכע אָפיצירן האָבן זיך צוזאַמען דורכגעשפּאַרט און נאָך זיי זענען אַריין סתם זעלנער. אַלע האָבן זיך אָפּגעשטעלט—געשוויגן צע-טומלט און עפּעס מיט די אויגן מאָדנע געקוקט, דאַן האָט פאָן-בעלץ אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געפרעגט, אָפיציעל, שאַרף און שטאָלץ:

—וואָס פאַרלאַנגט איר?

אַ ווייַלע שטיל. זיין פראַגע בלאָנקעט אַרום איבערן צימער.

— די פאַראָרדנונגען! — האָט איינער אַרויסגעפּלאַצט.

— באַלד!

און ער האָט זיך אויסגעגלייכט און מיט שטייפע טריט אַוועק צו זיך אין קאַבינעט. אַ ווײַלע האָט מען שטיל געוואַרט און איינער האָט דעם אַנדערן נישט אָנגעקוקט: מיט צו שטייפע טריט איז ער אַוועק... און מיט אַמאָל האָט אָפּגעשלאָגן אַ הילך, אַ דינער אויסגעצויגענער הילך, וואָס האָט זיך איבערגעריסן.

אַלע האָבן אויפגעציטערט.

* * *

אין קאַבינעט איז דער אַלטער געשטאַנען צוגעשפּאַרט צו זיין שרייבטיש און די איבערשטע טייל פון זיין גוף, האָט זיך אי-בער אים געבויגן. פון שטערן האָט רויטס געפליסט...

זיינע אויגן האָבן געקוקט קלאָר און פאַרביסן, נאָר ער האָט גאָרנישט געזאָגט. ביז — זיי האָבן זיך איבערגעצויגן מיט אַ נעפּל און איינגעלאָשן געוואָרן...

* * *

אויפן אַנדערן טאָג האָבן דייטשע און עסטרייכישע זעלנער אַראָפּגענומען די טעלעפאָן-דראָטן, וואָס זיי האָבן געהאַט פאַר-לייגט איבער די גאַסן.

אָטוואָצק 1922

מאַריקאַ.

דיר—מיין שטיל־שטורמיקע פרייד.

א.

דאָס גאַנצע שטעטל יידן איז שוין געשטאַנען אויפן קיילעכ־דיקן מאַרק. ס'איז געווען נאָכמיטאָג, די זון איז פאַרגאַנגען בלייך־רויט און דער שניי איז אָפּגעשטעלט געוואָרן אין זיין צעלאָזנזיך און צוריק פאַרגליווערט געוואָרן. אַ דין ווינטל האָט אַ שאַרפן שניט געטאָן און דער ווייסער קלויסטער איז געשטאַנען מיט עפּעס אַ שמייכל אויף די בלייכע שויבן, וואָס האָבן זיך געהאַט איבערגעצויגן מיט טעמפּער מאַטקייט און גלאַנץ; צייטנווייז נאָר, האָט זיך דער גאָלדיקער גלאַנץ אַ בראָך געטאָן און צוריק אין מאַטקייט זיך צענויפגעגאָסן; די קלייטן זיינען געווען פאַרמאַכט און שטיל, געטראַכט האָבן זיי אין זיך אַריין. געטראַכט פון אַ טויב שרייענדיקער נאַכט.

יידן זיינען געשטאַנען אין רואיקער דערשראָקנקייט. אָט אַ שטייגער, ווי מען שטייט פאַר די טירן פון „פּריסוטסטווע”. פּנימער בלאַס, אויגן גלאַנציק און מיט אימגעהויערער רואיקער אומגעדולד אין זיי...

האַלב אָפּגעריסענע זעלנער מיט ווינטיקצערויטלטע פּנימער און

די היטלען שטאַרק געזעצטע אויפן קאָפּ און איבער איין אויער — האָבן אונטערגעאײלט פּאַרשפּעטיקטע, באַגלייט די רואיקצעשראָ־קענע יידן פון די געסלעך. דערביי האָבן זיי שטאַרק געצויגן די פּאַפּיראָסן — און שווייגנדיק שטאַרק געטריבן די פּאַסעקלעך פּאַרע דורך די נאָזלעכער.

גוים אין פּעלצן, זיכער און שווייגנדיק, האָבן געלאָסן אַרויס־געשפּאַנט פון דער גאַס, וואָס איז באַהאַלטן אונטערן קלויסטער, ווי אונטער אַ רייך בעל־הביתישן פּאַרטוך. זיי זיינען אַרויס־געקומען ווי הינדלעך פון אונטער אַ קוואָקע, האָבן אַזוי סודות־דיק געקוקט און גאָרנישט געזאָגט. אַז איינעמס אויגן האָבן זיך מיטן צווייטנס אָנגעטראָפן — האָבן אויגן צו אויגן אַ לאַך געטאָן מיט גלאַנציקער נאַכט — ווי קראָ מיט קראָ וואָלטן זיך אָנגעטראָפן...

די זון האָט מען שוין נישט געזען. איצט זיינען די שויבן פון קלויסטער געווען ווי מיט אַ גראָער בעלמע איבערגעצויגן און ס׳האָט זיך דורך די פענסטער געפילט, ווי אינעווייניק איז אַ גרוילעדיקע פינצטערע פוסטקייט. אין רעדל יידן האָט זיך אַריינ־געשניטן אַ חברה אוקראַינישע היידעמאַקעס אין געלע און שוואַר־צע פּעלצלעך, זיצנדיק אויף שוואַרצע גלאַנציקע פערד; אין די הענט — ראַפּניקעס און די פּנימער קופּערגלאַנציק פאַרגליווערט. פערדישע קעפּ האָבן זיך געריסן אַרויף, שאָקלענדיק מיט ברייט צעעפנטע נאָזלעכער און הירזשנדיק אין אָוונט אַריין. דערביי האָבן זיי צוריקגעשפּאַנט אונטער שטייפגעצויגענע ציימלעך און די מאַסע האָט זיך ווי אַ כוואַליע אָנגעהויבן וויגן.

ווידער האָט זיך אַריינגעריסן אַ הייזעריק רעווען אין איין אָטעם, ווי אַ שטייגער אַ גרויס שטיק אָנגעגליט אייזן וואָלט זיך אין אייז אַריינגערוקט. די מאַסע האָט אַ ציטער געטאָן און מען איז שטאַרק שטיל געוואָרן.

אויף דעם אויטאָמאָביל האָט, אַ טרייסלגעבנדיק דעם קאָפּ, זיך אַוועקגעשטעלט דער אַטאַמאַן: אַ דאַרער הויכער גוי, וואָס האָט אויסגעזען ווי געקומען פון געדיכטן וואַלד. ער האָט געטראָגן אַ בלויען, שווערן „זשופּאַן", מיט אַ קאָלנער פון לאַנגע שעפּסנ־

וואַל, אַ קוטשמע מיט דיזעלבע לאַנגע וואָלענע צעפּלעך, מיט אַ דענקע פון אַ רויטן קעזיק, וואָס איז מיט שפּיץ און גאָלדענעם סטראָלז געלעגן אויף דער פּלייצע. ער האָט געהאַט אַ דאַר סקעלעטנפּנים מיט פּעך־שוואַרצע וואָנסן, וואָס זיינען ווי געדיכ־טע, האַרטע שטשורע־ווײדלעך אים אַראָפּגעהאָנגען פון ביידע זייטן מויל. זיינע אויגן האָבן געבלישטשעט מיט עפּעס היגטי־שעס, רויטלעך־שוואַרצעס.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט מיט איין ווילדן וואַלד-בליק. וויינבערגן איז גראַדע אויסגעקומען צו שטיין נעבן אים, האָט ער געזען ווי דערדאָזיקער קריצט מיט די ציין—דערפון אַליין, איז אים שוין קלאָר געווען, וואָס פאַר אַ שטים עס וועט זיך דערהערן.

ס'האָט זיך ראַפּטום אַ ריס געטאָן אַ הייזעריק-קלינגענדיקע שטים. דערביי האָט זיך זיין האַנט שאַרף אַ הויב געטאָן, דער ראַפּניק אין איר האָט אַ סוויסטש געטאָן:

—„סלושאַטע זשידי!"

וויינבערגן איז שוין אַלץ קלאָר געווען ביי די ערשטע צוויי ווערטער און אין האַרצן איז אים הויל געוואָרן. נאָר אָט האָט ער ווי זיך אָנגעכאַפּט אין אַן אינזל: „מאַריקאַ"... אַ? וואָס עפּעס מאַריקאַ? ווי אַ שטערן וואָלט אים אַ ווינק געטאָן פון שוואַרצן הימל.

—„סלושאַטע זשידי! יאַ וואַס ניע ליוביוו—אי ניע בודע ליוביטע. יאַ וואַס ביל—אי בודע ביטע. יאַ וואַס ריזאַל—אי בודע ריזאַטע".

ער האָט גערעדט מיט אַזאַ לשון, אַז יעדעס וואָרט איז געקו־מען ווי קאַנטיק. איז שטיל געוואָרן אַ ווײלע, האָט זיך אַרום־געקוקט מיט אַ שוואַרץ שמייכעלע און איצט האָט דער קלויס־טער שוין געשטשירעט מיט שוואַרצע פענסטער.

—הערט־זשע, פאַרפלוכטע זשידעס!

און ער האָט אויסגערעכנט וואָס אַזוינס מען דאַרף אים אַריינ-טראָגן אין פאַרלויף פון צוויי שעה, וויפיל ברויט און פלייש, געלט און קליידער, שטיוול און זייף.

קיינער האָט שוין ווייטער נישט געהערט. אַלע האָבן שוין גע־וואוסט דעם באַשייד פון די ווערטער, און ווי נאָר ער האָט געענדיקט האָט זיך יעדער גענומען שאַרן ביי די ווענט אַראָפּ־ציענדיק דעם קאָפּ נידעריקער צווישן די אַקסלען און זיך דווקא נישט געאיילט.

וויינבערג האָט איצט שוין געטראַכט כסדר פון מאַריקען. פון אַט דעם שיינעם שיקסל וואָס איז אַלט אפשר זיבצען יאָר און איז ביי אים אַ דינסט. איצט האָט ער געדענקט ווי זעלנער האָבן אַ טבע אַריינצוקומען צו אים מיט טומל און רעש—נאָר זיי בלייבן אין קעך... דאָרט עסן זיי אָפּ און מאַריקאַ לאַכט און רעדט און שיק זיי אַוועק.

ערגעץ האָבן געבלאָנדזשעט געשרייען. איינציקע, אָפּגעריסענע. ער האָט זיך נישט אומגעקוקט, נאָר, אַז ער האָט שוין דערזען זיין שטוב, האָט ער זיין פלינקן טריט פאַרהאַלטן, אָפּגעצויגן דעם אָטעם און געלאָזן אַריין דורך דער קעכטיר...

* * *

ווען ער איז אַריין אין קעך, האָט מאַריקע זיך אויסגעדרייט, האָט אויפגעהויבן די אויגן־דעקלעך און מיט פאָרשונג אַ גלאָצן געטאָן אויף אים מיט אירע גרויסע, ברוינע אויגן. ער האָט בלייך אַ שמייכל געטאָן און געזען, ווי אירע קלאָרע דורכזיכ־טיקע באַקן ווערן געררויטלט און עס גיסט זיך צעגויף די רויט־קייט מיט די שוואַרצע שאָטנס, וואָס ליגן אונטער אירע אויגן.

—נישט גוט, מאַריקאַ!

—וואָס האָט געטראָפן?—האָט מאַריקאַ געפרעגט, איז לייכט אויפ־געציטערט געוואָרן און אירע אויגן זייבען עפּעס צעטומלט געוואָרן.

ער האָט געעפנט די טיר' אין שטוב אַריין, זי געלאָזט אָפּן נאָך זיך. מאַריקאַ האָט זיך געשטעלט ביי דער שוועל און גייגעריק זיך צוגעהערט.

"אַדאַם" ווײַנבערג איז אויפֿגעשטאַנען בלאַס בײַ זײַן אַרײַנקומען, מיט שטײַענדיקע אויגן געקוקט אים גלײַך אין פּנים אַרײַן און ער האָט דערציילט:
—שלעכט, שטאַרק שלעכט... און ער האָט איבערדערציילט די גאַנצע דרשה פֿון אַטאַמאַן—און איצט, מילא... מסתּם וועט מען געבן... געווויס וועט מען געבן... נאָר די זעלנער קענען זיך נישט דערוואַרטן און ראַבעווען שוין... וואָס זשע טוט מען איצט?

ער האָט זיך אויסגעדרייט און דערזען מאַריקען אויף דער שוועל, שטייט אַלץ מיט גרויסע אויגן און צעטראָגן פּנים, האָט ער אַ זאָג געטאָן:
—נו, מאַריקאַ?...
—אַ „היצעל"—האָט דאָס שיקסל אַרויסגעזאָגט.
—זיי גייען שוין איבער די הייזער.
—נישקשה... דאָ וועלן זיי נישט ראַבעווען... אַזעלכע היצלעס.

מאַריקאַ האָט עס אָפּגעזאָגט מיט אַזאַ זיכערקייט, אַז ווײַנבערג האָט אַ שמייכל געטאָן און זײַן פּנים האָט אויפֿגעשײַנט. ער האָט אַזוי וואַרעם געקוקט אויף מאַריקען.
מאַריקע האָט זיך איצט פֿאַרשעמט פֿון דעם, וואָס זי האָט נאָר וואָס געזאָגט און פֿון פֿאַנס בליק, איז זי אַרײַן אין קעך, די טיר פֿאַרמאַכט הינטער זיך, דאָרט איז זי אַ ווײַלע שטיין געבליבן, געקוקט אין פֿענסטער, אין הוילן פֿאַרנאַכט אַרײַן און ס'האָט זיך איר שטאַרק פֿאַרגלוסט זינגען עפּעס אַזאַ טרויעריקעס און ווײנענדיקעס, נאָר זי האָט נישט געקענט. האָט זי נאָר געקוקט און אירע ברוינע אויגן האָבן זיך באַנעצט, מיט זיכערקייט און ווייכקייט געגלאַנצט, ווי זי וואָלט איצט בײַ אַ תּפֿלה אין קלויסטער געשטאַנען און געדענקט צו עפּעס אַזוינס ווייכס און הארציקס...

ס'איז צוגעפאַלן דער אָונט. די שויבן פון די פענסטער האָבן זיך מיט טונקלס איבערגעצויגן און פון דרויסן האָט געקוקט אַזאַ שטילער, שטומער ערנסט, וואָס האַלט שטאַרק אָפן שוואַרצע אויגן. עפּעס איינער אַ ייד מיט ברילן און מיט אַ בערדל, איז שטיל אַריינגעקומען איינגעהילט אין זיין פּאַלטאָ, האָט זיך נישט געזעצט און זיין געקנייטשטער שטערן האָט זיך נישט אויפגעקנייטשט, און ווייַנבערג האָט זיך אויך אויפגעשטעלט.—מאַדאַם וויינבערג מיטן קינד און איר אַלטע, טויבע מוטער זיינען שוין אין שטוב נישט געווען—דער ייד האָט שטיל און ערנסט מיט אַ נעילה־שטים געזאָגט:

—גאָט ווייסט... גאָט ווייסט... מען האָט געפּועלט ער זאָל וואַרטן ביז מאָרגן... דאַרפט איר, הייסט עס, געבן צוויי ת"קערס... מעזשעוויצקע דער סודיאַ גייט מיט מיר... ער איז ביים שכן...

וויינבערג האָט גאָרנישט געזאָגט, האָט געעפנט דעם בופעט, האָט אַרויסגענומען ווי צוגעגרייטס און דערלאַנגט. יענער האָט אָפּגעזיפצט:

—אָהאָ, שוין דער אמתער אַטאַמאַן... ער האָט צוגעזאָגט... ווייס איך?... ער זאָגט, באָר די זעלנער זיינע, טוען זיך דערווייל זייערס...

—וואָסזשע? ראַבעווען?...

—וואָלטן זיי נאָר געראַבעוועט... האָט מען אים דערציילט... מעזשעוויצקע איז געגאַנגען... האָט ער געענטפערט, אַז אָט באַלד באַפעלט ער... זייערע באַפעלן. און נע...

יענער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און זיך אויסגעדרייט:

—די פאַמיליע אַוועקגעגאַנגען?

—צום שוואָגער... דאָרט איז עפּעס זיכערער... אַ גוטער „סעקרעט"...

—גלייך געטאָן...

און איז אַרויס.

וויינבערג האָט אומרואיק געשפּאַנט מיט שטילע טריט, איז מיט־

אַמאָל שטיין געבליבן און גערופן:
—מאַריקאַ!
איז צוגעגאַנגען צו דער קעכטיר און שוין געטראָפן ווי מאַריקא האָט זי געעפנט און גייט אַריין געלאַסן, טראָגנדיק אַן אָנגע־צונדענעם לאָמפּ. ער האָט זי דורכגעלאָזט שטייענדיק מיט אַ לייכט געזונקענעם קאָפּ. מאַריקע האָט אַוועקגעשטעלט דעם לאָמפּ, ווידער אויפגעהויבן די אויגנדעקלעך און אירע אויגן האָבן אַ שיין געטאָן אויף זיין פּנים, האָט שווייגנדיק זיך געלאָזט מיט שטילע טריט אין קעך, פון דאָרט, אין דרויסן און ווייסבערג האָט טרויריק און שמייכלענדיק געקוקט ווי זי פאַרמאַכט די לאָדן. ער האָט זיי פאַרשפּאַרט אינעווייניק מאָדנע: ער האָט אין דער זייט געפילט איר האַנט, וואָס שטופּט צו דעם פרענט אין דרויסן. דערביי האָט ער אַ וואַרעם געפיל באַקומען. דער־נאָך איז זי אַריינגעקומען, האָט אַרויסגעדרייט דעם לאָמפּ, האָט דערביי געגעבן אַ פאַרמאַך די אויגן און מיט אַ קוויטשל:

—אַ! ווי עס בלענדט...
ווייסבערג איז געשטאַנען אַ צעטראָגענער און אַלץ נישט גע־וואוסט, וואָס ער דאַרף טאָן. האָט זיך מאַריקע אַוועקגעשטעלט נעבן אים:
—זאָל דער פּאַן זיך נישט שרעקן... ס'וועט גאָרנישט זיין... איך וועל זיי פאַרהאַלטן... ווייסט דאָך דער פּאַן...
ער האָט דערזען אין אירע ברוינע אויגן אַזוי פיל איבערגעבנ־קייט, האָט אים אַ צערטלעכע וואַרימקייט פאַרגאָסן די ברוסט און ער האָט אויסגעצויגן די האַנט, אַ גלעט געטאָן איבער די קופּערבלאָנדע האָר, וואָס זיינען געווען אין צוויי צעפּ פאַר־פלאָכטן. דאָס שיקסל האָט אַ ציטער געטאָן, פאַרמאַכט די אויגן און דאָס קעפּל אַראָפּגעצויגן אין די אַקסלען אַריין, ווי אַ טויב אין חלום... נאָר דאָ האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין דער טיר פון קעך.
מאַריקע האָט זיך מיט אימפּעט אויסגעגלייכט:

—זאָל דער פֿאַן זיין רואיק... זאָל דער פֿאַן זיך נישט שרעקן...

האָט געגעבן אויף זיך אַ גלייך אויס דאָס ברוינע, האַלב פֿרי־צישע קליידל, באַוועגנדיק מיט די אַקסלען אַרויף און אַראָפּ און לייכט אָפּגעהוסט מאַכנדיק זיך גרייט צו עפּעס. איז אַרויס אין קעך און די טיר פֿון שטוב נאָך זיך פֿאַרמאַכט.

ב

וויינבערג איז געשטאַנען אונטער דער טיר אַ שטאַרק בלייכער און זיך איינגעהערט. ער האָט געהערט ווי עטלעכע שטימען ריידן און פרעגן עפּעס, און מאַריקע לאַכט מיט אַזאַ קוויטשענדיק הילכיק געלעכטער, אַזוי, אַז זיין שרעק איז אים אָפּגעטרעטן פון האַרץ און די רואיקייט האָט צו אים צוריקגעקערט.

–ווער וואוינט דאָ?

–וואָס זיינען דאָס פאַר אַ בעלי־בתים?

–„בעזשינצעס"–האָט מאַריקע געענטפערט גלייכגילטיק, איר שטים איז אַזוי ריין–בעזשינצעס פון וואַרשע... „מוטשען" זיך שטענדיק... אָרימע.

–און האַלטן אַ דינסט?

–ווען דאָס איז אויף אַנדערע, אָהאָ! שוין לאַנג געווען אַרויסגעוואָרפן... האָבן אַליין נישט... אָבער גוטע מענטשן... וואוילע מענטשן... נישט קיין געזונטע... קרענקען שטענדיק... אָהאָ! די טיי קאָכט שוין... ווער וויל טיי?... אַ, אַלע ווילן טיי... און

זי האָט אַ זינג געטאָן מיט אַ פריילעכן טאָן.
וויינבערג איז שוין איצט אינגאַנצן רואיק געווען; דאָרט האָט מען שוין געזאָגט וויצן און די שטימען זיינען געקומען פון זיבנדיקע מענטשן... האָט ער זיך אָפּגערוקט פון טיר און זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש.
מאַריקע איז אַריין אין שטוב אַ צעפלאַמטע און אַ שיינענדיקע, איר פּנים האָט געלויכטן מיט גליק און פאַרטועניקייט—האָט דערביי געלאָזט אָפּן די טיר אין קעך אַריין און דערלאַנגט וויינבערגן טיי.
דערביי האָט זי אויף אים אַ קוק געטאָן מיט ברויזנדער פרייט:

—זאָל דער פּאַן טרינקען. איך וועל זיי באַלד אַרויספּטרן...

איז צוריק אַריין אין קעך און די טיר נאָך זיך פאַרמאַכט. און וויינבערג האָט דערפון וואַרעם אַ שמייכל געטאָן...
ער האָט איצט רואיק געטרונקען די טיי: אים איז איצט אויסגעקומען, אַז אייגנטלעך האָט ער זיך גאָרנישט געדאַרפט שרעקן.
דערפאַר איז דאָך מאַריקע ביי אים... און מיט אַמאָל האָט זיך עפּעס אַ פיינלעך געפיל אַ גליטש געטאָן אויף זיין האַרצן: איצט האָט ער געטראַכט פון עפּעס אַזוינס וואָס ער וואָלט מיט קיין ווערטער נישט געקענט אָנרופן...
האָט ער זיך אויפגעהויבן, אָנגעטאָן אין די פּראָסטע מלבושים: אין די שטיוול מיט דער „ראַבאַשקע" און אַלטן רעקל—האָט ער זיך געפילט מאָדנע פריי, איז ער אַריין אין קעך און מאַריקעס אויגן האָבן פון גליק זיך צעגלאַנצט און מיט אַ שמייכל האָט זי אים געקוקט אין פּנים אַריין.
דריי סאָלדאַטן זיינען געזעסן: איינער איז געווען אָנגעטאָן ווי אַ מאַטראָס און איז געווען דער ריינסטער צווישן זיי. ער האָט די גאַנצע צייט געקוקט אויף מאַריקען, געקוקט מיט פאַרהוילנקייט, ווי ער וואָלט דערזען עפּעס אַזוינס, וואָס ער זוכט שוין זייער לאַנג; זיך שוין געהאַט מיאש געווען צו געפינען און פּלוצלונג דערזען.

װײַנבערג האָט מיט זײַ פֿאַרגירט אַ שמועס. מאַריקע איז די ערשטע װײַלע געשטאַנען אױף דער װאַך. דער, װאָס איז געװען אָנגעטאָן װי אַ מאַטראָס, האָט כּסדר געריװכערט און געטרונקען טײ שװײַגנדיק. די איבעריקע צװײ, שױן עלטערע פּױערים, האָבן עפּעס דערציילט װי זײ זײַנען שטאַרק, װי דער אַטאַמאַן איז אַ גרױסער „זוך", װי זײ האָבן צעשלאָגן די „העטמאַנצעס" און זיך אױך אָפּגערעכנט מיט די „קאַצאַפּעס־קאָמוניסטן".

מאַריקע האָט דערװײַל געכומען עפּעס רוימען אין שטוב דערנאָך—אין קעך און דערבײַ געזונגען אַ דאָרפֿיש לידל. עס איז געװאָרן אַזאַ הײמישקײט אין שטוב און אין קעך, װי דאָס װאָלט מען זיך אין אַ דאָרפֿיש בעל־הבתּיש הױז געפֿונען.

אַז מען האָט אָפּגעטרונקען און זיך אָנגעריװכערט מיט װײַנבערגס פּאַפּיראָסן, װאָס ער האָט זײ כּסדר דערלאַנגט. האָט זיך אױפֿגעשטעלט דער, װאָס איז געװען אָנגעטאָן װי אַ מאַטראָס און האָט געזאָגט:

—מיר װעלן שױן גײן... מען דאַרף נאָך כאַפּן אַ קוק װאָס הערט זיך אין „טשאַסט".

די איבעריקע צװײ זײַנען אױך אױפֿגעשטאַנען און מאַריקע, װאָס איז אין שטוב געװען, איז גלײַך אַרײַן אין קעך.

—איר גײט שױן, שױן?!

זײ האָבן זיך געזעגנט, געזאָגט אַ גוטע נאַכט און דער מאַטראָס האָט אױסגעצױגן די האַנט, צוערשט צו װײַנבערגן דערנאָך צו מאַריקען און אָנגערופֿן זײַן נאָמען:

—מאַקסים.

דערפֿון האָט מאַריקע אױפֿגעהערט צו לאַכן און די זעלנער זײַנען אַרױס.

װײַנבערג איז אַ װײַלע געשטאַנען און געקוקט אױף מאַריקען—ער האָט עפּעס נישט פֿאַרשטאַנען, װאָס זי איז פּלוצלונג אַזױ צערודערט געװאָרן, דאָס שיקסל האָט געהאַט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, האָט געקוקט צו דער ערד און האָט עפּעס געטראַכט... װײַנבערג האָט איצט געפֿילט אַ לײַכטע שכּרות אין קאָפּ, האָט

עפעס נישט געוואוסט וואָס ער וויל טאָן. און מיט אַמאָל אַ שמייכל געטאָן:

—מאַריקאַ!...

דאָס שיקסל האָט אויפגעהויבן אויף אים הינטיש־טרייע אויגן, דערפון האָט זיך אים דער קאָפּ פאַרדרייט. נאָר דאָ האָט זיך דורכגעריסן אין נאַכט אַן אויסגעצויגענער שאַרפער געשריי, און באַלד איז געקומען אַ צווייטער און אַ דריטער און פאַר־שטיקט געוואָרן.

וויינבערגן האָט ווידער אַ שרעק באַשלאָגן און ער איז געבליבן שטיין איינגעהערנדיק זיך.

מאַריקע האָט איצט געקוקט אויף אים מיט גרויסע אויגן און ער האָט אָנגעהויבן שפּאַנען איבער דער שטוב אַהין און צוריק. איצט האָט ער געטראַכט וועגן דער פרוי און קינד, וואָס זיי־נען אין דער היים נישטאָ, און ערשט איצט האָט ער פאַרשטאַ־נען, אַז מען האָט זיי נישט געדאַרפט אַוועקשיקן.

ער האָט געשפּאַנט אַ צעטראָגענער, געהערט אָפּגעריסענע גע־שרייען, וואָס זיינען געקומען פון ווייט, און מאַריקע האָט אים אַלע ווײַלע נאָכגעשפּירט מיט צעטומלטע אויגן.

* * *

מיט אַ שעה שפּעטער האָט זיך ווידער דערהערט אַ קלאַפּ אָן טיר. מאַריקע מיט וויינבערגן זיינען צו צו דער טיר און מאַ־ריקע האָט געפרעגט:

—ווער איז?

—איך, עפנט...

דאָס קול איז איר געווען קענטלעך, האָט זי געעפנט און דער מאַטראָס איז אַריין אַ שמייכלענדיקער.

—אַ! מאַקסים!... וואָס זשע האָסטו נישט געזאָגט?

דער שייגעץ האָט געשמייכלט:

—איך האָב נישט וואו צו נעכטיקן... מיט דער גאַנצער „האָלאָ־טע" ווילט זיך נישט... האָב איך זיך געטעאַכט... שוין פאָרט

באַקאַנטע... בין איך אַהער געקומען...

מאַריקע האָט געוואָרפן אַ בליק אויף ווייַנבערגן, ווייַנבערג אָבער האָט עפּעס מיט ווייטאָק געקוקט אויף דעם שייגעץ און איר בליק נישט באַמערקט און אַליין געענטפערט:

—אדרבה... מיטן שענסטן כבוד...

און מאַריקע האָט צוגעגעבן:

—מען וועט שוין מאַכן אַן אָרט...

און זיך צעלאַכט.

דער שייגעץ האָט אַוועקגעלייגט אויפן טיש אַ פּעקעלע, האָט עס שוין געוואָלט נעמען צעבונדן, האָט געהאַט אַוועקגעשטעלט די ביקס אין ווינקל און זיך צעשפּילעט דעם שינעל, נאָר דאָ האָט ווייַנבערג געזאָגט:

—טאָ קומט אַריין אין שטוב... קומט...

אַלע זייַנען אַריין אין שטוב.

—וואָס זשע הערט זיך אין גאַס?

—שטיל... עפּעס האָבן חברה זיך געהאַט צעבריקעט... האָט מען זיי איינגעשטילט...

—איז איצט אינגאַנצן שטיל?

—דער אַטאַמאַן האָט באַפוילן זיך האַלטן רואיק ביז מאָרגן...

—„ליידאַקעס” פאָלגן נישט, און „סטאַטעטשנע”—דאַרף מען נישט באַפעלן—האָט מאַריקע געזאָגט. עפּעס האָט זי דאָסדאָזיקע ווערטל אַמאָל געהערט פון פריץ אין דאָרף ביי וועמען זי האָט זיך געהאָדעוועט.

דער מאַטראָס האָט זיך צעלאַכט:

—ריכטיק... ליידאַקעס פאָלגן נישט... כאַ—כאַ—כאַ.

—ווייַנבערג האָט עפּעס געטראַכט און די גאַנצע צייט ריידנדיק, האָט ער נישט אויפגעהערט זיין טראַכטן. מיט אַמאָל איז אים איינגעפאַלן:

—ווייסט איר גאָר וואָס? אָט, ווען מאַקסים וואָלט זיין אַ גוטער, גייט ער מיט מיר נאָך מיין פרוי און קינד... זיי זייַנען נאָך ביי טאָג אַוועק צו מיין שוואָגער, איצט איז שוין נאַכט, האָבן

ייִ מורא צוריקצוגיין...״

פאַרוואָס איז אים איצט איינגעפאַלן צו ברענגען אַהיים דאָס ווייב מיטן קינד?... דאָ איז איצט זיכערער... און... דער געדאַנק איז פאַר אים אַליין נישט גענוג קלאָר געווען. נאָר ס׳איז בעסער זיין פרוי מיטן קינד זאָלן זיין אין דער היים... עפּעס וועט בעסער זיין אַז אין שטוב וועלן זיין מער מענטשן...

—וועלן מיר אַלע דריי גיין—האָט מאַריקע אונטערגעכאַפּט, און מיט אַזאַ חשק, ווי עס שפּרונגט אויף אַ הונט דערקענענדיק דעם פאַרלאַנג פון בעל־הבית לויטן קוק פון זיינע אויגן.

* * *

אויף דער גאַס איז געווען שטיל און פינצטער, זיי זיינען געגאַנגען דורך דעם מאַרק, דורך דעם זעלבן אָרט, וואו ס׳האָט היינט גערעדט דער אַטאַמאַן. מאַריקע האָט גערעדט הויך אויף דעם אוקראַינישן לשון, וואָס יעדעס וואָרט קומט אַרויס אַזוי באַזונדער און קאַנטיק, און דער קלויסטער האָט איצט געקוקט מיט זיינע שוואַרצע שויבן ווי שוואַרצע קאָטערס וואָס טשאַטעווען אויף עפּעס מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם... פרוי ווייַנבערג האָט געשוויגן און האָט נאָך אַלץ נישט פאַרשטאַנען דעם שכל פון דעם, וואָס זי גייט איצט, אין חושך, צוריק און האָט אַלע ווייַלע געגעבן אַ קוק אַרויף וואו קליינע שטערנדלעך האָבן געוואונקען, ווי זיי וואָלטן געוואָרנט... דער מאַטראָס איז געגאַנגען נעבן מאַריקען און האָט דערציילט פון דעם וואָס ער האָט זייער שיינע זאַכן... האָט גערעדט פון אָדעקאָלאָן און שמעקענדיקע זייפן: אָט וועט זי זען, אָט וועט ער איר ברענגען... ווייַנבערג האָט עס אויך געהערט און אים האָט שוין באַלד אָנגעהויבן באַנג טאָן וואָס ער פירט זייניקע צוריק אַהיים.

מיט אַמאָל האָט זיך אַ ריס־געגעבן אַ געשריי פון ערגעץ און פון אַ געסל האָט זיך אַרויסגערוקט אַ שאָטן, ווי עס וואָלט זיך

אַ שטיק שוואַרצקייט אָפּגעריסן פון נאַכט אין געסל.
מאַריקא איז שטיין געבליבן, איז אויסגעקומען צווישן מאַטראָס און וויינבערגן.
—„קטאָ אידיאָט?"
—„אַ טי קטאָ?—האָט דער מאַטראָס אָפּגעענטפערט מיט אַ באַפע־לערישער שטים.
האָט זיך דאָרט אויסגעצויגן אַ שוואַרצעס און שמאָלעס און פאָ־רויס דעם שאָטן זיך דערנענטערט.
וויינבערג האָט אָנגעכאַפּט מאַריקעס אָרעם און מאַריקע האָט שטאַרק אַ ציטער געטאָן און אין דער פינסטער אויסגעדרייט איר פּנים צו וויינבערגן.
דער מאַטראָס האָט אויסגעשטעלט זיין ביקס און דאַן האָט זיך דערהערט:
—„סוואָי?"
—„סוואָי!"
האָט יענער אַראָפּגעלאָזט זיין ביקס. האָט נאָך עפּעס געזאָגט און איז אַוועק.
דעם גאַנצן וועג האָט וויינבערג געהאַלטן מיט איין האַנט דער פרויס אָרעם און מיט דער צווייטער—מאַריקעס...
דאָס יונגל האָט שוין געדרימלט אויף דער מוטערס האַנט—האָט זיך דערשראָקן, און נישט געוואָלט גיין נישט צו מאַקסימען און נישט צום פאָטער...

* * *

די נאַכט איז וויינבערג געלעגן און נישט געקענט איינשלאָפן: ער איז געווען באַאומרואיקט פון עפּעס אַזוינס, וואָס איז אים ביז אַהער פרעמט געווען, ער האָט ווי מיטגעוואַרט מיט מיריקען, וואָס איז געווען אין קעך מיט מאַקסימען. און ווען ער איז שוין גאָר געווען אומרואיק האָט ער מיטאַמאָל דערהערט מאַדי־קעס טריט אין עסשטוב—נאָר ווען אירע טריט זיינען שטיל גע־וואָרן האָט עס אים ווידער אָנגעהויבן באַאומרואיקן.

—ליזאַנע!—האָט ער גערופן צו דער פרוי, וואָס איז געלעגן אין צווייטן בעט.
—האַ? אָס איז?
—דו שלאָפסט?
—ניין, עפּעס...
—איך אויך... אַ שאָד...
—מאַריקען מיינסטו... נו יאָ... וואָס זשע טוט מען?
—מען וואָלט זי אפשר געדאַרפט אַרויסרופן... נאָר וואו וועט זי שלאָפן?
—דאָס איז נאַרישקייט... זי קען דאָך שלאָפן ביי דער מאַמען אין צימער...
—טאַקע גלייך געוועזן... אַ רחמנות... נאָך אַ יונג שיקסל... געדענקסט ווי די מוטער אירע האָט זיך אָנגעבעטן...
—כ'טראַכט טאַקע דערפון... און גלאַט לאָזן אָפן די טיר אין קעך אַריין איז אויך נישט קיין תּכלית. דו קענסט אים? ווייסט אים? אַ זעלנער!...
פרוי ווייַנבערג איז אַראָפּ פון געלעגער, האָט געעפנט די טיר פון שלאָף צימער און גערופן:
—מאַריקאַ? מאַריקאַ!
מאַריקאַ האָט ווי געוואַרט אויף דעם רוף און איז מיט פלינקע טריט באַלד צוגעלאָפן.
—מאַריקאַ... דו ווילסט בלייבן אין קעך מיט אים?
—ניין!?—טרערן האָבן געקלונגען אין איר שטים.
—אפשר ווילסטו, איז נישט מיין עסק... נאָר גאָדענק, קענסט זיך אומגליקלעך מאַכן אויף אייביק... איך זאָג דיר נאָר און ווייטער איז נישט מיין זאַך... איך וועל נאָר פאַרשליסן די טיר אין שטוב אַריין... לאָזן אָפן קען איך נישט...
—וואָס זשע טוט מען?—זי האָט עס געפרעגט אַזוי באַזאָרגט או מיט אַזוי פיל צער אַז פרוי ווייַנבערג האָט זיך אַזש צעשמירצלט

—וואָס מען טוט? ווייס איך?... מען בעט אים אויס אין קעך, מען פאַרשליסט די טיר און אַליין גייט מען שלשפן צו דער

אַלטער אין צימער... אַ קשעטקע שטייט דאָרט...
—גוט.. גוט... באַלד...
אין קעך איז דער שייגעץ געזעסן אין מונדיר און איז עפּעס געווען צוטומלט פון וואַרימקייט און מידקייט. ער האָט אַלע ווייַלע געבליקט צום ריינעם געלעגער, וואָס אין קעך און אין קאָפּ איז אים געווען עפּעס אַ געדיכטע שווערקייט.
—וואָס האָט מען דיר גערופן? אַ?
—איך דאַרף אַריינגיין צו דער אַלטער... די אַלטע איז נישט געזונט... שלאָף איך די לעצטע טעג אין איר צימער...
—האָבן זיי דיר געהייסן אַריינגיין?
—ניין... זיי האָבן גאָזאָגט... דו ביזט דאָך אַודאי מיד.. זאָל איך דיר אויסבעטן...
זי האָט פלינק געבעט זיין געלעגער און דערביי גערעדט זייער אויפגעלייקט:
—אַך, גאָט מיינער... וואו אונזעריקע וואַלגערן זיך אַלץ נישט אויס... אין פרעסט אין שנייען... שלעפּן זיך מידע...
זי האָט געבעט גיך, דערביי האָט איר האַרץ העפטיקער גע־שלאָגן, ווי זי וואָלט מורא געהאַט זי זאָל עפּעס נישט פאַרשפּע־טיקן, און ווי עמיצנס אויגן וואָלט איר נאָכגעשפּירט צו זען, צי זי וועט באַוויזן, וואָס זי דאַרף באַוויזן... ווען דאָס געלע־גער איז געווען אויסגעבעט—האָט זיך מאַקסים געהאַט אויפגע־שטעלט אַ שטאַרק מידער און געדענקט פון די שנייען און פעל־דער, וועלכע מאַריקאַ האָט דערמאַנט. ער איז אַ ווייַלע געשטאַ־נען ציענדיק מיט די אַקסלען אַרויף און געקוקט מיט אויגן, וואָס זיינען עפּעס קלענער און מוטנער געוואָרן. דאָ האָט מאַ־ריקאַ געגעבן זייער געשיקט אַן עפן אויף די טיר אין עס־שטוב און גלייך נעבליבן שטיין אויף דער שוועל:
—אַ גוטע נאַכט מאַקסים... אַ גוטע נאַכט...
מאַקסים האָט אָנגעהויבן נאַריש צו שמייכלען, האָט זיך געגרייט עפּעס צו זאָגן נאָר מאַריקאַ האָט דערוויל פאַרמאַכט די טיר און איבערגעדרייט דעם שליסל אין יענער זייט.
אַ ווייַלע איז דער שייגעץ געשטאַנען צוטומלט, געקוקט מיט

אויגן, ווי ער וואָלט פאַרבלאָנזשעט אָדער זיך גאָר אָפּגענאַרט. דערנאָך האָט ער געגעבן אַ האַרטן שפּיי, אָנגעהויבן שמייכלען ווי עס וואָלט אים איצט איינגעפאַלן וואָס ער האָט צו טאָן און זיך גענומען אויסטון טראַכטנדיק פון דעם, וואָס ער איז אַזוי מיד... און פון דעם, וואָס ער איז שוין לאַנג נישט געלעגן אויף קיין וואַרעם בעט. און נאָך: „ע... זי וועט נישט אַנטלויפן... דאָס איז אַן אַנדער פייגעלע... נישט קיין פּראָסטס... אַ קאַנאַריקל... מיט איר מוז מען אַנדערש... זי וועט נישט אַנטלויפן...״

מאַריקאַ איז אַ ווײַלע געשטאַנען אין עס־שטוב, עפּעס געטראַכט און שעמעוודיק צוגעגאַנגען און לײַכט אָנגעקלאַפּט אין טיר פון שלאָף־צימער:

—באַריניאַ!... באַריניאַ!... שוין פאַרשלאָסן... כ׳גיי צו דער אַלטער...

זי האָט עס געזאָגט שטיל, גאָר שטיל, ליאָניע האָט נישט דערהערט און איבערגעפרעגט:

—טשטאָ? מאַריקאַ?

מאַריקעס טריט זײַנען שוין פאַרקלונגען געוואָרן אונטער דער טיר, און ווײַנבערג האָט געזאָגט:

—זי האָט פאַרשלאָסן און גייט צו דער מאַמען אין צימער.

אין שטוב איז איצט שטאַרק שטיל געוואָרן.

ב

ליאָניע האָט זיך אויפגעכאַפּט און דאָס האַרץ איז איר מיט אַמאָל געוואָרן אויסגעהוילט: פון דרויסן האָט זיך דער־טראָגן אַ געדיכטער גערויש, פונקט ווי אַ שטורם וואָלט זיך אַרהָפּגעלאָזט צווישן דיביימער אין וואַלד. פון דער טיפעניש פון גערויש האָבן זיך געטראָגן פאַרשטיקטע געשרייען. אין דער ערשטער מינוט האָט זי געהאַט פאַרגעסן, אַז ביי איר אין קעך שלאָפט אַ זעלנער און אין ווינקל שטייט אַ ביקס. זי האָט אין איין רגע דערפילט יענע בלינדע שרעק, וואָס איז איר שוין באַקאַנט. די שרעק, וואָס רינגלט אַרום פון אַלע זייטן, אַלע אויסגאַנגען זיינען פאַרשטעלט און נאָר דער איינציקער אַראָפּ־גאַנג אין קעלער אַריין איז פאַרבליבן. מיט אַמאָל האָט זיך אָנגעהויבן אַ „טשיקן" אין רוישיקן דרויסן. יעדער „טשיק" האָט זיך געגעבן אַ וויקל אויף און אָפּגעענטפערט מיט אַ קנאַק ווי עפּעס וואָלט זיך צעשיט, די געשרייען זיינען אינגאַנצן פאַר־שלינגען געוואָרן אין גערויש.

—יוסף! יוסף! שטיי אויף! יוסף! דו הערסט ?!

ווײַנבערג האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געוואַלדיקן ציטער־פּונקט ווי ער וואָלט זיך דערפילט אַרומגערינגלט פון אַ שטאַרק פייער. דאָס לעמפּל אין שלאָפצימער האָט געברענט מיט אַ שמאָל פּאַ־סיקל. ווײַנבערג האָט דערזען דאָס פּנים פון זיין פרוי וועלכע איז געזעסן אין בעט און ער איז גלייך אַראָפּ פון געלעגער.

פלוצלונג האָט זיך עפּעס שווערעס און רעשיקעס אַ קאַטשע גע־טאָן, ווי אַ מוראדיקער דונער איבערן דאַך. עס האָט אַ טרייסל געטאָן דער דרויסן און מיט זיך מיטגעצויגן אַ דינעם נאָר גע־דיכטן גלאָזקלאַנג פון ציטערדיקע שויבן און מיט אַמאָל אויפ־געבראָכן, ווי אַ שטייגער אַ דאַך פון אַ ברענדיק הויז צעשיט זיך און זשוזשעט אַרויס פון אַלע זייטן מיט רעשיקע פייערשפּריצן. באַלד האָט זיך דאָס זעלבע ווידער איבערגעחזרט און ווײַנ־בערג איז אַ ווײַלע געבליבן רואיק אין מיטן אָנטאָן:

—דאָס איז נישט דאָס... ס׳איז עפּעס אַנדערש...

נאָר ליאָניע האָט זיך נישט געוואָלט נאַרן.

—פאַרוואָס מיינסטו אַזוי? אַ? און אַז מען וויל חרוב מאַכן די גאַנצע שטאָט? אַ?

אין שטוב איז געוואָרן אַ ווײַכער שטילער טומל. די אַלטע איז געשטאַנען מיט טויבקייט אויפן פּנים און נאָר מיט די אויגן נאָכגעפאָרשט די בלייכע פּנימער.—מאַריקע איז אַרויס פון צימער אַן אָנגעטוענע און וואַכעדיק צעשראָקענע, ווי זי וואָלט נאָך נישט געהאַט געשלאָפן.

אַלע זיינען שוין געשטאַנען אין עסשטוב אָנגעטוענע און גע־קוקט איינער אויפן צווייטן נישט וויסנדיק וואָס ווייטער צו טאָן. אין דרויסן האָבן געזשוזשעט לויפנדיקע קוויטשלעך, עפּעס ווי די פינסטערע שטילקייט האָט זיך צעשפּילט.

מיט אַמאָל האָט ווײַנבערג אָפּגעשטעלט זיין בליק אויף מאַרי־קען און האָט זיך דערמאָנט:

—שאַ נאָר... און וואו איז מאַקסים?

האָט אויפגעשלאָסן די טיר אין קעך אַריין, דאָרט האָט גע־ברענט דאָס לעמפּל און קיינער איז נישט געווען. דאָס בעטל

איז געשטאַנען מיט אַן אויפגעוואָרפענער קאָלדערע צום וואַנט. אין קישן איז נאָך געווען געזונקען דאָס אָרט וואו אַ קאָפּ איז געלעגן און אַ וואַרימער שווערער ריח איז פון דעם אויפגעגאַנגען. איצט זיינען אַלע געווען צעשראָקן פון דעם וואָס מאַקסים איז שוין נישטאָ און ווייַנבערג האָט פאַרשלאָסן די קעלטיר און געזאָגט:

—קומט...

קיינער האָט נישט געפרעגט וואוהין. דאָס פּיריעריקע יונגעלע איז געשלאָפן ביי דער מוטער אויף די הענט, האָט אויפגעעפנט מיט אַמאָל די שוואַרצע קלאָרע אייגעלעך און געשוויגן. די מוטער איז געווען שטאַרק צעטומלט, די אויגן אירע פול מיט ווייטאָק. זי האָט גאָך פאַרגעסן אַז מען קען עפענען דאָס מויל און זאָגן אַ וואָרט. די אַלטע האָט געקאָרטשעט דאָס פנים פון טויבקייט:

—שוין ווידער... לאַנג שטיל געווען... ווידער...

און מאַריקע האָט געקוקט מיט בלאָנדזשענדיקע אויגן, ווי זי וואָלט אַ זינד באַגאַנגען... און האָט געזוכט ווייַנבערגס בליק.

—און איך וועל דאָ בלייבן... טאָמער וואָס... האָ?

ווייַנבערג האָט אַ ווײַלע געקוקט אויף איר, ווי ער וואָלט פאַרגעסן אין אַ זייער וויכטיקע זאַך, וואָס ער האָט איר געדאַרפט זאָגן... נאָר מיט אַמאָל האָט ער זיך דערמאָנט...

—ניין... קום אויך... קום... קיינער איז אין דער שטוב נישטאָ... אַ פאַרלאָזענע שטוב...

מאַריקע האָט נישט פאַרשטאַנען... נאָר זי האָט געפאָלגט...

* * *

ס'איז שוין געווען טאָג. מאַריקע איז די גאַנצע צייט געזעסן אַ שטילע אין דער טונקלקייט פון קעלער און גאָר נישט געזאָגט. זי האָט געטראַכט עפּעס אַזאַ פאַרהוילנס און שרעקנדיקעס—פונקט ווי עס וואָלט אירס אַ דאָרפישער חלום פאַרווירק-

לעכט געוואָרן... זי האָט געדענקט אָן יונגן פריץ פון דאָרף, וואָס פלעגט איר אָפט רופן מיט אַ שמייכל: מאַריקאַ? אַ מאַרי־קאַ!... איר איז אויסגעקומען, אַז דאָ אין קעלער זיצט מיט איר דער הויכער יונגער פריץ—און זי האָט נישט געהאַט קיין וואָרט אַרויסצוברענגען. אין דרויסן איז דערווייל גאָר שטיל געוואָרן. דערנאָך האָבן זיך דערהערט שטימען. נישט קיין גע־שרייען, נאָר סתם אַזוי רעדט מען... מאַריקע האָט די ערשטע דערהערט דאָס ריידן און זי האָט געזאָגט:

—וועל איך גיין זען וואָס עס טוט זיך.

—אַ?—האָט זיך דערהערט ווייַנבערגס קול—מאַריקאַ? ווילסט גיין?

דאָס שיקסל האָט אַ ציטער געטאָן, הערנדיק איר נאָמען.

—יאָ... ס'איז שטיל... וועל איך גיין...

—נו, זאָל זי,—האָט ליאָניע געזאָגט.—עפּעס הערט מען דאָך ריידן.

—קען איך דאָך אַליין גיין... וואַרט דאָ, מאַריקאַ... איך גיי.

מאַריקאַ האָט אינגאַנצן נישט געענטפערט: עפּעס איז איר אין האַרצן געוואָרן אי וואַרעם אי שרעקנדיק... און עפּעס איז זי געווען אַזוי מיד.

באַלד איז ווייַנבערג צוריק אַראָפּ מיט געלעכטער און צעטומלטער פרייַלעכקייט: אַרויף! אַרויף! אומזיסטע שרעק!...

אַלע זייַנען אַרויף אין שטוב און מאַריקאַ האָט גיך זיך געלאָזט עפענען די לאָדנס.

אויסגעלאָזט האָט זיך: באַנאַכט זייַנען אָנגעקומען די רויטע אַרמייצעס. די באַנדע האָט אין גרויס אייַלעניש זיך געכאַפּט און אַנטלאָפן. די רויטע האָבן באַלד אַרומגערינגלט די שטאָט. און דאָרט אין שטאָט־ראַט איז עפּעס פאָרגעקומען אַ משונהדיקע זאַך. דער „פּעטלורעוועץ", דער תּמעוואַטער שייגעץ—אַ „גאָווי־טשאַק" געווען—איז אַלץ אַזוי געשטאַנען בייַ דער קאַסע און געהיט דאָס געלט, וואָס איז געווען צוגעגרייט פאַרן אַטאַמאַן. זייַנען דריי רויטע אַרייַנגעקומען, שטיל געקוקט אויף אים, גע־

קוקט און איינער האָט אויסגעצויגן די ביקס,—נאָכגעלאָזט די קליאַמקע און עס האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ.—אַזאַ טעמפּער קלאַפּ וואָס האָט אָפּגעשלאָגן מיט ווייטקייט... דער קאַסע היטער האָט נישט פאַרשטאַנען... אויף זיין פּנים איז נאָך געלעגן אַ נעפּלדיי־קער דרימל. האָט געעפנט דאָס מויל, אָפּגעלאָזט די ביקס, זי איז געפאַלן. ער האָט זיך געכאַפּט מיט דער האַנט פאַר דער ברוסט, זיך גענומען וואַקלען און אַלץ נישט פאַרשטאַנען, נע־וואַקלט זיך און געפאַלן, זיינע אויגן האָבן אַלץ אַזוי געקוקט מיט שרעק און מיט נישט פאַרשטיין און זענען אַזוי טאַקע תמעוואַטע, צעמישט, געבליבן שטיין...

אין שטוב האָט אַראָפּגענידערט אַ מין יום טובדיקייט, עפּעס האָט מען זיך דערפילט ווי אויפגעשטאַנען נאָך אַ שווערע קרענק. איצט וועט זיין שטיל... קאָנטרעבוציע... זאַכן... טאַקע נישט זעער אָנגענעם, אָבער מיטן לעבן איז מען זיכער... אויף דער גאַס זיינען יידן געשטאַנען אין רעדלעך. איינער האָט אַלץ נאָכ־געזאָגט די נעכטיקע דרשה; זיך באַמיהט נאָכצומאַכן דאָס קול. אייניקע האָבן אָנגעהויבן שמייכלען, נאָר עלטערע „געניטע" האָבן געמאַכט בייזע מינעס: „קלות ראש"... וויינבערג איז פון גאַס אַריינגעקומען גאָר אויפגעלייקט, דערזען ווי מאַריקאַ איז פריי־לעך האָט ער אויף איר אויסגעצויגן אַ לאַנגן בליק און זיך צע־שמייכלט. דאָס שיקסל איז דערביי רויט געוואָרן און אַראָפּגע־לאָזט די אויגנדעקלעך ווי צוויי פאָרהענגלעך איבער גלאַנציקע טרייע...

אין שטוב זיינען שכנים אַריינגעקומען און אַרויסגעלאָפן, מען האָט זיך געאיילט און דערציילט, און קיין געדולט נישט געהאַט, און די שטימען זיינען געוועזן מענטשלעכע נישט קיין שעפּ־טשענדיקע.

—זיינען זיי אַריינגעקומען... שטייט ער און היט די קאַסע... זיין באָבעס ירושה... גלאָצט מיט די גאַלעס, וואָס הייסט? אין דער אַטאַמאַן? איצט ליגט ער און איז אַוודאי אין כעס אויפן אַטאַמאַן...

—מיט מעזשעוויצקען, האָב איך מורא, האַלט עס נישט פריילעך...

באשר: ער האָט צוגעגרייט געלט... האָבן זיי אים אַרעסטירט... אָבער ווי איז שייך?

—בלאָטע!... וואָס הייסט? ער האָט דאָך געראַטעוועט אַ שטאָט?... בלאָטע...

דאָס שטעטל האָט געגרעשט. איז מען אין דרייסן געשטאַנען, די קעלט נישט געפילט, פון אונטערן קלויסטער זיינען קיין פויערים נישט אַרויסגעקומען, אין מאַרק האָט מרן געשפילט, רויטע פּע־נער האָבן שטיל נאָר מיט גאוה געפלאַטערט. עפּעס האָט איינער איצט גערעדט. און יידן האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ: וואָס דען? ס׳איז דען נישט אמת? אַן אַרמיי איז עס? באַנדיטן ווייטער נישט... דער קלויסטער איז געשטאַנען פאַרגליווערט און לעקעשעוואַטע.

פאַרנאַכט איז מען געזעסן ביים טיש שמייכלענדיק און געטרונקען טיי. מאַריקאַ איז געווען שטאַרק צעפלאַמט נאָר שטאַרק שווייגנדיק—ווי זי וואָלט געהאַט זייער אַ ערנסטן געדאַנק צו וועלכן זי האָט מורא זיך צוצערירן. ווען זי איז געווען ביים טיש האָט וויינבערג שמייכלענדיק אַ זאָג געטאָן:

—מאַריקאַ! האַ? מאַקסימען אויך פּטור געוואָרן?! האַ?

זי האָט נאָר אויפגעהויבן די אויגנדעקלעך און זיי צוריק אַראָפּ־געלאָזט.

—וואָס זשע?—האָט ליאָניע געפרעגט—דער גאַנצער אומגליק איז געווען מאַקסים?

וויינבערג האָט עפּעס נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

—און אפשר ביזטו גערעכט,—האָט ליאָניע ווידער געזאָגט—קיין געהויבענער תּכשיט איז דאָס נישט געווען... זיינע אייגעלעך... ס׳קאָן זיין, מען וואָלט פון אים געהאַט גרויסע צרות...

צומאָרגנס פאַרנאַכט אָבער האָט זיך געעפנט די טיר אין קעך און מאַקסים איז אַריין.

ער איז אַריינגעקומען אַ שעמעוודיקער מיט אַ פאַרלעגן נצחון־שמייכעלע פון אַ פאַרעטער אויף די ליפּן. מאַריקע האָט זיך דערשראָקן און איין ווילע נישט געקענט קומען צו זיך. עפּעס איז זיין אַריינקומען געווען פאַר איר אַזוי מוראדיק. זי האָט געקוקט אויף אים און געפינטלט מיט די אויגן.

מאַקסים האָט אַראָפּגעלאָזט די ביקס פון אַקסל—דער „פּריקלאַד" האָט פעסט אָנגעקלאַפּט אין פאָדלאָגע:—
—וואָס זשע? דערקענסט מיר נישט?...
—אַ?... איך ווייס נישט... איך האָב געמיינט, אַז דו ביזט אַוועק...

—זאָלן זיי לויפן... איך דאַרף נישט לויפן... וואָס איז? איך דאַרף פאַרגיסן מיין בלוט פאַר די פּריצים?... וואָס איז דאָס, אַן אַרמיי? אַ באַנדע איז עס, מער נישט...
וויינבערג איז באַלד אויך אַריין אין קעך, נאָך אים ליאָנע און זיי האָבן מיט שרעק געקוקט אויף דעם רויטן באַנטיקל וואָס ביי מאַקסימען אויפן היטל.
—וואָס בין איך וואָס? אַ פּריץ? אַ קאַפּיטאַליסט? וואָס איז מיר דער אַטאַמאַן?... בין איך דאָ ביי מייניקע געבליבן... אייגענע מענטשן...
אַלע האָבן אין דער מינוט געפילט אַ שרעק און קיינער האָט נישט געוואוסט פאַר וואָס. עפּעס איז זיין קומען געווען אַזוי אומגעריכט—ווי פון קבר אויפגעשטאַנען...

ד.

מאַקסים איז געבליבן וואוינען ביי די וויינבערגס אין קעך. די ערשטע פּאָר טעג איז מען געווען שטאַרק אויפמערקזאַם, האָט מען אָפט געקוקט שווייגנדיק ווען מאַקסים איז אין קעך געווען. ווייַנבערג האָט געטראַכט ביין און פאַרביסן און פלעגט אָפט רופן: מאַריקאַ!—מאַריקאַ פלעגט אויך שווייגן, אויפציטערן ביי יעדן רוף און אַריינגיין מיט אויסגעשטעלטע פרעגנדיקע אויגן... די ערשטע אָוונטן האָט מאַריקאַ כסדר געהאַט אַרבעט: זי האָט וועש געוואַשן, וועש פאַריכט און כסדר געווען פאַרנומען. האָט דערביי אויסגעהערט דאָס, וואָס מאַקסים האָט דערציילט און אַ סך ווערטער נישט דערהערט... מאַקסים האָט זיך עפּעס געפילט צעטראָגן זיצנדיק אין קעך און קוקנדיק אויף מאַריקען, ער האָט זיך ווי געגרייט צו עפּעס... אַ סך מאָל ווען ער האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין אָרט און זיך פויל אויסגעצויגן, האָט מאַריקאַ באַלד געפונען נאָך וואָס אין שטוב אַריינצוגיין. נאָר שפּעטער איז עפּעס אַן ענדערונג געקומען. מאַקסים איז נישט מער געווען אַזוי אָנגעשטרענגט. ער האָט

זיך ווי באַרואיקט, איז געוואָרן צוגעלאָזטער און היימישער, האָט שוין אַריינגעטראָגן האָלץ פון שטאַל, וואַסער פון פּלימפּ, און מאַריקאַ האָט צוריק אָנגעהויבן זינגען ביי דער אַרבעט און לאַכן קלינגענדיק הערנדיק זיינע מעשות. עפּעס איז אָט דער מאַקסים געוואָרן ווי באַזיגט און אונטערטעניק; אין זיינע אויגן איז פאַרלאָשן געוואָרן די שאַרפקייט פון אַ באַצווינגער. אין שטוב איז מען געוואָרן צוריק רואיק און ריידעוודיק.

אין שטעטל זיינען דערווייל געשטאַנען פּראָסטיקע שנייאיקע טעג. די פרימאָרגנס זיינען געקומען שטילע און פּראָסטיק שטעכיקע, די זון האָט מיט שאַרפקייט דעם טאָג פאַרגאָסן און אים גע־מילדערט, דער שניי האָט באַטאָג זיך אויפגעהערט שיטן ווי שטויב, האַרטער און געדיכטער געוואָרן, אונטער דער זון האָט ער געגלעצט און זיך געקויטיקט, די קאָליעס וואו די רעדער האָבן געשניטן זיינען געלקויטיק געלעגן אונטער ליכטיקער זון. נאָר פאַרנאַכט איז די זון אַוועק און איבערגעלאָזט אַ פאַרהוילן ווינטיקס. דער שניי האָט עפּעס אויפגעגליווערט און אַרויסגע־אָטעמט מיט זילבערנער קעלט. שפּעטער איז געשטאַנען אַ האַל־בע לבנה מיט שטערן אין אַ טיף בלאָען הימל און רעדער אין גאַס האָבן געסקריפּעט, די פורמאַנעס האָבן געהאַט קליינע פאַר־ווייסטע בערדלעך און וואָנסן.

יידן האָבן געשוויגן אין די טעג און זעלנער האָבן פאַרחתמעט קלייטן. אַרויסגעפירט סחורות פון סקלאַדן. מיט יעדן פרימאָרגן זיינען אויף ווענט אויפגעהאָנגען געוואָרן פאַרשידענע באַפעלן, אַזעלכע באַפעלן, וואָס מען האָט געליינט מיט כעס און שרעק און די אויגן האָבן כמעט נישט געגלויבט: וואָס זשע איז טאַקע קיינער נישט מער קיין בעל הבית אויף זיך? די שטוב איז נישט מיין שטוב... דאָס געוועלב נישט מיין, און די זאַכן אויך נישט מיין... וואָס זשע?... באַטאָג האָט מען געפירט רעק־ווּיזירטס און מען האָט נישט אויפגעהערט צו שטוינען:

—וואָס הייסט מען גייט גלאַט, און מ'נעמט גלאַט צו?

און עזריאל גרינבערגן—אָט דעם וואָכערניק, וואָס האָט שטענדיק געהאַלטן דאָס גאַנצע שטעטל אין האַנט—האָט מען גאָר אין מיטן

דערינען געהייסן זיך אַרויסציען פון זיין אייגענער דירה. דער־ווייל האָט מען אים מיט זיין משפּחה, אין צוויי קליינע צימערן אַריינגעפּאַקט אין די איבעריקע פינף האָט זיך באַזעצט עפּעס אַ „אוטשערעזשדיענע״. דאָרט האָט מען זיך געגרייט צו עפּעס: פאַרן הויז האָט מען אין פּאַדוויר אַוועקגעשטעלט אַ „קוילנוואַרפער״ און סאָלדאַטן זיינען דאָרט געשטאַנען מיט שטילע ערנסטע פּנימער און זיך נישט פאַרגינען אַ שמייכל צו טון, אָדער אַ וואָרט אַרייסצורעדן. אַהין איז אָנגעקומען עפּעס איינער אַן עלטסטער—מיט אַ דאַר פּנים און שוואַרצע אויגן און קיינער האָט נישט געוואוסט, וואָס אַזוינס ער האָט פאַרטראַכט אָפּצוטאָן דאָס שטעטל.

—עפּעס וועט ער אָפּטאָן...

עזריאל דער וואָכערניק האָט זיך שטאַרק מתנצל געווען, האָט פּשוט געוויינט מיט טרערן, געוויינט און זיך געבעקט און געבויגן אין דרייען, נאָר ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן—דער „נאַטשאַלניק״ האָט עקשנותדיק און קורץ געענטפערט:

—אין דעם הויז, הער בירגער, קענסטו נישט וואוינען. הייינט ביינאַכט שוין, טאָרסטו נישט נעכטיקן: די זעלנער וועלן דיך שוין נישט דורכלאָזן.

פון שטוב האָט ער אים ערלויבט אַרויסצונעמען גאָר צו איינ־ציקע קישנס פאַר יעדן און נאָך קליניקייטן...

שטאָט האָט אין האַרצן שטיל הנאה געהאַט. זאָל ער וויסן, אָט דער ימחשמוניק, וויפיל האָט ער אַרויסגעזעצט פון דירות און זייער בעל־הבתישקייט פאַרקויפט? נאָר פאַרשטיין קען מען עס פאָרט נישט:

—מילא, ווערט, איז ער עס ווערט, אָבער וואָס הייסט גלאַט נע־מען אַ בעל־הבית און פּשוט אַרויסוואַרפן אים פון זיין אייגענער דירה?...

און איינמאָל פאַרנאַכט, האָט עפּעס איינער אַ בחור, אַ זייגער־מאַכער ביז אַהער געווען, שטאָט האָט אפילו נישט געוואוסט, אַז אַזאַ מין בחור איז פאַראַן. איז ער, אָט דער בחור, אַרויס־געגאַנגען פון דעם הויף מיט אַ פאַריסענעם הפקר-קאַפּ און מיט

אַן ערנסט שטיל פּנים זיך געלאָזט גיין מיט געציילטע נאָר פלינקע טריט פון אַ פאַרנומענעם מענטשן. פאַרבייגייענדיק דאָס רעדל יידן, האָט ער אויפגעהויבן אויף זיי די אויגן, האָט עפּעס אַ שמייכל געטאָן און געוואָלט גיין ווייטער–דערפאַר טאַקע האָבן אים יידן דעם וועג פאַרשטעלט און מיט דרך־ארץ געפרעגט:

–און אפשר, ווייסט ער, וואָס דאָ איז הויז, ביי עזריאל גרינ־בערגן איז אַזוינס? ס'איז דאָך זייער „טשיקאַווע" צו וויסן... עפּעס טוט זיך דאָך דאָרט?!

האָט דער בחור רואיק געענטפערט:

–דאָ?–אַ „טשעקא"...

–וואָס???

עטלעכע מיט אַמאָל האָבן דאָס איבערגעפרעגט און אַלע פּנימער האָבן זיך אויסגעשטעלט מיט וואונדער, פּונקט ווי זיי וואָלטן נישט געוואוסט, וואָס דאָס איז אַזוינס און איינער האָט אַ פרעג געטאָן:

–וואָס זשע? מען וועט טאַקע שיסן אויך?

–דעם, וואָס מען וועט דאַרפן, וועט מען...

אַזוי האָט געענטפערט דערדאָזיקער בחור, פּונקט ווי ער וואָלט געזאָגט אַזאַ פּשוטע פאַרשטענדלעכע זאַך, וואָס אַ קינד פאַר־שטייט. פון וואָס אייגנטלעך יידן קענען זיך שרעקן... און איז זיך אַוועק זיין וועג.

און דאַן האָט וויינבערג דערזען, ווי מאַקסים גייט אַריין אין אָט דעם פאָדוויר פון עזריאל גרינבערגס שטוב... און דאָס האַרץ איז אים איין ווײַלע שיעור אַרויסגעפאַלן פון שרעק...

* * *

נאָר מאַקסים איז געווען זייער רואיק און שטיל אין שטוב. איז געווען זייער אונטערגעגעבן און אָנגעהויבן ברייינגען מתנות פאַר מאַריקען.

געבראַכט האָט ער אַזעלכע זאַכן, פון וועלכע מאַריקע האָט זיך

נישט געקענט אָפּזאָגן. דערצו זיינען דאָס געווען אַזעלכע זאַכן, וואָס זיינען איר שטאַרק נויטיק געווען און אַליין נישט גע־וואוסט פאַרוואָס. זי האָט נאָר געוואוסט, אַז ביי איר פּאַניע–דער בעל־הביתטע זיינען די זאַכן אויך פאַראַן... ער האָט גע־בראַכט אַ פּאָר שטיקלעך שמעקעדיקן זייף, אַ פלעשל פּאַרפום און מאַריקע האָט דאָס צוגענומען לאַכנדיק, גדענקנדיק דערביי אין יונגן פריץ און זיך געהיטן די בעל־הביתטע זאָל עס נישט באַמערקן... עפּעס איז איר אויסגעקומען, אַז די בעל־הביתטע טאָר דאָס נישט זען...

וויינבערג האָט דערפילט, אַז מאַריקע באַהאַלט פון זיי עפּעס. דערפון איז אים אויסגעקומען צו טראַכטן אַזעלכס, וואָס האָט אים נישט אַזוי געשראָקן, ווי פאַרדראָסן... נאָר יידן האָבן איצט געהאַט אַנדערע שרעק: מען האָט מורא געהאַט פאַר רעקוויזי־ציעס. אין די לעצטע טעג האָט מען גאָר געבראַכט אַ פּאָר פּריצים, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט אין די דערפער און גע־טיילט פּראָקלאַמאַציעס, זיי זיינען געווען–האָט מען דערציילט–אָנגעטאָן ווי פּויערים, האָבן אין דאָרף געטיילט דעם אַטאַמאַנס דרשה און עפּעס אָנגערעדט. האָט מען זיי געבראַכט אַהער, אין עזריאל גרינבערגס הויז אַריין, און איינער אַ ייד האָט דער־ציילט, אַז ער האָט אַפילו געהערט, ווי זיי האָבן אין מיטן דער פּראָסטיקער נאַכט געוויינט דאָרט אויפן פּאָדוויר. זיך געבעטן מען זאָל זיי שענקען און גאָר שטאַרק געכליפּעט, נאָר–מען האָט זיי אין מיטן וויינען דערשאָסן...

און דערפאַר האָט שוין וויינבערג נישט געפּרובט מער גיין אין מיל אַריין און האָט אָפּט געטראַכט פון מאַקסימען... אים איז אויסגעקומען, אַז מאַקסים איז געוואָרן אַזוי שטיל און רואיק, ווייל ער האָט עפּעס גאָר בייזעס פאַרטראַכט. פאַרוואָס האָט ער אַזוי געמיינט? ער האָט אַליין נישט געוואוסט, נאָר אין דער טיפעניש פון זיין נשמה האָט ער געהאַט דעם פאַרשטאַנד דערפאַר...

און יעדן אָוונט ווען מאַריקע האָט מאַקסימען געלאָזט אין קעך און אַליין אַוועק צו דער אַלטער אין צימער, איז זיין פאַר־

שטענדעניש קלאָרער געוואָרן, איז ער נאָך געלעגן לאַנג און נישט געקענט איינשלאָפן, איז ער אָפּט אַראָפּ מיט שטילע טריט און געפּרובט די טיר פון שטוב אין קעך צי זי איז פאַרשלאָסן...

* * *

און איינמאָל פאַרנאַכט, איז מאַריקע אַריין אין שטוב אַ שטאַרק צעטומלטע: אויף איר פּנים איז געווען פּיין און שרעק — ווי זי וואָלט איינגעהאַלטן דעם שווערן זיפץ, וואָס האָט זיך פון איר האַרץ געריסן.

ביים טיש איז געזעסן וויינבערג און זיין פרוי, די אַלטע איז געזעסן ביים אויבן און געשטריקט אַ זאָק; געזעסן שווייגנדיק אין איר טויבקייט און אַלע ווײַלע, ווען די „קינדער" האָבן גענומען ריידן, האָט זי אויפגעהויבן די אויגן, געקוקט און פאַרשטאַנען פון וואָס זיי ריידן: האָבן די „קינדער" געלאַכט און דערביי מיט האַלב פאַרטערטע אויגן זיך געבויגן הין און צוריק אויף זייערע שטולן — האָט די אַלטע אויך געשמייכלט; זיינען די קינדער געזעסן רואיק און שווייגנדיק און געקוקט איינס אויפן אַנדערן מיט למורנעקייט אין די אויגן, דערנאָך זיך איבערגעוואָרפן מיט קורצע שטילע ווערטער — האָט די אַל־טע אויך טיף אָפּגעזיפצט.

מאַריקע איז אַ ווײַלע געשטאַנען און צוריק אַרויס אין קעך. אין אַ ווײַלע אַרום — ווידער אַרייַנגעקומען, עפּעס כלומרשט גע־זוכט און ווידער אַרויס.

— עפּעס איז מאַריקע צערודערט —

אַזוי האָט געזאָגט פרוי וויינבערג און דערביי אויסגעשטעלט די אויגן אויפן מאַן, וואָס האָט דערביי דערפילט אַן אומאַנגענעם געפיל.

— מסתּם, שוין עפּעס מיטן שייגעץ.

אַזוי האָט ער געענטפערט און זיך באַמיט צו בלייבן גאַנץ גלייכגילטיק, האָט אָבער באַלד פאַרגעסן און געזאָגט:

— כ'וועל דיר זאָגן דעם אמת: פאַר דעם שייגעץ האָב איך עפּעס

מורא... דאַכט זיך ער דינט אין „טשעקא"...

—וואָס? אַ משל אַ ביסל... ווייס איך וואָס דיר פאַלט איין?! ער דינט ביים קאָמענדאַנט.

—אַזוי גאָר?

—וואָס דען? אַן איינפאַל אַ ביסל! געטראָפן דאָס אָרט! אָט דער מאַקסים וועט אים דינען אין „טשעקא"?! אַז סך הכל איז ער אַ גרינגער שפּילפויגל; אָט איז ער מיט דעם און אָט מיט יענעם, אינמיטן גיט ער גאָר אַ דריי איבער די קאַפּאָטע און טוט אָן אַ רויט בענדל, צומאָרגנס וועט ווידער קומען אַ באַנדע, וועט ער ווידער אויסדרייען דאָס היטל, אַן איינפאַל אַ ביסל!

—ביזט געדעכט...

וויינבערגן איז עפּעס געוואָרן לייכטער אויפן האַרצן, ווי אַ בשורה האָט ער עס אויפגענומען.

און אַז מאַריקע איז ווידער אַריין און אַלץ אַזוי צעטומלט, האָט שוין וויינבערג געפרעגט:

—מאַריקאַ, וואָס איז געשען?

דאָס שיקסל איז געבליבן שטיין, האָט געקוקט מיט גלאַנציקע אויגן און נישט געוואוסט וואָס צו זאָגן.

—מאַקסים איז אין קעך?—האָט ליאָניע געפרעגט.

—ניין, געוועזן און איז אַוועק... ער וועט היינטיקע נאַכט נישט קומען... אין קאַראַאול איז ער...

מיט אַמאָל האָט זי זיך פאַרשטעלט די אויגן און אַרויס אין קעך.

ביידע האָבן געשטוינט. פרוי וויינבערג איז אַריין אין קעך:

—וואָס איז געשען, מאַריקאַ?

יענע האָט זיך געווישט די אויגן:

—אוי באַרינינע... איך שרעק זיך... איך האָב עפּעס מורא...

—אָבער וואָס איז געשען?

מאַריקע האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי דאָס צו זאָגן, איז זי נאָר צוגעגאַנגען צום בעטל, האָט אַראָפּגענומען דאָס פאַרשפּרייטע לײַלעך און פרוי וויינבערג האָט זיך איינגעבויגן:

—וואָס איז דאָס?
אויפֿן בעטל זײַנען געלעגן צוויי זײַדענע בלוזקעס און אַ שוואַר־צער זײַדענער שאַרף.
—איך האָב נישט געוואָלט... ער האָט געבראַכט...—און קוים איינגעהאַלטן די טרערן.
פֿרוי ווײַנבערג האָט אין איין רגע געוואוסט וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך, איז עטוואָס בלײַכער געוואָרן, עפּעס איז איר אויסגעקומען, אַז די זאַכן זײַנען איר באַקאַנט...
אויף דער שוועל פֿון קעך איז ווײַנבערג געבליבן שטיין, ער האָט געקוקט מיט אַ צערודערטן בייזן בליק און מאַריקע איז געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן.
—דאָס האָט ער געבראַכט? — — —
—נו וואָס־זשע? וואָס ביזטו אַזוי צעטראָגן? נעמט מען נישט און געזונג...
אַזוי האָט געזאָגט פֿרוי ווײַנבערג און ווײַנבערג אַליין איז צו־ריק אַרײַן אין עסשטוב.
—אָבער... האָט מאַריקע געשטאַמלט, זי האָט זיך געשעמט און עפּעס מורא געהאַט צו דערציילן וועגן זײַף און פּאַרפֿום... און זי האָט זיך צעוויינט.
—נאַרישע, וואָס דו ביזט!... לערויף דאַרף מען וויינען?... נעמט מען נישט און פּטור!... צווינגען וועט ער דאָך דיך נישט... און אַז דו וועסט עס נעמען... וועט דיר טײַער קאָסטן...
ערשט איצט איז מאַריקען קלאָר געוואָרן, אַז זי קען עס טאַקע נישט נעמען. האָט זי אָנגעהויבן לאַכן מיט די לעצטע געשטיק־טע טרערן און אָנגעכאַפּט דער „באַרינעס" האַנט:
—אַז איך וויל דאָס נישט... איך האָב געזאָגט... און ער: ניין, זאָל זײַן... האָט ער איבערגעלאָזט... איך וויל עס נישט...

—הער־זשע—האָט פֿרוי ווײַנבערג געזאָגט מוטעריש ערנסט און געטריי—איך ווייס נישט... איך מיש זיך נישט אין דײַנע גע־שעפֿטן... אויב ער געפֿעלט דיר... אויב דו ווילסט אים... איז עפּעס אַנדערש...

— ניין !.. ניין !.. באַרינקאַ, איך וויל אים נישט !..—האָט מאַריקע זיך געבעטן מיט טרערן אין די אויגן.

—אויב אַזוי, דאַרפסטו וויסן... אַז אַ מאַנספערשוין ברענגט נישט אומזיסט קיין מתּנות... אַז ער ברענגט, מיינט ער עפּעס מיט דעם... און אַז דו וועסט נעמען... וועסטו פון אים זיך נישט אַרויסדרייען... און אַ זעלנער איז ער אויך...

—איך וועל אים צוריקגעבן... צוריקגעבן...

יענעם אָוונט האָט וויינבערג אין זיך געהאָדעוועט עפּעס אַ וואַרעם געפיל, פּונקט ווי דעמאָלט אין אָוונט, ווען מאַריקע האָט אים געטרייסט און געבעטן: „זאָל זיך דער פּאַן נישט שרעקן"... און מאַריקע האָט יענע נאַכט נישט געקענט שלאָפן... זי האָט געדרימלט און אַלע ווײַלע אויפגעציטערט: מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט אויפן טאָג...

ווען מאַקסים איז אין דערפרי געקומען און אַראָפּגעלאָזט די ביקס פון אַקסל—האָט מאַריקע גאָרנישט גערעדט צו אים. זי האָט אים געגעבן טיי און ער האָט זיך געוואונדערט קייענדיק דאָס ברויט און זופנדיק די טיי. דערנאָך האָט מאַריקע פאַרמאַכט די טיר אין עסשטוב אַריין, האָט אַרויסגענומען פון איר קאַסטן דעם זייף מיט דער פּאַרפום און צוזאַמען מיט די זייַדענע בלוזקעס און שאַרף אים צוריקגעגעבן.

זי האָט עס אַוועקגעלייגט אויפן טישל, בײַ וועלכן ער איז געזעסן, איז געווען בלייך און די אונטערשטע ליפּ האָט געציטערט:

—איך דאַרף עס נישט... איך וויל עס נישט...

מאַקסים האָט אויף איר געקוקט מיט צעטראָגנקייט און אַלץ אַזוי געזעסן. האָט אָנגעהויבן שמייכלען שטאַרק פאַרלעגן, דערנאָך זיך אָנגעבלאָזן, פאַרביסן און האַרט געענטפערט:

—דאַרף מען נישט !...

מאַריקע האָט שטאַרק אָפּגעאָטעמט, איר איז לייכטער געוואָרן. האָט אַלץ נישט געקוקט אין זיין זייט אַריין און געטראַכט פון פּאַן, וואָס רופט איר אַזוי שאַרף „מאַריקאַ" און אין זיך געשפּירט אַ ליכטיקן מילדן שמייכל...

ה.

אין שטאָט איז עפּעס משונהדיקס געשען, קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָס באַדייט: אין מיטן דער נאַכט האָט זיך אַ שיסעריי אַריינגעריסן אין דער ליידיקייט, ערגעץ האָט זיך אַ קוילנוואַרפער אַוועקגעזעצט און כסדר „געשטעפּט". עפּעס בלאַט אַזוי זיך. אינדערפרי איז אייגנטלעך אַלץ געווען דאָס זעלבע, נאָר יענץ הויז פון עזריאל וואָכערניק איז אויסגעליי־דיקט געווען און אָנשטאָט די זעלנער, וואָס מען האָט דאָרט אַלע טאָג געזען שטיין ביים טויער, זיינען איצט אַנדערע גע־שטאַנען. דידאָזיקע זיינען געווען שטאַרק פאַרביסן און מיט שמייכלענדיקע פּנימער—און אָנשטאָט וואָס פריער זיינען גע־שטאַנען צוויי, זיינען איצט געשטאַנען פיר.
האָט שטאָט נישט פאַרשטאַנען, נאָר דערציילט האָט מען, אַז כאָאינקע, דער קאָמענדאַנט האָט זיך עפּעס צעקריגט מיט דעם פרעמדן נאַטשאַלניק פון „טשעקא", וואָס איז געזעסן אין עזריאל וואָכערניקס הויז. פאַרוואָס האָט מען זיך צעקריגט? אַ סברה, אַז אָט דער קאָמענדאַנט מיט זיינע זעלנער האָבן זיך באַזונדער

רעקוויזירט און דאָס רעקוויזירטע צוגענומען... און נאָך האָט מען דערציילט, אַז דערדאָזיקער קאָמענדאַנט האָט נישט בלויז רעקוויזירט נאָר געמאַכט „אָביסקן" אין די שטובער און בשעת מעשה צוגענומען אַלץ, וואָס אים איז געפעלן. האָט עס דער פרעמדער נאַטשאַלניק נישט געוואָלט ליידן. האָט ער פשוט גע־וואָלט דעם קאָמענדאַנט אַליין אַרעסטירן, זיינען זיך אָבער צע־נויפגעלאָפן זיינע חברהלייט און אָנגעהויבן שיסן, האָט דער פרעמדער געכאַפט און אינגאַנצן אַנטלאָפן.

און נאָר איינער מיט ברילן, אַ מענטש אַ ציינדאָקטער, וואָס איז די גאַנצע צייט געווען שטאַרק מטושטש און נישט געוואוסט צו וואָס פאַר אַ פאַראיין ער זאָל זיך צושרייבן, האָט די גאַנ־צע געשעעניש אָנגערופן מיט איין וואָרט:

—אַן אויפשטאַנד.

איז עפעס געוואָרן אין גאַס ווי צווישן טאָג און נאַכט: אַרום דער דירה פון קאָמענדאַנט זיינען געשטאַנען קוילנוואַרפער און נעבן זיי צעטומלטע סאָלדאַטן, נאָר אַלע מיט פאַרביסענע פנימער. איבער דער שטאָט האָבן זיך אַרומגעדרייט זעלנער און עפעס נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. עס האָט אויסגעזען ערב אַן עפעס... וואָס אַזוינס איז דער „עפעס"—האָט קיינער נישט פאַרשטאַנען, נאָר געשראָקן האָט מען זיך.

די ערשטע צוויי טעג האָט זיך מאַקסים אינגאַנצן נישט גע־וויזן און אַז וויינבערג, וואָס האָט צוזאַמען מיט יידן געבלאָנ־זשעט אין גאַס, איז פאַרבייגעגאַנגען פאַרן קאָמענדאַנטס הויז—האָט ער דערזען ווי מאַקסים שטייט דאָרט מיט דער ביקס און, ווי די איבעריקע, מיט אַ פאַרביסן פנים. עפעס איז אין זיין פנים צוגעקומען אַ פאַרביטערטקייט. דאָס רויטע בענדל האָט ער נאָך געטראָגן, נאָר מאָדנע: ער האָט נישט אויפגעהויבן די אויגן און נישט געקוקט אין וויינבערגס זייט. דערפון איז איצט וויינבערגן געוואָרן קאַלט אין האַרצן, ווי ער וואָלט אַ שטיק אייז אַראָפּגעשלינגען.

נאָר מאַקסים האָט אים דערזען און וויינבערג האָט זיך צו אים געגרוסט „זדראַסטוואוי מאַקסים". יטנער האָט אָפּגעענטפערט מיט

אַ שאָקל פון קאָפּ און אַראָפּגעלאָזט די אויגן אויסצייענדיק זיך שטייף אין האַלטנדיק פעסט די ביקס אין האַנט...
און דערפאַר האָט ווײַנבערג יענעם אָוונט שטאַרק געשוויגן און שטאַרק אַכטונג געגעבן די שטוב זאָל אַרום און אַרום זײַן גוט פאַרמאַכט.
צומאָרגנס אָבער איז מאַקסים געקומען, ווײַנבערג האָט געקוקט אויף אים און שוין נישט געזען אין זײַן פּנים די נעכטיקע פאַרביטערטקייט און פאַרביסנקייט, עפּעס איז ער געווען אַנטוישט און בגלופנדיק זיך געזידלט:
—כאַפּט זיי אַלע דער רוח!... איין באַנדע, ווײַטער נישט... האָט נאָאינקע זיך קעגנגעשטעלט, האָבן מיר געמיינט שוין... פּטור געוואָרן... אויס מיט די קאָמוניסטן... אַ ביטערע חברה... מיט זייער „טשעקאַ"... זיי שפּאַסן נישט... פּיף־פּאַף און פאַרלייג מיטן קעפּל... מיר האָבן זיך געגרייט... געוואָלט מיט זיי אַ שפּיל טאָן... גענוג מיט זייערע געזעצן... דאָ נעם נישט... דאָ ריר זיך נישט צו... אַ מלאך דאַרף מען זײַן... איצט נאַ דיר... געקומען פון גובערניע... זיך אַוועקגעזעצט מיט כאָאינקען אין זײַן קאַבינעט, טענהט מען... אַן אַנדער, גיב זיי אַ נעם אויף די שטיקעס. דער אָבער, ניין... זײַנען זיי אַוועקגעפאָרן אין גובערניע... דאָרטן זיך אויסגלייכן, אין זײַן מאַמען אַרײַן...
געשוויגן אַ ווײַלע און צוגעגעבן:
—גייען זיי אַלע צום „טשאָרט"!
מאַריקע איז געווען צו אים גאַנץ פרײַנטלעך, זי האָט זיך געפילט ווי שטענדיק, האָט געדוימט און גערעדט. מאַקסים איז געוואָרן עפּעס שטאַרק אויפגעלייגט, זײַן פּנים איז געווען צעפלאַמט און די אויגן שטאַרק גלאַנציק, האָט ווידער אויף איר געקוקט מיט יענע פאַרהוילענע זיסע בליקן וואָס פריער, איידער זי האָט אים זײַנע מתּנות צוריקגעוואָרפן און ווײַנבערג מיט דער פרוי האָבן זיך געפירט מיט אים גאַנץ היימיש: האָט מען אים אַרײַנגעבעטן אין שטוב צו דער וועטשערע, דערבײַ האָט ער אַרויסגענומען אַ פלעשל און דעם איבעריקן בראָנפן

אויסגעטרונקען. זיך צוגעטשעפּעט צו ווייַנבערגן און יענער האָט אויך געמוזט מיט אים מיטטרונקען. איז ער אַזוי געזעסן בײַם טיש און מיט אַ שכּור געלעכטער זיך געזידלט אויף די קאָמו־ניסטן, וואָס אַליין „מעגן“ זיי אַלץ, זיי קומט אַלץ... און אַ צווייטן—אַ קויל אין קאָפּ... האָט שטאַרק באַדויערט, וואָס דער קאָמענדאַנט האָט זיך געלאָזט צוריק אַרייַנאַרן אין זאַק אַרייַן... דערבײַ האָט ער זיך אָנגעבלאָזן און פון זייַנע אויגן האָט גע־בלאָזן מיט שנאה... ווייַנבערגן איז דערפון עפּעס שטאַרק נישט היימלעך געוואָרן, נאָר באַלד האָט ער זיך צוריק צעלאַכט. יענער האָט זיך צעהיצט טרינקענדיק די טיי און האָט רייַדנדיק פאַר־בלאָנזשעט: האָט גענומען דערציילן ווי ער האָט אין „מעזשי־בעש“ „געקעמפט“... אַך, האָבן מיר דאָרט געשניטן... זיי האָבן אַזוי געקוויטשעט... אַך ווי געשריגן... אַנדערע האָבן געשוויגן... ווי די גולמס... אַלץ האָבן זיי געגעבן... אַלץ... אַ קוש?—אַ קוש!.. נעם וואָס דו ווילסט... „סקאָלקאָ אוגאָדנאָ“... און איך... טראַך! פאַרן גאָרגל... אַך, סאַרע ווייַכינקע פּולינקע... מיידלעך צאַצעס..—

ער האָט געגעבן אַ קנאַק מיטן צונג פון התפּעלות. נאָר דאָ—ווי עס וואָלט אים אַ ביסל אויסגעלייטערט געוואָרן אין קאָפּ, האָט ער אַ ציטער געטאָן, זיך אַרומגעקוקט, זיך דערשראָקן, וואָס זייַן סוד איז אַנטפּלעקט געוואָרן און גענומען דרייען מיט דער צונג: איך... איך נישט... בײַ גאָט שווער איך... איך האָב גע־ראַטעוועט... ס׳איז געווען אַזאַ רחמנות און אַזאַ צער... מילא נעמען—נעם דיר, אָבער הרגענען—ביין... איין גאָט... אַלע מענשן... מען טאָר נישט... „יעי באָגו“...

מאַן און ווייַב זייַנען געזעסן בלייך און זיך באַמיט צו שמייכ־לען. מאַריקע איז געשטאַנען אין טיר און געקוקט דאָ אויף ווייַנבערגן, דאָ אויף מאַקסימען, נאָר ביידע האָבן זיך נישט אומגעקוקט: זיי זייַנען געווען ווי פאַרזונקען אין געשפּאַנטער שרעק און דער שכּורער מאַקסים האָט זיך כּסדר געוואָלט פאַר־ענטפערן און ווילדע זאַכן דערציילט. ווייַנבערג און זייַן פרוי האָבן מיט די ליפּן געשמייכלט, נאָר די אויגן זייערע זייַנען געווען טעמפּ און די פּנימער—בלאַס, מיט אַמאָל האָט מאַקסים

זיך פאַרגעסן און אַ זאָג געטאָן:
—זאָל ער נאָר צוריקקומען אָט דער כאַאינקע.. אויב זיי האָבן אים נאָך נישט איבערגעקויפט...
דאַן האָט ווייַנבערג געזאָגט:
—שוין... שוין נאָך אַלעמען... זיי האָבן זיך צוריק איבערגע־מעטן... די „טשעקא" שוין צוריקגעקומען...
—פּראַוודאַ? פּראַוודא גאָוואָריש?—איז מאַקסים אויפגעשפּרונגען.

—אַזוי האָב איך געהערט אין גאַס... מיט אַ שעה צוריק...
דאַן, האָט דער שייגעץ געגעבן אַ שפּיי און אויסגעשריגן:

—טייוואָלים! אין זייער מאַמען אַריין!
מיט אַמאָל דערזען מאַריקען און צוגעגאַנגען האַרט צו איר. יענע איז אָפּגעטרעטן אין קעך אַריין אונטערוויילעכץ און ער נאָך איר...
—מאַריקאַ! מאַריאַיטשקאַ!... ליובאַ מאַיאַ!...
ער האָט זיך געוואָלט אויף איר אַרויפוואַרפן, נאָר מאַריקע האָט אַרויסגעלאָזט אַ געשריי ווי אַ דערשראָקענער פויגל און זיך אין ווינקל פאַרשטעקט. ווייַנבערג איז אַרייַנגעלאָפן אין קעך, נאָך אים זיין פרוי.
—פע, מאַקסים... ווי פּאַסט עס פאַר דיר...
ער איז געשטאַנען מיט אַ צעפּלאַמט פּנים שאָקלענדיק זיך אויף די פיס.
—כאָזאַאין... כאָ—זאַ—אין... איך האָב זי ליב... איך שטאַרב נאָך אירע טריט... פאַרוואָס־זשע אַנטלויפט זי פון מיר?... אַ?.. יעי באָגו... איך וויל מיט איר חתונה האָבן...
—זי אַנטלויפט גאָרנישט פון דיר... באַרואיק זיך..
נאָר דאָ האָט מאַריקע זיך ווילד צעשריגן דורך טרערן:

—אַ ליגן!.. איך אַנטלויף פון דיר!... איך קען דיך נישט אָנ־קוקן... איך קען דיין חזרישע „רילע" נישט זען...
און האָט זיך צעוויינט,

דער שייגעץ איז גאָר ווילד געוואָרן. ער האָט זיך אָנגעהויבן רייסן צו איר:

—וועל איך דיר ווייזן צו אַנטלויפן!.. היינט בלייבסטו מיט מיר שלאָפן אין קעך... דו „סקאָטינע“ איינע!..—האָט געגומען אָפּ־שטופּן ווייַנבערגן, וואָס האָט אים דעם וועג פאַרשטעלט—גיי אַוועק! טרעט אָפּ כאָזאַאין!.. מיט גוטן זאָג איך דיר!.. טרעט אָפּ!..

ווייַנבערג איז געוואָרן שטאַרק בלאַס און געגעבן אַ קוק צו דער ביקס וואָס אין ווינקל. האָט זיך אָבער האַרט אַוועקגעשטעלט פאַר מאַריקען:

—וועסט נישט מאַקסים... לאָז אָפּ מאַקסים... טרעט איצט אָפּ... כ׳בעט דיך...

דער שייגעץ האָט זיך געריסן:

—זאָל זי מיט מיר בלייבן... שלאָפן זאָל זי מיט מיר!.. איך וועל זי דערהרגענען... דערהרגענען... ווי אַ הונט דערשטיקן... ווי יענע...

נאָר דאָ האָט מאַריקע זיך געגעבן אַ רוק אַרויס פון ווינקל: זי איז געוואָרן עפּעס העכער, גלייכער, די אויגן אירע האָבן שטאַרק געפלאַמט, דאָס פּנים ווייס און די ליפּ געציטערט. האָט זי געגעבן אַ טופּ מיטן פוס און מיט אַ באַפעלערישן געשריי:

—שווייג! באַנדיט איינער! שווייג! זאָלסט נישט „סמעיען“ צו ריידן אַזעלכע ווערטער! שווייג!

דער זעלנער איז געוואָרן ווי פאַרשטאַרצט, ווי ער וואָלט דער־זען אַזוינס, וואָס ער וואָלט זיך קיינמאָל נישט געגלויבט צו זען.

דאַן האָט ווייַנבערג זי אָנגענומען פאַר דער האַנט, געפילט ווי איר האַנט קרעמפּט זיך אין זייַנער, זי האָט אויף אים איין לאַנגן הינטישאיבערגעגעבענעם בליק אויסגעצויגן און ער האָט מיט פרייד און וואַרימקייט געזאָגט:

—גיי אַריין צו דער אַלטער.

זי האָט קוים איינגעהאַלטן די טרערן, איז מיט געלאַסענע טריט

אַרויס פון קעך און אַוועק צו דער אַלטער אין צימער.
נאָר דאָ האָט זיך מאַקסים ווי דערמאָנט און זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, האָט אָבער פרוי וויינבערג זיך אַוועקגעשטעלט אין טיר:
—מאַקסים, איך בעט דיך. מאַקסים! וועסט נישט גיין.
דער שייגעץ האָט זיך פאַרלוירן און פרוי וויינבערג, האָט אים אָנגעהויבן באַרואיקן:
—ביזט דאָך נישט קיין נאַר מאַקסים, אַזעלכע ווערטער... אַזוי רעדט מען צו אַ „באַרישניע”?.. דו ווייסט, אַז זי איז נאָך דערצו גאָר אַ יונגע... אפשר זיבצען אַלט... נאָך אַ קינד קען מען זאָגן... און דו רעדסט אַזעלכע ווערטער?.. באַרואיק זיך מאַקסים... נישט אַזוי רעדט מען צו אַ מיידל... דו האָסט זי באַליידיקט... יאָ... באַליידיקט... זי אַנטלויפט גאָר נישט פון דיר... נאָר דו האָסט אַ ביסל אויסגעטרונקען... פירסטו זיך נישט ווי מען דאַרף... זי האָט זיך דאָך דערשראָקן פאַר דיר... אַזעלכע ווערטער... ביזט דאָך עפּעס נישט קיין פּשוטער „כלאָפּ”... אָט אַזוי רעדט מען?... פע מאַקסים... אויף דיר וואָלט איך זיך נישט גערעכנט...
מאַקסים איז געוואָרן אָפּהענדיק, האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געוואָרן ווייך ווי אַ קינד.
—אַז איך וועל פאַרברענט נאָך איר... כ'גיי אויס נאָך אירע טריט... און זי אַנטלויפט... אַנטלויפט און וויל נישט קוקן אויף מיר...
האָט זיך גענומען שלאָגן מיט דער פויסט אין האַרצן און שווערן, אַז ער מיינט אויף אַן אמת: ער וויל מיט איר חתונה האָבן... צוליב איר נאָר איז ער געבליבן... ער איז באַלד ווי צוגע־זאָגט געוואָרן און געבליבן. „דידאָזיקע” קען ער נישט אָנקוקן... אַלץ נאָר צוליב איר. און זי... ער האָט גערעדט מיט אַ ווייי־נענדיקער שטים.
האָט אַ ווײַלע אויפגעהויבן די אויגן אויף וויינבערגן און איז אַנטשוויגן געוואָרן: אין זיינע אויגן האָט אַ בליץ געטאָן מיט נאַכטיק־שוואַרצן האַס... וויינבערג איז אַרויס פון קעך טראַכטנ־

דיק פון דעם, וואָס מאַריקע טוט דאָרט.

האָט דער שייגעץ געכאַפּט קושן מאַדאַם ווייַנבערגס האַנט: ער וועט אַלץ פאָלגן... ער וועט שוין מער אַזעלכע ווערטער נישט ריידן... ער וועט נישט טרינקען. אַלץ וועט ער פאָלגן נאָר זאָל מאַריקע נישט אַנטלויפן פון אים.

פרוי ווייַנבערג האָט אים באַרואיקט: זי וועט שוין זען אַלץ זאָל גוט זיין. זי וועט מיט איר איבערשמועסן. דער עיקר ער זאָל זיך האַלטן רואיק און לייטיש. האָט פון אים צוגענומען זיין ביקס און שווערד און אַוועקגעטראָגן צו זיך אין שלאָף־צימער, און מאַקסים–מיד פון שכרות און פון די לעצטע טעג שטיין אויף דער וואַך–האָט זיך אויסגעצויגן אויפן געלעגער און אָנגעהויבן שטאַרק אָטעמען.

פרוי ווייַנבערג האָט פאַרשלאָסן די טיר פון קעך אין שטוב אַריין און ווייַנבערג איז אַרויסגעקומען פון דער אַלטערס צי־מער און זיין פנים איז געווען צעטומלט און פאַרזאָרגט...

*　　　*　　　*

צומאָרגנס, ווען זיי זייַנען אויפגעשטאַנען און פרוי ווייַנבערג איז אַריין אין קעך, האָט זי שוין דאָרט מאַקסימען נישט גע־טראָפן. מאַריקע האָט געשוויגן און געווען פאַרטראַכט אין זיך אַריין, און ווייַנבערג, וואָס איז שוין געווען אין גאַס געוואָר צו ווערן וואָס ס׳הערט זיך, איז אַריינגעלאָפן מיט אַ פרייליך פנים.

–מאַריקע! מאַריקע!

מאַריקע איז אַריין פון קעך. און ער האָט פאַר איר און זיין פרוי דערציילט:

–אַוודאי! דער „טשעקא" איז שוין טאַקע דאָ צוריק. כאַאינקען האָט מען דאָרט דערוויַיל געלאָזט בחרפתנו אין טיורמע, און אַלע זייַנע חברהלייט האָט מען די נאַכט אויסגעכאַפּט ווי די מייז, אַלע אַרעסטירט, אין דערפרי, ווען מאַקסים איז אַרויס אין גאַס אַריין געוואָר ווערן, וואָס עס הערט זיך מיט זיין באַנ־

דע, האָט מען אים אויך פאַרבעטן...

—אַרעסטירט?—האָט מאַריקע איבערגעפרעגט.

—ער זיצט שוין אין „טשעקא״ ווי אַ טאַטע!—מען וועט זיי שוין געבן קרעפּלעך מיט יוך... זיי זיינען שוין אַלע נישט אויף דער וועלט...

מאַריקעס אויגן האָבן איצט געלויכטן, עפּעס ווי אַ נעפּל ויאָלט זיך פון איר פּנים אַראָפּגעש ילט...

ג

ביי די וויינבערגס איז דער גאַנצער טאָג דורך חול המועדיק: אַלע האָבן זיך געפילט, ווי זיי וואָלטן אויסגעמיטן אַ גרויסע סכנה. דעם זעלבן טאָג האָט וויינבערג געמאָלדן וועגן געווער, וואָס ס'איז ביי אים פאַרבליבן נאָך דעם אַרעסטירטן מאַקסים. פאַרנאַכט זיינען געקומען דריי רויטע אַרמייצעס, האָבן דאָס געווער פאַרנומען, האָבן זיך נאָכגעפרעגט צי ס'איז מער נישט פאַרבליבן; איינער פון זיי האָט אָפּגעשטעלט זיין בליק אויף מאַריקען, וואָס האָט זיך שטאַרק איינגעהערט זייערע פראַגן, ער האָט געשמייכלט און געזאָגט:

—וואָס זשע? אַ שאָד אַ חתן? האַ?

די איבעריקע האָבן זיך צעלאַכט און מאַריקע האָט דערפילט, ווי איר האָט דאָס פנים אַ פלאַם געטאָן, האָט זי הילפלאָז אַ קוק געטאָן אויף וויינבערגן, נאָר יענער האָט עס ווי נישט געהערט, ער האָט געוואַרט זיי זאָלן שוין פון שטוב אַרויס...

- נישקשה... נישט איוואַן איז סטעפּאַן... אַן אונטערשיד!?..

אַ צווייטער האָט צוגעגעבן:
—נישט געזאָרגט... מען וועט אים מסתּם באַפרייען.
מאַריקע האָט געשמייכלט און אַליין נישט געוואוסט, נאָך וואָס זי טוט עס, נאָר וויינבערג האָט דערביי אַ קנייטש געטאָן דאָס גאַנצע פּנים מיט ווייטאָק.
און אין שטוב איז נאָכדעם אויסגעוואַקסן אַ שטילע שרעק.

פרוי וויינבערג האָט געשוויגן און האָט אַלע ווײַלע געקוקט צו דער טיר און וויינבערג איז אַרויס אין גאַס, געוואָר ווערן צי די רייד פון די זעלנער האָבן עפּעס אַ ממש. די גאַסן זיינען געווען רואיק, אַ געדיכטער שניי איז געפאַלן און זיך געגנעצט אין די קאַלוזשעס, וואָס האָבן פון דער ערד גלאַנציק געקוקט. נאָר דאָרט איבער די גומנעס האָט זיך דער הימל בלוי גע־פלעקט, די בלויע פלעקן האָבן זיך געטונקען און געוואַקסן צווישן כמאַרעס. אַ ווינטל האָט שאַרף אַ בלאָז געטאָן און נאָכ־געלאָזט און ווידער אַ בלאָז געטאָן. מיט אַמאָל האָבן זיך די דורכגעריסענע כמאַרעס באַהעפט און אין ליידיקייט האָט זיך אַ שטיל גערויש דורכגעטראָגן און דער שניי האָט זיך שטאַרק געדיכט אַ שיט געטאָן.
וויינבערג האָט אַ שטיקל צייט געשפּאַנט איבער דער גאַס, גע־קומען ביזן מאַרק, נאָר האָט קיינעם נישט געטראָפן.
מאַריקע אָבער איז געווען זייער אויפגעלייגט, זי האָט אין קעך געזונגען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט רואיק און האַרציק געחלומט. זי האָט געזונגען לאַנגזאַם און פאַרטראַכט און ס'האָט פון איר געזאַנג געשמעקט מיט דאָרף און לבנהדיקער שטילער זומער־נאַכט, נאָר ווען זי האָט דערלאַנגט וועטשערע און געזען ווי די בעלי־בתּים זיצן שווייגנדיק, האָט זי אַ ציטער געטאָן און זיך אָן עפּעס דערמאָנט.
דאַן האָט פרוי וויינבערג אַ פרעג געטאָן:
—וואָס האָבן זיי געזאָגט וואָס? אַז מען וועט אים באַפרייען?

מאַריקע האָט דאַן אינגאַנצן נישט געדענקט, האָט זי געשוויגן

און ווײַנבערג האָט געענטפערט:

—כ׳ווייס וואָס... זעלנער ריידן דאָרט?!. ס׳איז גלאַט גערעדט... זעסטו אָט דאָ האָט ער געטראָפן דאָס אמתע אָרט... די חברה באַפרייט שוין אַזוי גיך...

איצט האָט זיך מאַריקע דערמאָנט, וואָס דער זעלנער האָט געזאָגט און מיט אַמאָל אין זיך דערפילט אַ שרעק. דאָס האַרץ האָט אָנגעהויבן העפטיקער שלאָגן און אויף איר פנים איז געוואָרן אַן אומרו, ווי אונטער דער טיר וואָלט איר עמיצער „געטשאַטעוועט"...

* * *

און איינמאָל ביינאַכט, ווען מאַריקע איז געלעגן אויף איר בעטל און מיט פאַרמאַכטע אויגן געחלומט פון עפעס אַזויגס, וואָס האָט איר דערמאָנט אין דאָרף און אין יונגן פריץ מיט ווײַנבערגס געשטאַלט... האָט זי מיט אַמאָל דערהערט ווי מען פּרובט די טיר פון קעך. זי האָט אַ צאַפּל געטאָן און מיט איין באַוועגונג זיך אויפגעזעצט, געבליבן זיצן און געדענקט אין די ווערטער פון יענעם זעלנער:

—נישקשה... מען וועט אים מסתם באַפרייען.

ווידער האָט מען געפּרובט די קליאַמקע און די האָט דערהערט אַ קול, וואָס האָט מיט זיכערקייט גערעדט צו אַ צווייטן.

זי איז מיט שטילע טריט און מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם אַראָפּ צו דער טיר, אַהאַ! דער קאָפּ האָט זיך איר פאַרדרייט און אין די אויגן האָט איר פינסטער אַ בלענד געטאָן.

—צום טײַוול! מיר וועלן זי פּאַקן... אַך, סאַר אַ זיס פייגעלע... וועסט זען... אַ מיידל אַ גאָלד...

נאָכדעם איז געקומען אַ שכור דריבנע געלעכטערל.

—קלאַפּ אָן.

—בעסער אויפרייסן די טיר.

—ניין מען קען דערהערן... מאַכן אַ געוואַלד.

—אַ?...—יענער האָט זיך שכור דערמאָנט—זי שלאָפט נישט אין

קען... זי שלאָפט דאָרט ביי דער אַלטער זשידאָווקע... אין זיין מאַמען אַריין... דער זשידאָק. דער „כאָזאַיען“ שאַרט זיך צו איר... „פּראָקליאַטי“.

מאַריקאַ האָט אויף זיך אַרויפגעכאַפּט דאָס קלייד, מיט באָר־וויסע קעצן־טריט אַריין אין שטוב און צוגעלאָפן צו דער טיר פון שלאָף-צימער:

—באַריניאַ?... באַריניאַ!... אוי, מיין גאָט...

איר שטים האָט שטאַרק געשוידערט.

—מאַריקאַ?... אַ? אַ?

—מען שטייט ביי דער טיר... ס'איז ער... מאַקסים... אוי יעזוס...

עס האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּן אין לאָדן פון עסשטובפענסטער.

וויינבערג האָט זיך אויפגעזעצט:

—ס'איז שלעכט... זייער נישט גוט...

—וואָס זשע טוט מען?

אַזוי האָט געפרעגט פרוי וויינבערג און מאַריקע איז געשטאַנען ביי דער טיר, וואָס זי האָט געהאַט עטוואָס געעפנט. זי האָט זיך געטוליעט צו זיך אַליין און געציטערט שלאָגנדיק די ציין איינע אָן די צווייטע.

—איינמאָל פאַר אַלעמאָל, נישט עפענען!...—האָט געזאָגט וויינבערג.

פרוי וויינבערג האָט אָנגעטאָן די שטעקשיך, זיך איינגעהילט אין אַ טוך, און אַז זי איז אַרויס פון דער טיר, האָט זי מאַריקע אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט דעם אָרעם:

—באַריניאַ... איך בין פאַרלוירן... נישט עפענען... עפנט נישט... האָט רחמנות...

דאָרט האָט מען שוין שטאַרקער געקלאַפּט.

פרוי וויינבערג איז צוגעגאַנגען צום פענצטער:

—ווער איז?... ווער קלאַפּט? האַ?

מאַריקע איז אויך נישט אָפּגעטרעטן פון מאַדאַם וויינבערג. זי איז געשטאַנען און שטאַרק בלייך געציטערט.

פון דרויסן האָט זיך דייטלעך געהערט:
—דאָס בין איך! מאַקסים! עפנט כאַזאַיקע...
—דו? מאַקסים? וואָס טוט זיך מיט דיר? איצט? אין מיטן דער נאַכט?...
—עפנט, זאָג איך! אויב נישט...
—מאַקסים!... דער מאַן איז אין דער היים נישטאָ... ווי אַזוי...

—זיך באַהאַלטן דער חברהמאַן—האָט דאָרט מאַקסים גערעדט שטילער צו אַ צווייטן, און געענטפערט:
—איך וויל נישט אַריינגיין... גיט מיר מאַריקען!... זאָל זי אַרויסקומען... מער וויל איך נישט.
פרוי ווייַנבערג איז געווען גאָר שטאַרק בלייך און צעשראָקן, זי האָט געהערט ווי ער רעדט עפּעס דאָרט צום צווייטן און ביידע לאַכן זיך איבער.... לאַכן און פּלאָנטען שכור מיט די צונגען... האָט זי אַ ווײַלע געשוויגן און נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר.
די שויבן האָבן אָנגעהויבן ציטערן פון שטאַרקן קלאַפּן.
—גיב מיר מאַריקען דו... איך וועל דאָס פענסטער צוברעכן...
מאַריקע זאָל מיר זיין!.. שיקט זי אַרויס!... „זשידאָווניאַ״!...
מאַריקען גיט אַרויס!...
מאַריקע האָט זיך איצט אַראָפּגעלאָזט אויף די קניען, האָט איינגאַנצן געציטערט און צו פרוי ווייַנבערג אויסגעצויגן די הענט מיט געבעט, איר פּנים מיט גרויס ווייטאָק און די אויגן מיט געוויין, זי האָט שטיל געשעפּטשעט מיט די ליפּן, און דאָ האָט פרוי ווייַנבערג געזען ווי אין טיר שטייט ווייַנבערג און ווינקט צו איר מיטן קאָפּ אויף ניין.
—מאַריקע?—מאַריקע איז נישטאָ!... מאַקסים!... נאָכדעם ווי זי האָט זיך פאַר דיר איבערגעשראָקן איז זי אין צוויי טעג אַרום אַוועק צוריק אין דאָרף אַריין!
—אַ ליגן! זשידאָווניאַ!
מאַריקע, וואָס האָט דערזען ווייַנבערגן, האָט מיטאַמאָל פאַרלוירן דעם כח איינצוהאַלטן די טרערן, האָט זי דאָס פּנים אין

די הענט באַהאַלטן בלייבנדיק אויף די קניען און ציטערנדיק מיטן גאַנצן גוף.
ווײַנבערג איז געשטאַנען צעטומלט און אין זיין האַרצן האָט זיך אויפגעהויבן אַ שרעקלעכער צאָרן. ער האָט שטייף די ציין געקלעמט און געפילט, אַז באַלד וועט עפּעס שרעקלעכעס געשען, עפּעס דאַרף באַלד מוראדיק אויסברעכן.
—מאַקסים! דו ווייסט דאָך... איך וועל קיין ליגן נישט זאָגן... הער אויף מאַקסים... שרעקסט מיר איבער דאָס קינד און די קראַנקע מוטער... איך האָב דיר קיין שלעכטס נישט געטאָן... גלייב מיר: מאַריקע איז שוין עטלעכע טעג נישטאָ...
ס׳האָט זיך טאַקע דערהערט אַ קינדישער געוויין. די טויבע אַלטע האָט דערפילט, אַז אין שטוב איז אַ גערודער, איז זי אַרויס פון איר צימער צו זען וואָס עס איז, האָט זיך דאָס קינד דערוויילט אויפגעכאַפּט.
—„זנאַט ניע כאָטשו״! מאַריקאַ זאָל מיר זיין!...
מאַריקע האָט שטאַרק געציטערט.
ווײַנבערג האָט זיך אָפּגעהאַלטן מיט אַלע קרעפטן פון עפּעס אויסצושרייען, איז שטיל צוגעגאַנגען צו מאַריקען, זיך צוגעבויגן צו איר אַזוי, אַז זי האָט זיין שטאַרקן אָטעם געפילט און שטיל געשעפּטשעט אָננעמענדיק זי פאַר דער האַנט:
—גיי אַוועק פון דאַנען... וויין נישט... מאַריקאַ... מען וועט נישט עפענען...
זי האָט זיך אויפגעשטעלט און ער—נישט אָפּלאָזנדיק איר האַנט האָט זי שטיל אָפּגעפירט פון שטוב אין קאָרידאָר.
—מאַקסים! ס׳וועט דאָך דיר גאָרנישט העלפן אַז זי איז פאָרט נישטאָ! איך שווער דיר!... איך שווער דיר, אַז מאַריקע איז נישטאָ.
—וואו זשע איז זי?
—זי איז אַהיים געגאַנגען... האָסט זי דאָך אַליין איבערגעשראָקן... איז זי צוריק אַוועק אין דאָרף אַריין... מאַקסים, טו מיר צוליב.. גיי איצט אַוועק... וועסט זיך מאָרגן איבערצייגן...
ס׳איז שטיל געוואָרן, אין דרויסן האָט מען זיך שטיל געשושקעט.

—הערט זשע... איך גיי אַוועק... נאָר גדעדענקט... טאָמער זי באַהאַלטן... וועל איך זיך אָפּרעכענען...

נאָך געגעבן אַ שטאַרקן זעץ אין לאָדן, אַרויסגעלאָזט אַ קללה און שוין אָפּגערוקטער האָט זיך געהערט אַ שכור אונטערזונגען. דאָס קול איז געוואָרן טעמפּער און ווייטער.

מאַריקע איז צוריק אַריין אין שטוב און אַלע זיינען געווען בלאַס. דאָס שיקסל האָט זיך עפּעס שטאַרק געשעמט די אויגן אויפצוהייבן... מיט אַמאָל זיך אַ וואָרף געטאָן צו מאַדאַם ווייַנבערג, זי געכאַפּט קושן און דערביי זיך געשטיקט פון די טרערן. פרוי ווייַנבערג האָט געשמייכלט און זי באַרואיקט גלעטנדיק איר קאָפּ, און ווייַנבערג איז געשטאַנען מיט שטילער פרייד אין די אויגן...

פרוי ווייַנבערג האָט געזאָגט:

—מאַריקאַ... מאָרגן אָבער מוזטו אַהיימגיין... פאַרשטייסט דאָך, אַז איך זאָג דיר חס ושלום נישט אָפּ... נאָר מוזט דאָך...

דאָס שיקסל איז געבליבן שטיין מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

פרוי ווייַנבערג האָט דערווייל גענומען שרייען צו דער מוטער אין אויער אַריין, געשריגן וועגן דעם, וואָס דאָ איז געווען, און מאַריקע האָט אויסגעשטעלט אויף ווייַנבערגן אַזעלכע צווייבעטנדיקע געטרייע טרויריקע אויגן, אַז ער האָט איר בליק נישט געקענט אויסהאַלטן...

די אַלטע האָט שטאַרק אויסגעשפּיגן דערוויסנדיק זיך פון דעם, וואָס דאָ איז געווען און וואָרטשענדיק איז זי צוריק אַוועק אין איר צימער.

ליאָניע האָט נאָכאַמאָל געזאָגט:

—פאַרפאַלן, וואָס קען מען טאָן... ער קען ווידער קומען... ער קען אונז אַלע אומגליקלעך מאַכן...

און ווייַנבערג האָט צוגעגעבן:

—מען וועט זיי דאָך ווען עס איז איבערקומען... אויף לאַנג

איז עס דאָך נישט... דער רוח וועט אים דאָך מסתּם צונעמען... אָדער ער וועט גאָר אַוועק מיט אַ באַנדע, אָדער זיי אַליין וועלן אים פּטרן... אָדער וועלן אַלע נעמען דעם וועג... וועסטו צוריקקומען...

—וועל איך דערווייל זיין אַליין... אָן אַ מענטש... אַ ברירה האָב איך—האָט געזאָגט ליאָניע.

מאַריקע האָט איצט געשמייכלט.

ז.

ס'האָט זיך געהערט אַ קרייען פון הענער, וואָס האָבן ערגעץ בלינדערהייט דערפילט דאָס אָנקומען פון טאָג און אין דער טויבער געדיכטער שטילקייט פון דער נאַכט, האָט זיך עפּעס אומזעבאַרעס אָנגעהויבן רירן. פון ערגעץ האָט זיך דערטראָגן אַ סקריפּען פון אַ שטאַלטויער און אַ זאַט רואיק הירזשען פון אַ פערד. פּאָרזיכטיק האָט וויינבערג געעפנט אַ טיר אינדרויסן אַרויס און געזען, ווי דער הימל איז שוין גרוילעך און דער ווייכער שניי ליגט אויפגעבלאָזן ווי אויסגעשיטע פעדערן און די געסלעך שטייען ווי שטילע ווייסע קאָרידאָרן, האָט ער צו־ריק פאַרמאַכט די טיר און געזאָגט:

—נו, מאַריקאַ, שוין צייט.

וויינבערגס פרוי איז געווען צעטומלט, האָט אויסגעזען ווי זי דאַרף אַרויסבאַגלייטן אַ חשובן גאַסט און וויינבערג אַליין איז געווען שטאַרק פאַרטראַכט, ווי געגרייט זיך אַריבערגנבענען אַ גרענעץ.

מאַריקע האָט טרויריק און ציטערנדיק זיך אָנגעטאָן איר שוואַרצן

וואַטעפּאַלטאָ—אַ מתנה נאָך פון פּריץ אין דאָרף, פרוי וויינבערג האָט איר דערלאַנגט אירס אַ גרויע דערע:

—היל זיך איין דעם קאָפּ... גוט וויקל זיך אַרום...

מאַריקע האָט געפאָלגט, האָט זיך אין דער דערע איינגעהילט אַזוי, אַז נאָר די אויגן אירע האָבן אַרויסגעשיינט: די זאַכן קענען דאָך דאָ בלייבן... זי וועט דאָך צוריקקומען... נאָר מורא האָט זי עפּעס... אויפן וועג איז שוין אַ קליינינקייט, נאָר ביז דער שטאָט אַרויס.

—וועל איך דיך אונטערפירן—האָט וויינבערג געזאָגט נישט אויפ־הייבנדיק די אויגן אויף זיין פרוי—ס'איז נאָך טאַקע שטאַרק טונקל אויך, קען מען זי דאָך נישט לאָזן אַליין.

פרוי וויינבערג האָט אויף דעם גאָרנישט געענטפערט, זי האָט נאָר עטוואָס אָנגעקנייטשט דעם שטערן... מאַריקע האָט מיט מרערן אין די אויגן זיך געזעגנט און זיי זיינען אַרויס.

איצט איז דער הימל געווען בלייך, אין ערגעץ אַ פענסטער האָט נאָך אַ פלעמל געברענט,ביידע האָבן געשוויגן און גע־גאַנגען מיט שטילע פּאַרזיכטיקע טריט, ווי איבער אַ נישט זי־כערער בריק. וויינבערג האָט זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן.

ביים סוף געסל האָט זיך מאַריקע אָפּגעשטעלט:

—איך וועל שוין גיין אַליין.

זי האָט אויפגעהויבן די אויגן אויף אים, וויינבערג האָט דער־פילט אַזאַ וואַרימען ציטער אין האַרצן און אַרויסגעשטאַמלט נעמענדיק איר האַנט אין זיינע:

—וועסט דאָך צוריקקומען מאַריקע טייערע, וועסט דאָך קומען...

מאַריקע האָט עפּעס געוואָלט זאָגן און נישט געקענט, האָט נאָר געשאָקלט מיטן קאָפּ יאָ.

זי האָט זיך דערווייטערט, וויינבערג איז געשטאַנען, איר נאָכ־געקוקט און עפּעס האָט ער נאָך געוואָלט זאָגן...

מיט אַמאָל האָט עס אים אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ און אין האַרצן האָט זיך עפּעס אָנגעצונדן מיט אַ ברי. דאָרט אויבן אין

געסל האָט זיך פּלוצלונג איינער אַרויסגערוקט מיט אַן אויסגע־שריי און מאַריקען דעם וועג פאַרשטעלט.

—אַ? מאַטסים!... זי אָפּגעטשאַטעוועט!...

יענער האָט זיך געוואָרפן אויף מאַריקען.

צוערשט האָט מאַריקע אַראָפּגעצויגן דעם קאָפּ צווישן די אַקס־לען און געגומען טרעטן הינטערווײַלעכץ, נאָר יענער האָט זיך אויף איר געוואָרפן. אַ? אַ קלאַפּ געטאָן?... מאַריקע האָט זיך מיט אַמאָל געגעבן אַ גלייך אויס און אים פון זיך שטאַרק אַ שטויס געטאָן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געראַנגל, איינער אין אַנדערן האָט זיך אײַנגעגעסן, מאַריקע האָט פון אים שטאַרק געבויגן דעם קאָפּ.

מיט אַמאָל האָט עפּעס אויפגעפלאַצט אין וויינבערגן. ער איז אײַנגאַנצן ווי פאַרכלינעט געוואָרן פון ווילדן תּאוהדיקן כּעס. מיט עטלעכע שפּרונג האָט ער זיך דערנענטערט אַהין, האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף דעם הויכן און אַרומגעכאַפּט זיין קאָפּ בייגנדיק אים אויף צוריק, עס איז געוואָרן אַ רעוועריי, מיט אַמאָל האָט זיך מאַריקע אָפּגעריסן. יענער האָט זיך אַ שטאַרקן דריי געטאָן. וויינבערגס פּיס האָבן אַ צייכן געטאָן אַ האַלבן ראָד אין לופטן אוןביידע זיינען געפאַלן.

אַ ווילד קרעכצן און אַ וואַלגערניש אין שניי, מאַריקע האָט איצט אָנגעהויבן שרייען מיט אַ משונהדיקן קוויטשנדיק קול: ראַטעוועט! ראַטעוועט!... די קנויל האָט זיך צעריסן און ביידע זיינען אויפגעשפּרונגען.

מאַריקע איז אַ ווײַלע געשטאַנען ווי פאַרשטיינערט און געזען, ווי ביידע שטייען איינער קעגן אַנדערן מיט ווילדע אויגן.

—„זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ”!—האָט מאַקסים אַרויסגעזייט דורך די ציין—אָנגעבויגן דעם קאָפּ ווי ער וואָלט וועלן אַ שפּרונג טאָן, וויינבערג האָט נישט אַראָפּגעלאָזט פון אים זיינע גליענדיקע אויגן, די ליפּ מיט דער גאָמבע האָבן געציטערט. מיט אַמאָל האָט מאַקסים ברייט די פּיס צושטעלט זיך אַ ווײַלע געפּאָרקעט

ביי דער קעשענע און עפעס שוואַרצעס האָט אַ גלאַנץ געטאָן אין זיין האַנט.

ער האָט געגעבן אַ צי אויס די האַנט, ווײַנבערגס אויגן זיינען פאַרשטאַרט געוואָרן, נאָר פּלוצלונג אַ קוויטש: מאַריקע האָט אָנ־געכאַפּט די האַנט...

די האַנט האָט זיך אָנגעהויבן רייסן... מיט אַמאָל האָט אַ דינער קנאַל אַ ציטער געטאָן, מאַריקע האָט אַרויסגעלאָזט אַ מוראדיק געשריי, נאָר זיין האַנט נישט אָפּגעלאָזט...

ווײַנבערג האָט זיך געוואָרפן אויף אים, אים אָנגעהויבן שטיקן דעם האַלז און ווילד שרייען:

—ראַטעוועט! ראַ־טע־וועט!!!

פון ערגעץ האָבן זיך דערטראָגן שטימען און אַ טומל, דער יונג האָט זיך ווילד געריסן. נאָר מאַריקע האָט זיך געזעצט אויף די פיס האַלטנדיק מיטביידע הענט פאַרן רעוואָלווער—ווײַנבערג איז דערביי אומגעפאַלן און ס'איז אָנגעלאָפן דער טומל מיט די געשרייען.

ווען ווײַנבערג איז געקומען צו זיך, האָט ער דערזען אַרום זיך פאַרשידענע פנימער—און מאַריקע איז געלעגן און געהאַלטן דעם רעוואָלווער מיט ביידע הענט.

— — — — — — — — —

מאַריקע איז געלעגן אין שטוב אויף דער קושעטקע, ווײַנבערג איז געשטאַנען נעבן איר בלייך ווי דער טויט, פרוי ווײַנבערג איז אויך נישט אָפּגעטרעטן און מיט גרויל געטראַכט פון דעם, וואָס אַזוי ליגן האָט געקענט ווײַנבערג, די שכנים האָבן אַלץ געשאָקלט מיט די קעפּ וואונדערנדיק זיך.

—ווי זי האָט עס געהאַלטן דעם רעוואָלווער... איי איי...

אָטוואָצק, 1921.

פרעמדע.

[illegible]

די זון האָט זיך געלאָשן אין די לעצטע פלאַמען. דאָס איז געווען צו באַמערקן אין די שטיקלעך בראָנזענע וואָלקן, וואָס זיינען געשווימען פאַרטראַכטע, איבערן הימל. דער הימל האָט זיך איצט שטאַרק געבלויט און צווישן די שפּיצן פון די געדיכט־באַוואַקסענעביימער, האָבן געציטערט קופּערגלאַנציקע פלעקן.

ערגעץ וואו האָט געהילכט אַ קלינגענדיק, קינדעריש געלעכטער און פון גאַס האָט זיך דערטראָגן דאָס הייזעריקע רעווען פון אויטאָמאָבילן, וואָס האָט נאָר אין ליידיקייט געכוואַליעט און אַהער נישט דערגרייכט. דאָ איז פול געווען מיט פאַרנאַכטיקער זומערשטילקייט. די ביימער זיינען געשטאַנען פאַרטראַכטע און נאָר די בלעטלעך האָבן נאַכטיק געציטערט. און אָט די שטיל־קייט איז געווען שטאַרק געמיטלעך פאַר יוסף בלומענבערג, וואָס האָט איצט געשפּאַנט מיט דריבנע, געציילטע טריט און אַליין אויך, ווי דער פאַרנאַכט געשוויגן.

די לעצטע טעג האָט זיך אויסגעהאָדעוועט אין אים אַ פאַרהוי־

לענע שרעק: ער האָט כּסדר געוואַרט, אַז עפּעס אַ שווערע זאַך זאָל זיך איבער אים אַראָפּלאָזן און אָפּט געצויגן דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען. ביינאַכט האָבן אים משונהדיקע חלומות געשראָקן, און אינדערפרי האָט ער זיך אויפגעכאַפּט מיט האַרצ־קלאַפּעניש, ווי ער וואָלט אין אַ פרעמדן האָטעל געשלאָפן. און ווייל ער האָט נישט געקענט פאַרטרייבן פון זיך די שרעק און אומרואיקייט, דערפאַר איז ער געוואָרן רואיקגעלאַסן, ווי איי־נער, וואָס גייט אין אַ שטאַרקער פינצטערניש, פאַרמאַכט ער די אויגן און גייט לויטן זכרון.

זיינע גלאַטראַזירטע באַקן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן נידערי־קער פאַר די וואָנסן—דאָרט, וואו עס האָט זיך אויסגעלאָזט זיין פאַרשניצט בלאָנד בערדל—זיינען געווען ווי מיט אַ בלאָם אי־בערגעצויגן. פון אונטער דעם בלאָם האָט דורכגעקוקט אַ בלייכ־קייט, וואָס האָט געהאַט אַ טונקעלן אָפּשיין. זיינע אויגן האָבן געקוקט מיט פייכטקייט און גלאַנץ. די האָר אויף זיין קאָפּ־שיטערע און גלאַנציקע—זיינען געלעגן גלאַטיק אויסגעצויגן און די גרויע האָר האָבן מיט די שפּיצן אַרויסגעזילבערט, האָט עס אויסגעזען: זיין קאָפּ איז באַשיט מיט גלאָזשטויב.

געטראַכט האָט ער איצט אַזוי אומבאַשטימט און ס'איז אים אויס־געקומען, אַז ס'איז קיינמאָל נישט געווען קיין אָנהייב צו דעם משונהדיקן טראַכטן. אים איז פאָרגעקומען, אַז ער בלאָנדזשעט אַרום אין אַ פרעמד לאַנד און דער עיקר—וואָס ביי זיך אין שטוב איז ער אויך פרעמד. און באַלד האָט ער געטראַכט: איצט איז אויס מיט אַלעם... די באַלשעוויקעס... דאָס איז אַזאַ מין, אַז אויב זיי זיינען נאָר פאַראַן—איז געענדיקט מיט אַלע זאַכן. דאָס געשעפט וועט זיך שוין אַליין פאַרמאַכן. אַלץ וועט צע־שווימען ווערן, אויס... און מאַדנע: דעם ווייב הייבט עס נישט אָן צו האַרן. שוין צום הונדערטסטן מאָל דערמאָנט זי אים, אַז דאָרט אין וואַרשע, האָבן זיי אויך נישט געהאַט קיין אייגענע געשעפטן, און האָבן פונדעסטוועגן געלעבט...

—מיר זיינען קיינמאָל נישט רייך געווען, און וועלן ווייטער קיין גבירים נישט זיין.

און איצט נאַ דיר נאָך אַ שוויגער?... זייער ביטער צו האָבן אַ שוויגער. און צו וואָס דאַרף גלאַט אַ מענטש האָבן אַ שוויגער?... עפּעס קומט איר נאָך צו צוצאָלן. סאַר אַ פאַרביסנקייט עס ליגט אויף אירע געקנייטשטע ליפּן. פּונקט ווי זי וואָלט זיך געפרייט מיט דעם, וואָס דער איידעם איז בדיל הדל געוואָרן.

ווען ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק, האָט ער זיך געפילט גוט פון דעם, וואָס ער קאָן דאָ זיצן אַליין און שווייגן. נאָר מיט אַמאָל האָט זיך אין שטילער פאַרנאַכטקייט דורכגעריסן אַ קרעכץ פון הינטערטירל און ער האָט דערזען, ווי עס קומט צו נעענטער זיין ברודער און שותף.
ער האָט אַ שמייכל געטאָן. ער האָט זיך דערמאָנט ווי גרינבוים— דער שכן זיינער—האָט איינמאָל אַ פרעג געטאָן:
—וואָס מאַכט אייער ברודער, דער היטלמאַכער?
ער זעט ווירקלעך אויס ווי אַ היטלמאַכער: דער האַרטער שוואַרצער קאַפּעליוש איז אַ ביסל צו גרויס אויף אים, און זיינע אויגן זיינען אַזוי קיילעכדיק און אומרואיק.
יענער איז צוגעקומען, זיך געזעצט אויף דער באַנק נעבן ברודער און ווען ער האָט געהאַט די האַנט אויסגעצויגן, האָט ער שוין געהאַט פאַרגעסן, אַז ער האָט נאָר וואָס געשמייכלט און געפילט, אַז ער דאַרף זיך אָנטאָן אַ גרויסן כח, כדי צו פאַרשטיין, וואָס יענער רעדט צו אים.
יענער האָט געזאָגט:
—נו, וואָס?
בלומענבערג האָט אַ צו געטאָן מיט די אַקסלען אוןביידע האָבן געשוויגן שווער און רואיק, ווי עמיצן אויף להכעיס. זיינען זיי אַ ווײַלע אַזוי געזעסן, האָבן זיי אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן דאָס אויפגעשטאַנען יום־טוב נאָכן בייטאָגיקן שלאָף. דערנאָך האָט בלומענבערג זיך געשטאַרקט און געפרעגט:

—וואָס הערט זיך אין שטאָט?
—אַלץ דאָס אייגענע.

און ער האָט אָפּגעזיפצט.

בלומענבערג האָט ווידער געשוויגן, נאָר מיט אַמאָל האָט ער גענומען ריידן נישט צום ברודער, נאָר גלאַט אַזוי אין ליידי־קייט אַריין:

—מען האָט דאָך עפּעס געזאָגט... כ׳ווייס... ניקאָלאַיעוו, כער־סאָן...

—אַז זיי זיינען געפאַלן? ווייס איך וואָס מען רעדט אַלץ... פּוסטע מעשיות.—האָט דער ברודער פאַרזאָרגט געענטפערט—געע־טראָפן דאָס אָרט. אָט די באָלשעוויקעס וועלן דיר אָפּטרעטן!... זיי טראַכטן אַפילו נישט פון אַוועקגיין... זיי האָבן זיך שוין איינמאָל אָנגעזעצט אויף אונזער לעבן... ווער קען עס אויס־האַלטן?—מיין חיהלע איז שוין אויס מענטש. די דינסט טוט טאַקע אָן שרעקלעכע צרות: דאָס—וויל זי נישט טאָן, יענץ—פּאַסט איר נישט, און ווינדעלעך?—מעג די „באַרינע" אַליין וואַשן. נאָך זעקס דעם זייגער—דאַרף זי אַוועקגיין. זי איז, זאָגט זי, אויך אַ מענטש: קורסן, שמורסן, דאָס שוואַרץ יאָר ווייסט זי...

דאַן האָט בלומענבערג זיך אויסגעדרייט צום ברודער, האָט קרום אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

—און מיין רבקהלען געפעלט עס גאָר? געבליבן ווי געוועזן... אַ שאָד גאָר, וואָס זי איז אין דער פרעמד, אַזש אין אָדעס, קען זי דאָ נישט די „טאָוואַרישטשעס". ווען זי איז אין דער היים—גייט זי דיר אַליין מיט דער פאָן—וואָלט נאָך אַ „קאָמי־סאַרקע" געוואָרן... זי פאַרשטייט איינגאַנצן נישט אונזער לאַגע.

האָט אָפּגעזיפצט, אַוועקגעקוקט אין אַ זייט, דערנאָך מיט אַמאָל אַ זאָג געטאָן:

—אַז זי דאַרף גאָרנישט, וויל גאָרנישט און פּטור. זי האָט שטענדיק געלעבט אָן דינסטן און קען ווייטער אָן זיי אויסקו־מען... פּאַר אַ גרויסע נויט—נעמט זי און ווערט דיר צוריק אַ צאָנרייסערקע...

און צוגעגעבן:

—אַזאַ אָנשיקעניש! און גיי העלף דיר!

דער ברודער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און בליומענבערג איז איצט געווען אויפגערעגט. האָט ער זיך אויפגעשטעלט. אַריינ־געוקט די הענט אין די הויזנקעשענעס און אָנגעצויגן דעם שטערן:

—אין געשעפט איז קיינער נישט געווען?

—אַפילו קיין משוגענער הונט נישט.

און דער ברודער, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ היטלמאַכער, האָט שטיל און געלאַסן זיך אָפּגעזאָגט:

—מיר זיינען פאַרלוירן.

דאָ האָט זיך בליומענבערג דוקא צושמייכלט און געזאָגט מיט זיכערקייט:

—נישקשה, מיר וועלן זיי איבערקומען... וואָס זשע? אַלץ איז שוין טאַקע הפקר? אַט אַזוי אָ וועט עס טאַקע בלייבן? און אייראָפּע? אייראָפּע וועט שווייגן?!

—אייראָפּע. פאַרוואָס זשע זיינען די פראַנצויזן אַוועק? און פאַר וואָס שווייגן זיי איצט, זיי שטיין דאָך מיט די שיפן אויפן ים?

—אָבער ס'איז דאָך לעכערלעך, מען וועט דאָך אַזאַ רציחה נישט שווייגן... קוק צו דאָס גרייטע.

דער ברודער האָט זיך סקעפּטיש באַצויגן צו די פאַרזיכערונ־גען. ער אַליין האָט אויך געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָס, וואָס ער האָט נאָר וואָס געזאָגט, איז שוין גאָרנישט אַזוי זיכער.

עס האָט שוין געטונקלט. די זון איז שוין אינגאַנצן געווען פאַרלאָשן. די ביימער—שוין אינגאַנצן פאַרשאָטנט און נאַכטיק. און דאַן, האָט דער, וואָס זעט אויס ווי אַ היטלמאַכער אַ קוק געטאָן אויפן זייגער און דערנאָך געזאָגט:

—ביי מיר אין שטוב ליגן די שטיקלעך זיידענס. טאָמער וואָס, ווען... וואָלט אפשר גלייכער געווען זיי זאָלן ליגן ביי דיר?

—און ביי מיר?

—כ'ווייס. ס'איז אַרויס פון שטאָט, נעבן ים. . ווער וועט קומען אַהער?
—ס'הייסט: צום ים פוילן זיך די „לייט" צו גיין, קענען נישט טרעפן?
און צוגעגעבן:
—מען וועט צו דיר אויך נישט קומען.—און האָט דערביי אַראָפּ־געלאָזט די אויגן.
דערווייל איז אָנגעקומען גרינבוים. אָט דער שכן, וואָס „איז ביי זיך אַ גאַנצער מאַכער" און „איז כמעט אַ שטיק מיניסטער". יענער איז געגאַנגען מיט אַ געקנייטשטן שטערן, זיך געהאַלטן זייער לייטיש, ווי ער וואָלט געוואוסט, אַז ער טוט אַ גרויסע זאַך פאַר דער מענטשהייט און אַז זיין זיצן ביי די פינאַנסן—איז אַזאַ גרויסער אויפטו, וואָס מען וועט עס איצט מיט יאָרן שפּעטער אָפּשאַצן. בליומענבערג האָט געוואָלט צו אים צולויפן, נאָר דער ברודער האָט אים געשטערט, האָט ער זיך נאָר גע־גריסט מיט אים פון ווייטן און צום ברידער געזאָגט:
—נו, גיי אַהיים, עס ווערט פינצטער, מען וועט שוין באַלד אָנהייבן שיסן.
—און ווען שיסט מען דען נישט?—האָט דער ברודער גלייכגיל־טיק געענטפערט און באַלד זיך געזעגנט.
גרינבוים—אָט דער, וואָס איז געווען אַמאָל אַ העברעאישער לע־רער און איצט אַזאַ ערנסטער „פינאַנסיסט", איז צוגעגאַנגען נענטער צו זיי און מיט ערנסטע אויגן באַטראַכט דעם הויף, ווי ער וואָלט געטראָגן זיין ערנסט צו מענטשן, צו ווייזן: „אָט ווי ערנסט מען דאַרף זיין אין אַ צייט פון סאָציאַלע רעוואָלו־ציע". דער ברודער, וואָס איז שוין אַוועקגעגאַנגען, האָט פאַר אים אַראָפּגענומען דאָס היטל און גרינבוים האָט אים געענט־פערט צולייגנדיק צוויי פינגער צום היטל.
בליומענבערג האָט דערשראָקן און קלוג אַ טראַכט געטאָן:

—אַ גאַנצער מאַכער אָט דער גרינבוים.
איז צוגעגאַנגען צו אים, אים געדריקט די האַנט:

—און וואָס הערט זיך?
גרינבוים האָט אַ באַוועג געטאָן מיט ערנסטן שטערן און אָפּ־געשוויגן.
—זיצט אַ ווײַלע.
גרינבוים האָט איצט געשמייכלט און אַז ער האָט זיך געזעצט האָט ער גלייך געזאָגט:
—וואָס־זשע? איר וואַרט נאָך אַלץ אויף די פּראַנצויזן?
איז בלומענבערג עטוואָס רויט געוואָרן. האָט עס אויסגעזען, ווי מען וואָלט אים ביי אַ זינד געכאַפּט:
—וואָס הייסט, איך וואַרט?
—וואָס זשע, איר וואַרט שוין נישט? איר זענט שוין אפשר אַ באָלשעוויק?
—און וואָס אייגנטלעך שפּאַסט איר אַזוי? איך בין דען קעגן סאָציאַליזם?
—נאָר מיט אייגענע פּאַבריקן?
—חכמות. איך אַליין האָב דען נישט געאַרבעט מיט די פּ.פּ.ס.? פרעגט נאָר מיין פרוי!
—דעמאָלט, זענט איר מסתּם געווען אַן אָנגעשטעלטער ביי יענעם. אַ יאָ?
—אָבער גאָט מיין איינציקער! איז דאָך נאָך ביי אַ מענטש פּאַראַן עפּעס בילכערס פון געלט אויך... אַז איר לאָזט קיין וואָרט נישט אויסריידן.
גרינבוים האָט זיך גוטמוטיק צעשמייכלט.
—נאָר שרייט נישט.
—איך ווייס גאַנץ גוט... איך אַליין בין גאַנץ ווייט פון רעאַקציע. רוסלאַנד דאַרף זיין אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק און שוין... ווייל ס׳איז דאָך פּשוט לעכערלעך: אַזאַ אָפּגעשטאַנען לאַנד, אדרבה, ווי אַזוי וועט איר אויסקומען אָן „פּראָמישלענאָסט״? ס׳איז דאָך פּשוט נישט אויסגעהאַלטן.
—ווי אַזוי זשע זענט איר אַ סאָציאַליסט?
—אַ פאַרגלייך אַ ביסל, און אַז מען איז אַ סאָציאַליסט דאַרף מען זיינער אַ משוגענער? דיקטאַ־טור פון פּראָלעטאַריאַט! ס׳איז דאָך

ריין משוגעת! ווער? אָט די „כּלאָפּעס" וועלן געבן דער וועלט אַ נייע תּורה? און נאָך–וואָס הייסט דו קומסט צו מיר און נעמסט צו ביי מיר אַלץ, וואָס איך האָב פאַרהאָרעוועט?

גרינבוים האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ שמייכעלע, געשוויגן און געטראַכט נאָר איין וואָרט „ספּעקוליאַנט". בליומענבערג האָט זיך געקאָכט און נישט אויפגעהערט צו ריידן, ווי ער וואָלט איצט געטראָפן די מעגלעכקייט אויף וועלכער ער וואַרט שוין לאַנגע יאָרן. נאָר מיט אַמאָל האָט ער דערזען דעם קרומען שמייכל אויף גרינבוימס ליפּן, האָט זיך געכאַפּט און אָנגעהויבן פינטלען מיט די אויגן אויסלאָזנדיק:

–איך פאַרשטיי, אַז מען דאַרף פאַרגרינגערן די אַרבעטער... אָבער נישט זיי זאָלן ווערן בעלי־בתּים.

–די צרה איז אָבער, וואָס זיי פרעגן נישט קיין דעה ביי דער בורזשואַזיע!

אָט אַזוי האָט גרינבוים אַ זאָג געטאָן און יענער איז מיט אַמאָל אָפּגעקילט געוואָרן. געבליבן זיצן אַזוי, ווי ער וואָלט זיך אומ־געקערט אין מיטן רעדן און דערזען, אַז דער, צו וועמען ער האָט גערעדט, איז שוין נישטאָ נעבן אים.

–ס'הייסט: דער אַרבעטערקלאַס ווייסט, אַז די בורזשואַזיע זיי־נען פרעמדע... און וויל נישט וויסן נישט זייער לאָגיק און נישט זייער „פּראָמישלענאָסט."

מיט אַמאָל האָט בליומענבערג אויסגעשטעלט אַ צעוויייטאָקט פּנים:

–וואָלט כאָטש שטיל געוועזן. איר האָט די מאַכט?–שוין. וואָס זשע שיסט מען נאָך גאַנצע נעכט. נאָר מען שיסט און מען שיסט. מען קען נישט אַנשלאָפן ווערן.

–אַזוי מורא האָט איר פאַר שיסערייען?

–מורא?... וואָס האָב איך מורא צו האָבן? נאָר די נערוון... די נערוון טראָגן עס נישט איבער...

און דאַן האָט ער באַמערקט, ווי פון שטוב גייט זיין רבקהלע און אָנגעהויבן ריידן פון דעם, וואָס ער ליידט שטאַרק אויף

די נערוון, און אַז יעדער שאָס נעמט צו ביי אים אַ שטיק געזונט...

*　　　　*　　　　*

דאָס ווייבל איז געגאַנגען מיט מידע נאָך שטאָלצע טריט. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שניי־ווייסער בלוזקע, און דאָס פּנים אירס איז געווען בלייך, ענערגיש און רואיק. די האָר־טונקלבלאָנדע און גלאַטע, פאַרקעמט יידישלעך און חנעוודיק מיט אַ שכינט אין מיטן און האַלב פאַרדעקט די אויערן. זי איז צוגעקומען שטיל און די ליפּן צונויפגעפּרעסט, ווי זי וואָלט פאַרבאָרגן עפּעס אַ כעס.

גרינבוים האָט זיך אָפּגערוקט און געמאַכט אַן אָרט צווישן זיך און בלומענבערגן, נאָר זי האָט זיך געזעצט אין גרינבוימס זייט.

—און איר?—זענט אויך אַזאַ קאָנטר־רעוואָלוציאָנערקע ווי אייער מאַן?

זי האָט געשמייכלט מיט שמאָלע ליפּן און ביי בלומענבערגן האָט די אונטערשטע ליפּ אַ ציטער געטאָן:

—אויב מען איז נאָר נישט קיין באָלשעוויק, איז מען שוין אַ קאָנטררעוואָלוציאָנער? איר, גרינבוים, האַלט אויך פון די נאַ־רישקייטן?

—ווער ס'איז קעגן סאָציאַליזם, דער איז פאַר רעאַקציע.

—דאָס זאָג איך דאָך אויך.—האָט געזאָגט דאָס ווייבל מיט דעם ענערגישן בלייכן פּנים און דערביי אַ בייג געטאָן מיטן קאָפּ, ווי זי וואָלט גאָרנישט פאַרשטאַנען, ווי דאָס קען אַנדערש זיין.

—און איך בין דען קעגן? איך ווייס אָבער, אַז עס וועט נישט אויסהאַלטן.

—פאַרוואָס מיינט איר אַזוי?

—אָט וועט איר דאָך זען.

—וואָס? די אַנטאַנטע אפשר?

—און טאַקע די אַנטאַנטע.

—פאַר וואָס זשע זיינען די פראַנצויזן אַנטלאָפן? און פאַרוואָס האָט מען זיי געבראָכן די ביינער ביי כערסאָן? זיי זיינען דאָך אַנטלאָפן ווי דער פעפער וואַקסט.

דאָס ווייבל האָט געקריגן גרויסע אויגן, ווי זי וואָלט זיך שטאַרק געוואונדערט, וואָס גרינבוים ווייסט נאָך גאָרנישט, אַז כערסאָן א ז געפאַלן.

—זיי האָבן דאָך פאַרנומען די שטאָט?—האָט דאָס ווייבל זיך אויפגעשטעלט.

—ווער?

—די פראַנצויזן!

גרינבוים האָט זיך צעלאַכט. האָט זיך אָנגעהויבן שאָקלען לאַכנ־דיק און בליומענבערג איז געוואָרן בלייך, אָפּגעהוסט און געזאָגט:

—האָבן זיי נישט פאַרנומען—וועלן זיי פאַרנעמען... וואָס דען? מען וועט זיי טאַקע לאָזן טאָן, וואָס זיי ווילן?... וואָס? אַלץ איז שוין טאַקע הפקר? אין אַזיע געפינט מען זיך?!

גרינבוים האָט אַלץ געלאַכט.

II

ביי דער וועטשערע אין שטיבּ, איז בּליומענבּערג געזעסן אַ שווייגנדיקער און אַ בּייזער. אים איז אויסגעקומען, אַז רבקהלע זיצט אַ צעפּרידענע און בּשעת מעשה געטראַכט פון דעם, אַז אייגנטלעך בּאַהאַלט ער זיך פון איר, קען פאַר איר נישט דערציילן, וואָס אים דריקט אויפן האַרצן. רבקהלע האָט אויך געשוויגן, זי האָט אויסגעזען בּאַליידיקט און די אַלטע שוויגער האָט געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געקוקט אויף אירע געשרימפּענע ווייכע הענט, וואָס זיינען אויפן טיש גע־לעגן און די ליפּן זיינען איר געווען ווי צוזאַמענגעקלעפּט.

ער האָט געגעסן לאַנגזאַם און פאַרטראַכט, ווי ער וואָלט שוין געהאַט פון אַלעמען זיך מיאש געווען, און האָפט שוין נישט, אַז זיין גורל זאָל אַנדערש ווערן: ער פילט, ווי די שווערקייט, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ איבּער זיין קאָפּ, רירט שוין אָן די שפּיצן פון די האָר.

—און וואָס האָט דאָ געטאָן בּערל?

אַזוי האָט רבקהלע אַ פרעג געטאָן און נישט אויסגעדרייט צו אים דעם קאָפּ, פונקט ווי ער וואָלט נישט געזעסן אין איין זייט מיט איר, נאָר קעגנאיבער.

—גאָרנישט.

—ער זעט ווי ס׳ זייער שלעכט. איז שטאַרק צושראָקן.

—און דו—מיינסט, דו זעסט אויס בעסער?

—איך?—זי האָט דערזופּט די טיי פון גלאָז—איך שרעק זיך אָבער נישט... מילא, איז אָן אַ באָנע.

האָט ער שוין געוואוסט, אַז דאָס צילט זי אין חיהלען, די שוועגערין, וואָס איז דאָ געוואָרן אַ גאַנצע מאַדאַם און אַז זי גייט דורך די שטוב—טרעט זי אַזוי געלאַסן, ווי זי וואָלט דאָס עמיצן צוליב געטאָן.

—און ווער, אַ שטייגער האָט דיר געשטערט צו האַלטן אַ באָנע?

—איך? צו וואָס דאַרף איך באָנעס?—האָט דערביי איבערגערוקט די צוקערניצע אויפן טיש—איינמאָל איז אונזער סטאַשעק שוין נישט קיין פּיצל קינד, און צווייטנס—איך, פאַרשטייסטו מיך, בין נישט קיין אויסגעפּיעשטשעטע דאַמע, איך בין זיך אַ ווייבל, וואָס האָב קיינמאָל נישט געאַרבעט אויף קיין פאַבריק און בלאָז אויך איצט נישט פון זיך.

ער האָט גאָרנישט געענטפערט און נאָר אָפּגעקומען מיט אַ בייזן בליק: אָט האָט שוין די שוויגער אויפגעהויבן די אויגן און די אונטערשטע ליפּ אירע מיט דער געקנייטשטער גאָמבע ציטערן שוין... און אָט זיצט דער קליינער סטאַשעק מיט גרויסע, קיי־לעכדיקע אויגן, אַז עס נעמט אָן אַ רחמנות אויף אים.

—און אַריינקומען אין שטוב האָט אים שוין נישט געטראָגן דאָס האַרץ? ס׳פּאַסט אים נישט דעם גביר דיינעם?...

אַזוי האָט רבקהלע ווידער געלאָזט פאַלן אַ פראַגע און זיך פאַר־שפּיצט צעשמייכלט.

—לאָז צורו—האָט ער געזאָגט שטרענג און בעטנדיק—עד איז גע־קומען וועגן געשעפט און האָט זיך געאיילט אַהיים... עס ווערט דאָך נאַכט, און די „רוצחים״...

און ער האָט פאַרגעסן, מיט וואָס ער האָט געוואָלט ענדיקן די פראַזע.

—זאָגסט דאָך, אַז ביי די באָלשעוויקעס זיינען קיין שום געשעפטן נישטאָ?

דאָ האָט ער אויסגענוצט די מינוט, וואָס מען לאָזט אים נישט רועןָ—האָט געמאַכט אַ בייזע מינע, באַקומען אַ פּנים פון אַ מענטשן, וואָס ווערט כּסדר פאַרפאָלגט, איז ער האַסטיק אויפגעשטאַנען און אַריין אין צווייטן צימער.

ער איז געלעגן אויף דער קושעטקע און געהערט, ווי דאָרט בייזערט זיך די שוויגער אויף חיהלען „וואָס האָט דאָ פאַרכאַפּט דאָס גאַנצע גוטס״ „אוודאי, ער איז זיך דאָך געווען דאָ אַ בחור און זי איז דאָך אַ שיין ווייבל״... און רבקהלע לאַכט דערביי מיט יענעם ווייבערישן געלעכטערל, נאָך וועלכן מען קען אַריינפאַלן אין היסטעריקע און אָנהייבן מאַכן קולות. בשעת מעשה האָט בליומענבערג געטראַכט, אַז עס איז געווען אַ גרויס נאַרישקייט פון זיין זייט, וואָס ער האָט געכאַפּט און געשיקט געלט זיי זאָלן קומען פון וואַרשע. און נאָך וואָס האָט ער נאָך געדאַרפט האָבן דאָ די שוויגער? און צו וועלכע רוחות האָט עס אָנגעטראָגן דעם דייטש ער זאָל ווערן בעל־הבית אי דאָ אין אָדעס אי דאָרט אין וואַרשע און מאַכן אַן אָפענעם וועג פון וואַרשע ביז אָדעס? און מיט אַמאָל איז אים קלאָר געוואָרן, אַז צווישן אים און רבקהלען איז אויסגעוואַקסן אַ וואַנט, אַז זיי זיינען פאַרפרעמד געוואָרן. ער דערקענט זי טאַקע נישט: דאָרט אין וואַרשע האָט זי זיך אָפּט געברוגזט און געהאַט טענות, אַלמאי ער האָט נישט אין זינען די שטוב און לויפט שטענדיק אַרום אויף פאַרזאַמלונגען און... בכלל איז זי דאָרט געווען אַן אַנדערע... און דאָ—מאָדנע, פונקט ווי דאָס, וואָס ער האָט דאָ אויפגעבויט אַ קאַנטאָר און האָט צוזאַמען מיטן ברודער אויפגעבויט אַ גרויס געשעפט, האָט זיי פאַרפרעמדט... און ווי אויף צו להכעיס דערמאָנט זי אים כּסדר אָן זיין קבצנות פון וועלכן ער האָט שוין פאַרגעסן.

און אַז ער האָט געטראַכט פון דער פרעמדקייט, וואָס ער פילט

בײַ זיך אין שטוב, איז אים אויסגעקומען צו געדענקען, אַז דאָרט זיצט חיהלע מיט דעם בלײכן צאַרטן פּנים און גרויסע שוואַרצע אויגן און איז שווײַגנדיק פּונקט ווי דער מאַן אירער... זי ווײסט... אַז די שטאָט איז אין די הענט פון „רוצחים", זי פאַרשטײט די לאַגע, ווען איצט וואָלט נישט געווען אַזוי שפּעט, ווען מען וואָלט נישט געשאָסן אין די גאַסן... און ער האָט מיט אַמאָל דערפילט אַ רחמנות צו זיך, וואָס ער איז פאַרמשפּט צו פרעמדקײט...

רבקהלע איז אַרײַנגעקומען און זיך גענומען בעטן די געלע־גערס, דערבײַ האָט זי געלאַסן גערעדט טאָענדיק איר אַרבעט און נישט אויסקערנדיק דעם קאָפּ:

—איך ווײס אײגנטלעך נישט, וואָס מען איז אַזוי בײז. נישט איך בין דער באָלשעוויק און נישט איך האָב אָפּגעשטעלט דעם האַנדל. וואָס זשע איז דאָ פאַראַן אַזוי בײז צו זײַן?

—ווער איז דען בײז?

—נישט איך.—האָט זי איבערגעקלאַפּט אַ קישן און אַלץ אַזוי גע־לאַסן—און אַז אַזאַ פּריצעטע ווי חיהלע, וועט נישט האָבן קײן דרײַ דינסטן, איז וואָס? פון ווען אָן איז זי דאָס געוואוינט געוואָרן אי צו אַ דינסט, אי צו אַ קעכין, אי צו אַ באָנע?

—רעדסט דאָך אַזוי נישט אינטעליגענט—האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ גרײט אָנצופאַלן.

איצט האָט ער געפילט, ווי אָט די רבקהלע, וואָס איז אַמאָל אין וואַרשע געווען אַ געבילדעטע, רעדט אַצינד מיט דער שפּראַך פון איר מוטער. אָט די אַלטע שוויגער קען זיך נישט שענקען, וואָס דער ברודער איז אַ שותּף און „זײַן ווײַב, די אויסגעפּוצטע שײנע מרײנע גײט אַרום פּוסט און פּאַסט".

—אָבער חיהלע, איז זײער אינטעליגענט?!

אַזוי האָט זי זיך אָפּגעזאָגט רואיק און געלאַסן און אין איר קול האָט זיך געפילט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט געוואָרנט.

ער איז מיט אַמאָל געוואָרן אָפּגעקילט, אײן ווײלע אין זינען

געהאַט אײנגאַנצן צו שװײגן, ער האָט אָבער געפילט, אַז זי װעט זיך בײ דעם נישט אָפּשטעלן, האָט ער זיך אױפגעזעצט און פאָרזיכטיק און דערשלאָגן אָנגעהױבן:
–און איך װײס אײגנטלעך נישט, װאָס דו װילסט פון מיר. נאָך װײניק צרות האָב איך, קומסטו און פײניקסט מיך נאָך.

זי האָט נאָר אָפּגעשטעלט אױף אים אַן אומעטיקן בליק און זיך צוריק גענומען צולײגן גלײך די קישנס.
ער האָט זיך אױפגעשטעלט:
–כ'האָב װײניק פון די באָלשעװיקעס... ס'איז דען באָלשעװי־קעס? אַ מגפה איז עס... סדום איז עס... און בכלל איז עס דאָך אַ נאַרישקײט: װעמען אַ שטײגער קען עס אַרן, װאָס חיהלע פירט זיך אַזױ אָדער אַנדערש? און פאַר װאָס טאַקע נישט? געלט, גאָט צו דאַנקען, איז פאַראַן, דאָס געשעפט איז געגאַנ־גען גוט, איז פאַר װאָס זשע נישט? אײביק מוז מען זײן פאַר־קבצנט? אַז גאָט העלפט.
–שוין, ביזט שוין גאָר אַ פרומער אױך געװאָרן. גלײבסט שוין אין גאָט אױך.
–און װער לאָזט דיך נישט?–האָט ער איר פראַגע פאַרשװיגן–איך האָב דיר װען עס איז עפּעס געזאָגט? אַז גאָט װעט העלפן, מען װעט דאָס „אומגליק" איבערקומען, איז אדרבה... מאַכט מען זיך אױך קלײדער, האַלט מען אױך דינסטן.
–אַז איך דאַרף דאָס אָבער נישט.
–טאָ װאָס זשע אַרט דיך, אַז אַן אַנדערע דאַרף עס יאָ?

–מיך אַרט? פון מײנעטװעגן מעגסטו איר קױפן אַפילו ברי־ליאַנטן און דימענטן און דרײ קראַקולענע סעק.
ער האָט אױסגעשטעלט הילפלאָזע אױגן, װי ער װאָלט געזאָגט: „געװאַלד, װי װערט מען פטור פון דעם."
דערנאָך האָט זי צוגעגעבן:
–ביזט דאָך אַמאָל אַ סאָציאַליסט געװען, ביזט דאָך געלאָפן אױף דער „בירזשע", און פלוצלונג נעמט מען און מען װערט אַ

בורזשוי, און עס גייט אין לעבן נאָר רייך צו זיין, און אַלץ צוליב וואָס? נישט חס ושלום צוליב זיך: צוליב אייגן ווייב און קינד, נאָר צוליב דעם, אַז חיהלע, די „מעלאָטשניצעס" טאָכטער, זאָל האָבן באָנעס מיט בריליאַנטן מיט קאַראַקולענע סעק. אַ קלייניקייט אַ ביסל! אַנדערש טויג איר נישט, גאַנץ גלייך, וואָס עס זיינען געקומען באָלשעוויקעס.—און אויסגעלאָזט מיט אַ שטיל שטעכיק געלעכטערל, וואָס האָט ווי אַן עגבערל אַרייגגעדרילעוועט אין לײדיקייט.

ער האָט געשפּאַנט שווייגנדיק און גאָרנישט געענטפערט. ער האָט געפילט, אַז אים איז שלעכט און דערפאַר איז ער גע־וואָרן ביי זיך יחוסדיק. און זי האָט טרויעריק געטראַכט פון דעם, וואָס אָט די „פאַבריק־מויד" ליגט אים שטאַרק אין זינען... נישט אומזיסט האָט ער זיך דאָ געהאַלטן גאַנצע דריי יאָר און יוצא געווען אָן איר... זי איז דען נישט גערעכט די מאַמע? נאָך אַ מין גערעכט...

שפּעטער, ווען זי איז שוין געלעגן אין בעט, האָט זי געהאַלטן פאַרמאַכט די אויגן און אַלץ געטראַכט פון דעם, וואָס אָט די חיהלע—פייגעלע די „מעלאָטשניצעס" טאָכטער—איז געוואָרן זייער גרויס ביי זיך, און אַז זי טוט שוין די טובה און רעדט עפּעס, רעדט זי אַזוי געלאַסן און אויסגעצויגן, ווי זי וואָלט געליטן אויף מיגרען... און פון דעם, וואָס אירע נעגל זיינען מאַני־קירט און דער האַלז אירער איז אַ פּולער, אַ מאַטער און אַ קלאָרער. ווען זי זיצט און רעדט, זיצט יוסף אַזש דערשראָקן און שמייכלט איר גלייך אין פּנים אַריין... און דאַן האָט זיך אין איר אויפגעהויבן אַזאַ הייסעס, וואָס איז אונטערגעגאַנגען ביז אונטערן האַרצן. איר האָט זיך געוואָלט אַרויסלאָזן סתם אַ גע־שריי אָן ווערטער. האָט זי עס אָבער נישט געטאָן און נאָר שטאַרק צעגויפגעדריקט די ליפּן און אַ שוידער געטאָן.

—ווי פאַרגרעבט ער איז עס געוואָרן. עפּעס האָט ער זיך אַזוי אָנגעגעסן, באַקומען אַזאַ בויך, דאָס פּנים איז אַזוי פעט־רויטיק און ער כראָפּעט גאַנצע נעכט... און אויפן קאָפּ די גרויע האָר... אויך נישט אומזיסט. ער איז גאָרנישט דער וואָס אַמאָל...

און שטיל, גאָר שטיל, אַז זי האָט אַליין נישט געהערט, האָט זי אַרויסגעשעפּטשעט:
—נאַ זשע דיר באָלשעוויקעס און אויס... אויס באַנעס, אויס בריליאַנטן...
בליומענבערג איז געלעגן מיט פּנים אַרויף, די הענט אונטערן קאָפּ פאַרלייגט, האָט געקוקט גלייך אין פענסטער. די נאַכט איז געווען אַ העלע, און אין דער העלקייט האָבן געצאַפּלט די בלעטלעך פון די ביימער. פון ערגעץ ווייט האָט זיך געטראָגן אַן אויסגעצויגן קול, ווי עמיצער וואָלט גערופן מען זאָל זיך אָפּשטעלן און אומקוקן. נאָך דעם האָט די העלקייט אַ ציטער געטאָן, אַ שאָס פון אַ ביקס האָט ווי אַ לויפנדיקע שפּיז אַ שניט געטאָן אין דער ליידיקער שטילקייט.
אים איז אויסגעקומען, אַז ערגעץ ראַנגלט זיך עפּעס, ראַנגלט זיך מיט אַלע כחות... און ווער ווייסט ווער ס'וועט גובר זיין... אַז „זיי" וועלן גובר זיין, קומט אויס אונטערצוגיין, אויף אייביק אומצוקומען. גיי איצט און פאָר צוריק קיין וואַרשע און ווער צוריק אַ סעקרעטאַר אין אַ ליי און שפּאָר קאַסע, אָדער אַ געהילף בוכהאַלטער אין אַ געשעפט...
דערנאָך האָט ער געטראַכט, וואָס אַלע צרות נעמען זיך דערפון, וואָס אָט דאָס ווייבל איז אים לחלוטין פרעמד. בכלל איז זי אויסגעדאַרט און מיאוס. און פון דער גאָמבע ביז איבער דער ברוסט ציען זיך דינע אָדערלעך, דערצו קען זי זיך נישט אָנטאָן, ווי זי וואָלט עס געטאָן מיט אַ כיוון אים צו באַליידיקן. און ווען ער האָט דאָס געטראַכט, האָט ער געזען חיהלען מיט דעם ווייסן פּנים און שוואַרצע אויגן און אַ שמייכל שפּילט זיך אויף די רויטע ליפּן.
און דאַן האָט ער פאַרזונקען אין אַ ווייכן חלום. און געדענקט אין אָוונט... און נאָכדעם האָט ער געטראָפן ביי חיהלען אין שלאָפצימער—ווי די בעטן זיינען צערוקט און צווישן זיי שטייט אַ רויט ניי טישל.
רבקהלע האָט אָפּגעהוסט און מיט אַ ראשיקער באַוועגונג זיך אויסגעקערט אויף איר געלעגער, דערפון האָט ער זיך דער־

שראָקן און איבערגעריסן זיין טראַכטן.

איצט האָט ער זיך אויסגעדרייט און צוגעמאַכט די אויגן. אין אים האָט בלינד געלעבט אַ זיכערקייט, אַז אַלץ וועט דורכגיין און דערווייל דאַרף מען איינשלאָפן. נאָר פּלוצלונג האָט זיך דורכגעריסן אַ שווערער קנאַל, כמעט אונטערן פענסטער און ער האָט אַ צאַפּל געטאָן.

ערגעץ האָט אַ באָמבע געפּלאַצט. עס האָט אויפגעריסן און אַ פאָנטאַן האָט זיך שטראָמיק צושפּריצט. נאָכדעם איז געוואָרן אַ שיסעריי. ער האָט זיך אויפגעזעצט און געפילט, אַז ער איז שטאַרק בלייך געוואָרן.

—רבקהלע! רבקהלע!

—וואָס איז?

—האָסט געהערט?

—געהערט, געהערט...

—און דאָס געפעלט דיר?

—לאָמיך צורו!

ער האָט פאַרביסן די ליפּן: ס׳איז דאָך שרעקלעך, ווי אַזוי לעבט מען צווישן שונאים?

און האָט שטיל אָפּגעזיפצט.

III

מ׳האָבן זיך געצויגן זוניקע טעג. איבער די גאַסן זיינען געלאָפן אויטאָמאָבילן, געלאָפן מיט אַ ציל, מחמת די, וואָס זיינען געזעסן אין זיי, האָבן צווישן זיך נישט גערעדט און דער ווינט האָט צוריקגעריסן די דענקעס פון זייערע היטלען, און דאָס האָט נאָך פאַרשטאַרקט די ערנסטע פאַרטראַכטקייט פון זייערע פנימער.

אין דער זוניקער ליידיקייט איז געשטאַנען דאָס שאַלן פון מיליטער: ס׳האָבן זיך געטראָגן פון ווייטן „הוראַ״-געשרייען און נאָך זיי האָבן געציטערט די טענער פון „אונטערנאַציאָנאַל״— מאָדנע זיינען די טענער פון „אונטערנאַציאָנאַל״ יעדעס אויער דערהערט זיי און אין זיך הויבט עס אָן מיטצוזינגען... ביי די קאַזאַרמעס אונטער דער שטאָט זיינען פאָרגעקומען מיטינגען.

פאַר די טויערן, אין די גאַסן, זיינען געשטאַנען מענטשן, וואָס האָבן געטראָגן היטלען מיט דאַשקעס ווי זיי וואָלטן אונטער זיי עפּעס בייז פאַרנאַכטיקס פאַרהוילן. אַ סך פון זיי זיינען שוין

לאַנג נישט געווען ראַזירט און איבער די פּנימער האָבן געשוועבט שאָטנס פון ערוואַרטונג. און טאַקע צוליב דעם וואַרטן האָט בלומענבערג לחלוטין אויפגעהערט ריידן. עפּעס איז ער שוין געווען גרייט צו אַלעם. אַפילו, צום אָנהייבן הונגערן.

אין קאַנטאָר ביי בלומענבערגן איז געווען שטאַרק ליידיק. אַ פוסטקייט האָט זיך דאָרט באַזעצט און אַרויסגעקוקט פון אַלע ווינקלען און פון די פּאָליצעס אַראָפּ. ווי אַ שטייגער אַלע פון דער געגנט זיינען זיך צעלאָפן. האָט אַמאָל אַהין פאַרבלאָנדזשעט אַ סוחר—האָט ער אויסגעזען חול המועדיק־רואיק. ער האָט נישט גערעדט מער וועגן: „איבערדרייען דאָס ביסל סחורה״ וועגן „פּאָמס וואָס איז אַ זיכער אַרטיקל און קען אַרויפּרייסן ביז צוויי הונדערט מיט אַ שמיצל נאָך״... ער איז אַרויפגעקומען גלאַט אַזוי זיך: „אדרבה, ווי מיינט אַ שטייגער בלומענבערג, ער פאַרשטייט דאָך עפּעס אַ זאַך, צי טאַקע וועט דאָס אומגליק נאָך לאַנג האַלטן? אדרבה, וואָס אַ שטייגער קען זיי נוצן אַזאַ סחורה? אַז סך־הכל איז עס גאַלענטעריי?״
אויף דעם האָט בלומענבערג כּלל נישט געענטפערט, ער האָט נאָר אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.
—וואָס זשע? איז טאַקע פאַרפאַלן? וועלן מיר שוין גאָר קיינמאָל נישט אויסגעלייזט ווערן פון די צרות?
דער ברודער, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ היטלמאַכער—האָט דערביי געשמייכלט, פונקט ווי ער וואָלט בסוד געוואוסט אַזאַ וויכטיקע זאַך, וואָס אַנדערע וועלן זיך עס דערוויסן ערשט מיט אַ צייט שפּעטער. ער האָט דאָס געגעבן אָנצוהערן דורך דעם שמייכלען מיט דער נאָז און קנייטשנדיק אַרום די אויגן.
—מילא, מיר וועלן שוין זען.
האָט דער באַקאַנטער סוחר אָנגעהויבן בלאָנדזשען מיט פאָרשנדיקע בליקן איבער די פּנימער פון די בלומענבערגס און וויידער געפרעגט:
—וואָס זשע, איר ווייסט עפּעס? איר האָט עפּעס געהערט?

דאַן האָט יוסף בלומענבערג אויך אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט רואיק און זיכער:

—ס׳וועט שוין מסתם עפּעס זיין.

—וואָס זשע שווייגט איר, גזלנים? זאָגט מיר אויך!

האָט יוסף בליומענבערג געקנייטשט דעם שטערן:

—וואָס איז דאָ פאַראַן צו זאָגן? איר מאַרשטייט דאָך אַליין, אַז אַזוי קען עס נישט בלייבן.

—אַזוי... מילא... איך האָב געמיינט, אַז איר ווייסט עפּעס ממשותדיקעס... מילא...

און איינמאָל אינדערפרי, ווען בליומענבערג איז געגאַנגען אין קאַנטאָר אַריין „גלאַט אַזוי זיך" פון געוואוינשאַפט, האָט ער געשפּאַנט מיט שטילע טריט און געוועזן פאַרטראַכט אין זיך אַריין. ער האָט אין זינען געהאַט אַרויפצוגיין צו דער שווע־געריו, ווייל אים איז אויסגעקומען, אַז דאָרט איז ער אין אַזאַ סביבה אין וועלכער ער קען צו־זיך קומען... נאָר מיט אַמאָל האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דערפילט, אַז אין גאַס בלאָזט עפּעס אַן אַנדער ווינטל: שוין צו אָפט האָט ער באַ־געגנט ביי די טויערן מענטשן אין היטלען, וואָס האָבן שטאַרק פאַרטאָן געלייענט די צייטונג, דערביי האָט זיך אויף זייערע פּנימער געשפּילט אַ באַהאַלטן גנביש שמייכעלע, געשפּילט ווי אַ זונפלעק וואָלט איבער זייערע אויגן און ליפּן געציטערט. מיט אַמאָל איז אים אין האַרצן גרוימער געוואָרן, ער האָט אָנגע־הויבן אָטעמען טיפער און לייכטער און זיך געלאָזט מיט שנע־לערע טריט.

איצט זיינען איבער דער גאַס געפלויגן אויטאָמאָבילן אין איין אָטעם, אַז מען האָט נישט געקענט באַמערקן צי די, וואָס זיצן אין זיי ריידן צווישן זיך אָדער שווייגן. נאָר דאָס צעטומלטקייט האָט זיך פון זיי געפילט. און ווען ער איז שוין געשטאַנען נעבן הויז פון זיין קאַנטאָר, האָט ער דערהערט מוזיק שפּילן און דערזען: טיף אין גאַס מאַרשירן זעלנער און פאַר זיי פלאַ־טערט אַ גרויסע רויטע פאָן.

„אַהאַ! מען שפּילט שוין און מען לויפט שוין... עס שמעקט שוין מיט פּולווער".

אַז ער איז אַרויפגעקומען אין „געשעפט" האָט ער געטראָפן דעם ברודער אַ שיינענדיקן. ער האָט געהאַלטן אַ צייטונג אין האַנט און געשמייכלט צופרידן און אויף זיינע נישט ראַזירטע באַקן האָט אַ לייכטע רויטקייט גערינצלט.

בלומענבערג האָט גלייך איבערגענומען די צייטונג פון זיין האַנט און אָנגעהויבן לויפן מיט די אויגן איבער די אותיות, שטייענדיק אין היטל און האַלטנדיק דעם שטעקן.

דער ברודער האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן:

—נעמט פּלוצלונג גריגאָריעוו—אָט דער אייגענער, וואָס איז איבערגעגאַנגען פון פּעטליורען און געוואָרן אַ רויטער שברויטער—און גיט זיך אַ זאָג אָפּ—אַז ער האָט גאָר נישט ליב קיין קאָמוניסטן און גיט זיי אַן עצה: זיי זאָלן במחילה זיך אומקערן קיין מאָסקווע. אַ? אַן איינפאַל אַ ביסל.

—שווייג שוין אַ ווײַלע. איך ליין דאָך... איך זע דאָך אַליין.

און אויסגעזען, ווי ער וואָלט דאָס אַ לאַנגדערוואַרטעטן בריוו דערהאַלטן.

אַז ער האָט איבערגעליינט די גאַנצע געשיכטע מיט גריגאָריעווס אויפשטאַנד, האָט ער אָפּגעאָטעמט טיפער און געזאָגט מיט ליכטיקע אויגן, אַראָפּוואַרפנדיק אַן עול פון קאָפּ:

—נו, עס נעמט שוין אַ סוף, גאָט צו דאַנקען!...

און שוין זייענדיק פּאַרטיק מיט די „רוצחים", האָט ער דאָס מאָל אויסגעטאָן דאָס היטל, אַוועקגעשטעלט דעם שטעקן און באַקומען אַ פּנים, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף סוחרים.

דערנאָך איז ער אַריין אין ווייטערן צימער, וואו די פּאָליצעס ווײַנען געווען פול מיט פאַרשידענע גרויסע און קליינע שעכטלעך, איז געבליבן שטיין און אַריינגעלאָזט די הענט אין די הויזנקעשענעס און אַזוי געקוקט פאַרטאָן און ערנסט, און אַז דער ברודער איז אַריין נאָך אים—האָט ער זיך צו אים געזענדט:

—צווישן די קראַוואַטן פעלן, דאַכט זיך, נישט קיין פאַרבן?

—כ׳ווייס, „גאָלד״ איז אַ ביסל ווייניק. פּאָמס איז אויך נישטאָ קיין סך.
—אָבער שטאָף איז דאָך פאַראַן?
—שייך צו זאָגן, מסתּם.
—ווער מען דאַרפן צואַרבעטן.
נאָר דער ברודער האָט נאָך געהאַט אַ שטיק צווייפל אויפן פּנים, אָבער ער האָט זיך שמייכלענדיק אונטערגעגעבן און געזאָגט:

—וואָס זשע... ביזט שוין זיכער?
—ס׳איז מער קיין פראַגע נישטאָ. אַבי ס׳האָט זיך נאָר אָנגעהויבן איז פיו!—ער האָט א פייף געטאָן מיט די ליפּן, עפּעס גאָר נישט ווי זיין שטייגער.
—אָבער.
—האָסט מורא?
—וואָס מיינסטו? האָסט געליינט?.. כ׳מיין די פּאָגראָמען, וואָס ער מאַכט.
—געליינט, און דו ביזט זיי מחויב אַלץ צו גלייבן? אַז זיי שרייבן איז עס דאָך אַ תורה! ס׳איז אַ ליגן. און אויב יאָ—מאַכט ער, מסתּם, נאָר אויף קאָמוניסטן.
און ער איז צוריק אַריין אין ערשטן צימער, האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש מיט פאַרטועקייט, ווי ער וואָלט געהאַט צו ערליידיקן באַשטעלונגען.
קיין סוחרים זיינען אָבער נאָך נישט געווען, כאָטש דער אַטאַמאַן גריגאָריעוו האָט שוין געהאַט אויסגעקוילעט די יידן פון עטלעכע שטעטלעך. און כאָטש ער האָט שוין געהאַט צעשניטן אַ סך קליינע קינדער און אויסגעשטאָכן די אויגן ביי אַ סך יידישע זקנים, דעריבער איז בליומענבערג געבליבן זיצן ביים טיש שווייגנדיק: האָט אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ מיט איין האַנט און געקוקט אין פענסטער.
דער ברודער האָט זיך דאָרט אין צווייטן צימער עפּעס געפּאָר־

קעט צווישן די קראַוואַטן און בלומענבערג האָט איצט געטראַכט פון געשעפט און פון זיין הויז. ס'האָבן זיך אויפגעכאַפּט זכרונות פון פאַרגאַנגענע גליקלעכע טעג און פון צווישן די זכרונות האָט אַרויסגעשיינט זיין שוועגערין, מיט די גרויסע שוואַרצע אויגן און פולן האַלז.

„אָט וועט גריגאָריעוו אַריין און היידא—מיט דער גאַנצער חברה. אַ סוף צו די רעקוויזיציעס. וואָס זשע! ער ווילדעוועט אַ ביסל? מילא, וועט עס געדויערן אַ פּאָר טעג, אייביק ווילדעוועט מען דאָך נישט”...

אין אים האָט אויפגעבראָכן אַ פאַרבאָרגענע פרייד, וואָס האָט אָנגעפילט אַלע זיינע גלידער און אַרויסגעפלייצט אויף זיין פּנים. ער האָט שוין געפילט, ווי די פאַרגאַנגענע טעג קערן זיך אום.

און מיט אַמאָל האָט ער אַ טראַכט געטאָן: מען וועט דאַרפן זען, אַז רבקהלע זאָל זיך מער חברן מיט חיהלען. נישקשה, חיהלע ווייסט שוין, וואָס זי האָט צו טאָן.

און ס'האָט אים שטאַרק אַ ציי געטאָן צו דער שוועגערין: ער האָט זיך אַליין נישט געקענט זעטיקן מיט דער פרייד, האָט ער אָנגעטאָן דאָס היטל און גענומען דעם שטעקן.

דער ברודער איז אַרויסגעקומען פון צווייטן צימער.

אַ ווײַלע איז בלומענבערג געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

—עס וועט נאָך אפשר זיין טיי ביי דיר?

—האָסט נאָך קיין טיי נישט געטרונקען?

—ביי מיר האָט מען געמאַכט קאַווע, איך טרינק דאָס נישט.

אויף דער גאַס איז איצט געווען טומלדיק. מיליטער מיט מו־זיק און געזאַנג האָט געשפּאַנט און זיך געצויגן צום וואָקזאַל. נעבן אַ הויז האָט דאָס מיליטער זיך אָפּגעשטעלט, איינער האָט זיך שטאַרק געקאָכט ריידנדיק פון באַלקאָן אַראָפּ, דאָס מילי־טער האָט געענטפערט אויף זיינע אויסרופן מיט טומלדיקע „הו־ראַ”־געשרייען.

נאָר בליומענבערג האָט געשמייכלט:
—ס'וועט זיי שוין העלפן, ווי אַ טויטן באַנקעס...״

* * *

פון דעם טאָג אָן, זינט בליומענבערג האָט זיך דערוואוסט פון גריגאָריעווס אויפשטאַנד, האָט ער באַקומען אין די אויגן אַ גלאַנץ פון קרענקלעכער ערוואַרטונג; ער איז אַלע פרימאָרגן אויפגעשטאַנען אַ צערודערטער און גלייך זיך געוואָרפן צום פענסטער מיט אַ שרעק, אַז ער האָט עפּעס פאַרשפּעטיקט. האָט אָבער נישט באַמערקט קיין אויסערגעוויינלעכס און געבליבן שטיין אַ דערשלאָגענער און אַ געפאַלענער. האָט ער אַ ווײַלע געקוקט ווי רבקהלע שלאָפט, ליגט מיטן פּנים אין קישן, און נאָר אַ בערגל האָר, לאַנגע, מאַטע, צעקנייטשטע האָר, קוקט פון ווייסן קישן. דערבײַ איז אים אײַנגעפאַלן: „מען וואָלט געדאַרפט זען, זי זאָל שלום ווערן מיט חיהלען״... עפּעס אַ מאַגניט האָט אים געצויגן זי זאָל זיך חברן מיט דער, וועמענס ליפּן ער האָט בסוד באַרירט און וועמענס ריח ער פילט שטענדיק... דערבײַ האָט ער געקנייטשט דעם שטערן און געטראַכט פון דעם, וואָס רבקהלע שטויסט זיך עפּעס אָן, כאָטש וואָס, ווער האָט איר דען געקענט דערציילן פון דעם?

וואָרום צווישן אים און זײַן רבקהלען איז די פרעמדקייט שוין גאָר שטאַרק אויסגעוואַקסן. זי האָט לעצטנס שוין אָנגעהויבן שווייגן און נישט קוקן אים אין די אויגן אַרײַן: עפּעס האָט זי דעם גלאַנץ פון זײַנע אויגן נישט איבערגעטראָגן; זי האָט לעצטנס כסדר געדענקט, אַז דאָרט אין דער שיינער דירה זיצט חיהלע מיט אַ בלייך געפּודערט געזיכט און שמייכלט. שמייכלט שטיל און ווייסט, אַז די געבילדעטע רבקהלע... איז דאַר און מיאוס... און אַז זי האָט פון דעם געטראַכט, האָט זי זיך דערפילט שטאַרק געפאַלן און איר איז אויסגעקומען, אַז דער מאַן קוקט אויף איר מיט חיהלעס חוזק־שמייכעלע.

און דאַן איז איר אויסגעקומען צו פאַרשטיין בלינד—אַז אָט די

חיהלע, ווען זי זאָל נאָר נישט האָבן די דינסטן מיט די רייכע מאָדע־קליידער, וואָלט זי אויך געוואָרן דאַר און מיאוס. אפשר נאָך דאַרער... און... אַ „פאַרגרעבטע זאַך". און עס גייט צו דעם: ווי לאַנג אַ שטייגער וועט זי זיך נאָך עקשנען?...

און מיט בלינדער בייזקייט, האָט זי עקשנותדיק געוואַרט אויף דעם, פאַר וועלכן דער מאַן האָט אַזוי מורא געהאַט, דאָס האָט איר געדאַרפט אויסלייזן פון איר צער און פון דעם, וואָס זי מוז וואוינען אין עפּעס אַ זומערדירה ביים ים.
איינמאָל פאַרנאַכט ווען אין דרויסן האָט אַ לייכט ווינטל געבלאָזן און עס האָט זיך געפּילט אַ ריח פון צייטיק אויבס, האָט בליומענבערג געשפּאַנט איבערן הויף און געטראַכט פון דעם, וואָס אָט דער גריגאָריעוו זוימט זיך לאַנג און לאָזט אויף זיך צופיל וואַרטן. שוין אַ גאַנצע וואָך איז אַריבער און–גאָרנישט. און דערווייל פירן זיך די באָלשעוויקעס „ביד רמה". דערווייל לייגן זיי אַרויף קאָנטריבוציעס און ס'איז מעגלעך, אַז היינט מאָרגן זאָל ער באַקומען אַ צעטל מיט דער מיטטיילונג:
„אין נאָמען פון „רעווקאָם" זאָל ער אַזוי גוט זיין און אַריינטראָגן..."
ווייל געהערט האָט ער שוין פון יענעם מעקלער, וואָס האָט אַ גרוי בערדל און טראָגט שטענדיק אַן אַלטן סורטוק, אַז מען האָט אים, בליומענבערגן, אין זינען. דאָס איז געווען מיט אַ פּאָר טעג צוריק, דעמאָלט האָט אים דער מעקלער אָנגעטראָפן און אים די „בשורה" אָנגעזאָגט. ער האָט אַפילו נישט געפּונען פּאַר נויטיק איבערצופרעגן פון וואַנען ער ווייסט דאָס, איצט געדענקט ער טאַקע, ווי יענער האָט זיך דערויף געוואונדערט און אַליין צוגעגעבן: אין דער קאָמיסיע פון דער גאַלאַנטערייסעקציע האָט מען פון אים גערעדט.
רבקהלע איז אַרויסגעקומען. דעם טאָג האָט זי דוקא צו אים אַ פּאָר מאָל געשמייכלט. טאַקע דערפאַר, ווייל ער האָט שוין צוריק געשוויגן מיט אַ שווערקייט אין האַרצן, און אַז זי איז איצט אַרויסגעקומען, האָט זי געהאַט אַ שמייכלענדיק פּנים, איז

זי צוגעגאַנגען צו אים נענטער און:
—וואָס זשע דרייסטו זיך אַזוי אַרום?
—וואָס דען זאָל איך טאָן?
—ווייס איך.
אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך געכאַפּט:
—אפשר וואָלטן מיר גאָר צוגעגאַנגען צו בערלען?
—פון מיינעטוועגן—דו ועסט נישט מורא האָבן צוריק צו גיין?

—פאַר וואָס עפּעס?
—ווייסט דאָך. ס׳קומט נאָר פאַרנאַכט, הייבט זיך דאָך אָן אַ שיסעריי.
און זי האָט זיך צעשמייכלט.
נאָר ער האָט איצט אויך געשמייכלט.
ווען זיי זיינען געגאַנגען אין גאַס—איז די זון שוין געווען פאַרגאַנגען, אַ שטילער, בלייכער פאַרנאַכט האָט געשאָרכט. פון ווייטן האָט זיך אַ טויב געזאַנג געטראָגן און דער טראָטואַר איז געווען שאָטנדיק־בלייך. אַ לייכט ווינטל האָט געשאָרכט צווישן די צווייגן פון דיביימער און פון ווייטן האָט זיך געטראָגן דאָס געשריי פון צייטונגספאַרקויפער, וואָס זיינען געלאָפן מיט אימפּעט.
—ספּעציעלע אויסגאַבע!... גריגאָריעוו צעקלאַפּט!...
בלומענבערג האָט דערפילט, ווי ער ווערט שטאַרק בלייך, דער קאָפּ האָט זיך אים געגעבן אַ פאַרדריי און עפּעס אין האַרצן איז אים איינגעפאַלן. ביי די טויערן זיינען געשטאַנען מענטשן מיט פאַרכמורעטע פרומע פּנימער און געקוקט מיט הכנעהדיקע טרויעריקע אויגן. יונגע בחורים זיינען געשטאַנען צעהיצט, שטאַרק געאָטעמט ווי נאָך אַ געלונגענע אַרבעט און געליינט די „ספּע־ציעלע אויסגאַבן“.
רבקהלע האָט אַלע ווײַלע אויסגעקערוועט די שוואַרצאַפּלען צום מאַנס פּנים, דערביי שטאַרק פאַרשנורעט די ליפּן. האָט אויף אים רחמנות געקריגן און דערפאַר נישט געקענט איינהאַלטן דעם שמייכל.

ביידע האָבן געשוויגן.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צום טויער פון ברודערס וואוינונג, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און זי פריער דורכגעלאָזט. דאַן האָט ער באַמערקט, ווי איר קלייד איז אָרעם און אַלטמאָדיש: עפּעס איז עס ברייט און לאַנג און די בליוזקע איז איינג צום האַלז פאַרשפּילעט. האָט ער זיך דערפון דערפילט, ווי ער וואָלט געגאַנגען איבערקומען אַ זייער נישט אַנגענעמע זאַך און ווען זיי זיינען געגאַנגען אין הויף, האָט זיך אים אָפּגעריסן פון צונג:

—און וואָס וואָלט געווען, ווען דו וואָלסט זיך געמאַכט עפּעס אַ לייטיש קלייד? עס וואָלט דיר דען געשאַדט צום „סאָציאַליזם"?

זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ אויף אים מיט פאַרצויגענע ליפּן:

—וואָס איז שוין?

—אַזוי אַלטמאָדיש... ס'איז דאָך אַ שאַנדע.

—שעמסטו זיך?

—און דיר—געפעלט עס? אַזוי לאַנג און ברייט.

זי האָט דערפילט, ווי דאָס פּנים האָט זיך איר צעפלאַמט: „ברייט— ווייל זי איז אַ תּל..."

—אָבער היהלעס קליידער—געפעלן דיר?

—לאָז צורו...

ווען זי וואָלט געווען אין גאַס, נישט אין הויף, וואָלט זי זיך גלייך אויסגעדרייט און אַהיימגעגאַנגען. איין ווייל'ע האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און געבלאָנדזשעט מיט צעטומלטע אויגן. באַר ער האָט זיך שוין אַזוי ווי פאַרגעסן:

—וואָס זשע ביזטו שטיין געבליבן?

—און טאַקע... ווי אַזוי גייט מען עס אַריין צו אַזאַ פּריצהטע אין אַן אַלטמאָדיש קלייד?

אין זיינע אויגן האָט אַ פלאַם געטאָן בייזקייט מיט עקל:

—מען וועט דאָך שוין באַלד קוקן פון אַלע פענסטער?!

ווען זיי זיינען אַריין, איז דער ברודער זיי אַנטקעגן געקומען.

ער איז געווען שטאַרק צעטראָגן און בלייך און עס האָט אויס־
געזען: זיינע באַקן זיינען שטאַרק באַוואַקסן.
—איך האָב נאָר וואָס געוואָלט גיין צו דיר.
—צו מיר? וואָס איז דען?—און דאָס האַרץ האָט אים גענומען
העפטיקער קלאַפּן, אין קאָפּ איז אים הייס געוואָרן.
—גיי נאָר פריער אַריין.
זיי זיינען אַריין אין עסשטוב. אויפן טיש איז געשטאַנען אַ
סאַמאָוואַר און פון אים האָט זיך געצויגן אַ שטראָמעלע פּאַרע.
חיהלע איז געזעסן אין אַ ווייסן פּעניואַר, וואָס האָט געלאָזט
אָפן אַ ווייסן גלאַטן דעקאָלט און די ווייסע הענט האָבן זיך
פויל באַוועגט, ווי פון זיך אַליין. דאָס פּנים איז געווען רואיק
און זי האָר אַ ביסל אין אומאָרדנונג. אייניקע לאָקן האָבן זיך
גראַדע אויפן שטערן אַוועקגעלייגט. זי האָט געלאַסן אויפגע־
הויבן די אויגן, דערנאָך זיך צעשמייכלט:
—גוט, וואָס איר זענט געקומען.
רבקהלע האָט דערפילט, ווי זי ווערט נידעריקער. ווי זי וואָלט
פּלוצלונג אַראָפּגעוואַקסן און האָט נישט געוואוסט, וואָס צו זאָגן.
יוסף האָט זיך נאָר געגריסט פון וויטן, ווי ער וואָלט זיך
נישט איבערראַשט—און דערפאַר האָט ביי רבקהלען אין קאָפּ אַ
שווינדל געטאָן... און ווי גוט זי איז עס צו איר געוואָרן...

די ברודער זיינען אַריין אין דערבייאיקן צימער און חיהלע
האָט געלאַסן—אַך ווי געלאַסן—געזאָגט:
—נו, ווי געפעלט דיר אונזער אומגליק?
—וואָס פאַר אַן אומגליק?
—מען האָט דאָך אונז געשטעלט „קאָנטריבוציע”!
זי האָט עס אָפּגעזאָגט מיט אַזאַ טרויעריקן טאָן, ווי מען דערציילט,
אַז דאָס איינציקע קינד איז מסוכן אַוועקגעפאַלן. נאָר רבקהלע
האָט נישט אויפגעציטערט און זיך אַפילו נישט דערשראָקן זי
האָט אַפילו עטוואָס אַ שמייכל געטאָן:
—אַ סך?
—פּרעג שוין גאָרנישט. הונ־ד־ע־ר־ט טוי־ז־נ־ט!

—וואָס זשע קען מען טאָן?
—ביזטו שוין גרייט צו באַצאָלן? אָוועקטראָגן די אונזער פּראַצע?

—אַז עס העלפט נישט...
די ברידער זיינען צוריק אַריין אין עסשטוב: ביידע זיינען גע-
ווען בלייך און צעטומלט, האָבן זיך געזעצט ביים טיש און
געשוויגן. יוסף האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום פענסטער און
געקוקט תשעה־באבדיק.
רבקהלע האָט געשוויגן מיט עקשנות און מיט נקמה. דאָס יונגל
איז אַריינגעלאָפן מיט אַ געשריי:
—מאַ־מאַ!—האָט עפּעס געוואָלט דערציילן, נאָר חיהלע האָט גע-
מאַכט אַ פּנים ווי זי וואָלט זאָגן: „געוואַלד! דעם קאָפּ נעמען
זיי מיר אַראָפּ".—און האָט אויסגערופן:
—יאַדוויגאַ! יאַד־ווי־גאַ! נעם צו פון דאַנען!—און צום קינד—
גיי אין „דיעטסקע".
—אַ, ווי געפעלט עס דיר?
אַזוי האָט געזאָגט דאָס בלייכע ווייבל מיט די שוואַרצע אויגן,
האָט פאַרצויגן די ליפּן און אויפגעהויבן אַ ווייסע כולע האַנט
מיט אַ בראַסלעט. בליומענבערג האָט נאָך אַלץ געשוויגן, נאָר
מיט אַמאָל זיך אָפּגערופן:
—מיר צאָלן נישט! אַ מכה זיי!
—זיי קענען דאָך חס ושלום אַרעסטירן! שפּילסט זיך מיט די
„רוצחים"?
—זיי וועלן פריער אליין אַרעסטירט ווערן.
דער ברודער האָט בלייך אַ שמייכל געטאָן:
—גיי טענה מיט אים, אַז ער וואַרט נאָך אַלץ אויף גריגאָ-
ריעוון... שוין, אויס גריגאָריעוו.
בליומענבערג איז אויפגערעגט געוואָרן:
—ווי ער גלייבט אַלץ! זיי שרייבן?! עפּעס אַ קלייניקייט? דער
ערשטער ליגן! וועסט דאָך זען.
דאָ האָט רבקהלע אַ זאָג געטאָן גלאַט אַזוי זיך:
—איך ווייס נישט, אויף וואָס דאָ איז פאַראַן צו וואַרטן? בײַך

אַ פּאָגראָם פּעלט אונז?

—שוין, זי האָט זיך שוין דערשראָקן! און אַ פּאָגראָם איז וואָס? וואָס דען? טראָגן זיי—די גזלנים, הונדערטער טויזנטער? דאָס איז נישט קיין פּאָגראָם?

און געוואָרן ווי ער וואָלט דעם שׂכל פאַרלוירן

—וואָס דען? שפּילן וועט מען זיך מיט זיי?! פּאָגראָמען דאַרף מען זיי מאַכן! נאָר פּאָגראָמען!

—ווער איז עס דער „זיי"?

ער איז שטיל געוואָרן און דאָס בלייכע ווייבל האָט רואיק און געלאַסן געזאָגט:

—ניין, רבקהלע, זיי הרגענען נאָר קאָמוניסטן...

רבקהלע האָט אויף איר געוואָרפן אַזאַ בליק, וואָס האָט גע־בראַכט צו דעם, אַז יענע איז צעטומלט געוואָרן און שוין מער נישט גערעדט.

ווען זיי זיינען געגאַנגען אַהיים, האָבן זיי אַ גאַנצן וועג נישט גערעדט צווישן זיך. זי איז געווען עקשנותדיק געפאַלן ביי זיך און ער—האָט געהאַט אַ פּנים ווי מען האָט אים אומשולדיק שטאַרק באַליידיקט.

ווען זיי זיינען שוין געווען נעבן זייער הויז, האָט ער ווייך און מיט געבעט אַ זאָג געטאָן:

—אַן אייגן ווייב זאָל זיין אַ שונא...

נאָר זי האָט גאָרנישט געענטפערט—ווי זי וואָלט זיינע ווערטער נישט געהערט.

* * *

אַז ער איז פאַרבייגעגאַנגען דעם קאָרידאָר אַרויפצוגיין צו זיך אין שטוב—האָט ער זיך אַ ווײלע אָפּגעשטעלט: פון דער טיר אין קאָרידאָר האָט אַראָפּגעשיינט אַ ווייס קאַרטל מיט דריבנע אותיות: ל. ג. גרינבוים. אים איז איינגעפאַלן אַזוינס, פון וועלכן ער האָט אַ ציטער געטאָן און זיך צעשמייכלט מיט אַ שלאַנגיש בטול־שמייכעלע, וואָס האָט זיך קרום אַוועקגעלייגט

אין ווינקל מויל—ווי אַ ווערמל וואָלט זיך איינגעקאָרטשעט אין עק ליפּ. גלייך אויסגעשטרעקט איז ער אַרויף צו זיך אין שטוב אַריין און שוין געהאַט פאַרגעסן, אַז ער איז אין כּעס אויפן ווייב. ער האָט גלייך אויסגעטאָן דאָס היטל און איז אַריין צו זיך אין „קאַבינעט“, וואָס איז אויך געווען דאָס שלאָפצימער פאַר דער שוויגער מיט דעם יונגל. ער האָט נישט געקוקט אויף דעם, וואָס רבקהלע טוט, פּונקט אַזוי ווי ער וואָלט דאָס אָפּגעפירט אַ באַקאַנטע אַהיים און איז איצט שוין פריי פון איר.

ער האָט זיך געזעצט ביים טיש, האָט פון קעשענע אַרויסגענומען דאָס „פּאַפּיר“ מיט דער פאָדערונג אַריינצוטראָגן די קאָנטריבוציע. האָט געקוקט אויף דעם און אים איז אויסגעקומען, אַז דאָס האָט אים עמיצער אָפּגעטאָן אַ שפּיצל: אַז די סוחרים, וואָס זיצן אין דער „גאַלאַנטעריי-סעקציע“ ווייסן כּלל נישט צי יוסף בלומענבערג קאָן צאָלן אָדער נישט... און איידער וואָסווען, קען ער טאַקע האָבן גרויסע צרות... הייב זיך אָן מיט די לייט... האָט געגעבן אַ קוק אין פענסטער און געזען, ווי דער הימל איז געל-בלוי ווייזט אויס: ערגעץ גייט אויף אַ גרויסע לבנה. באַלד האָט ער זיך אויסגעדרייט מיטן בענקל:

—סטאַשעק! סטאשעק!

דער קליינער יונג איז אַריין מיט אַ שפּרונג.

—וואָס איז?

—גיי אַראָפּ צום הער גרינבוים, וועסט אים זאָגן: דער פּאַפּאַ האָט אים זייער געבעטן, ער זאָל אַריינקומען.

דאָס יינגל איז אַרויס ווידער מיט אַ שפּרונג. און בלומענבערג האָט זיך באַדויערט און געטראַכט: שיינע צייטן זיך דערלעבט. איך, בלומענבערג, דאַרף איצט אָנקומען נאָך פּראָטעקציע צו אָט דעם קבצנסקן לערערל... יאָ, זיך גוט אויסגעאַרבעט... און באַלד מיט פאַרביסנקייט: וואַרט אויס, וועסט נאָך זען ווי אָט דאָס לערערל וועט זיך בלאָזן, זיך מאַכן געפּגרט און נישט וועלן פאַרשטיין, שיינע חברה!...

ער האָט געהאַט דאָס געפיל פון אַ רייכן סוחר, וואָס בלאָנקעט זיך אַרום אין גאַס אונטערן רעגן און וואַרט אויף עפּעס אַן

און דאָך מוז ער אויף אים וואַרטן, ווייל דאָס געשעפט פאָ־
דערט עס. ס'איז גרינג צו זאָגן: נעם און באַצאָל! ס'איז דאָך
עפּעס געלט? גרייט געלט און גיט געלט?! און בכלל ווי נעמט
עס אַ סוחר און גיט אַוועק געלט? נאָר געפאַלן ביי זיך איז ער
נישט: יאָ־יאָ, נישט־נישט. נאָר אַ בעט טאָן דאַרף מען. דער
גרינבוים איז דאָך עפּעס אַ גאַנצער מאַכער ביי זיי, אַז אָך און
ווי איז צו זיי מיט זייערע מאַכערס... נאָר גאָרנישט: וואָס אַ
שטייגער קען עס אַרן דעם לערער, אַז ער וועט אים אַרויס־
שלעפּן פון דער צרה?...

אין טיר האָט זיך באַוויזן גרינבוים. ער האָט געהאַט אַן אויס־
זען, ווי מען וואָלט אים איבערגעשלאָגן אין מיטן פון זיין גרוי־
סער וויכטיקער אַרבעט, וואָס נאָר ער אַליין פאַרשטייט די
וויכטיקייט און האָט לחלוטין קיין צייט נישט. דערפאַר האָט ער
געהאַט אַ געקנייטשטן שטערן און אויפגעהויבענע ברעמען.

אים דערזעענדיק, איז בלומענבערג געוואָרן שטאַרק ערנסט,
האָט אַרויסגעשיקט סטאַשעקן, פאַרמאַכט די טיר, צוגערוקט גרינ־
בוימען אַ שטול און אַליין זיך אַוועקגעזעצט מיט אַ טרויריק
פּנים.

—באַט, לייענט...—האָט ער אים דערלאַנגט דאָס „פּאַפּיר".

גרינבוים האָט גענומען דאָס פּאַפּירל און באַקומען אַן אויסזען,
ווי ער וואָלט זיך געגרייט צו פאַרענטפערן עפּעס אַ גרויס אומ־
רעכט...

ער האָט איבערגעלייענט אויף אַ קול:

„די קאָמיסיע פאַר קאָנטריבוציע־באַשטייערונג, לייגט פאָר די
ברידער בלומענבערג זיי זאָלן אַריינטראָגן במשך פון זעקס טעג
הונדערט טויזנט רובל אין קאַסע פון קאָמיסיע. אין פאַל פון בייז־
וויליקן נישט אונטערוואַרפן זיך דעם רעוואָלוציאָנערן געזעץ—
וועלן זיי באַשטראָפט ווערן לויט די רעוואָלוציאָנערע קריגס־
געזעצן"...

ווען גרינבוים האָט געלייענט, האָט ער נישט געקענט איינהאַלטן

דעם שמייכל טראַכטנדיק: „גאַנץ גלייך״... אוןווידער געשמייכלט שוין קוקנדיק אויף בלומענבערגן: „וואָס אַ בורזשוי קען איינפאַלן... שיקן מיר רופן כדי אויסצוהערן זיינע טענות...״—האָט אַוועקגעלייגט דאָס פּאַפּירל און פּויל־שמייכלענדיק געזאָגט:

—נו, דאָט זענען דאָך שוין אייערע סוחרים... זיי אַליין זיצן דאָך אין קאָמיסיע...

—נו יאָ... ווער זאָגט דען ווער... וואָס דען? אַ מלוכה־מאַכט וועט איינפאַלן אַזאַ משוגעת, צו פאַרלאַנגען פון מיר אַזאַ סומע? ס׳איז דאָך אַן אַבסורד! אַן אונזין! זיי זענען דאָך סוף כל סוף מלוכה־מענטשן און זיי ווייסן גאַנץ גוט, אַז ס׳איז נאַריש צו פאָדערן ביי אַזאַ מענטש אַזאַ סומע. וואָרום אדרבה, זאָגט אַליין: וואו זאָל איך זיי נעמען אַזוי פיל געלד? וואָס איז מיין גאַנץ געשעפט, משטיינסגעזאָגט: אַ קראַוואַט און אַ קנעפּל! וואָס זשע פון דעם האָט מען צו צאָלן הונדערטער טויזנטער קאָנטריבוציע?

נאָר רעדנדיק די רייד, האָט ער געהאַלטן די אויגן אַראָפּגעלאָזט און נאָר אַלע ווייל'ע זיך באַמיהט זיי אויפצוהייבן. דערביי אויסגעזען ווי ער וואָלט איינגענומען אַ האַרבע זאַך. ער האָט שטאַרק געליובט דעם מלוכה־חוש פון די באָלשעוויקעס און אַרויפגעוואָרפן די גאַנצע שולד אויף די גרויסע בורזשויען פון דעם פאַך, וואָס זיצן אין דער קאָמיסיע און ווילן עקסטרע אַרויפוואַרפן די גאַנצע לאַסט אויף די קליינע. איינמאָל—כדי זיי אַליין זאָלן זיך אַרויסדרייען פון צאָלן. צווייטנס—כדי אונטערצופירן די מאַכט...

גרינבוים האָט נאָך אַלץ שטאַרק געקנייטשט דעם שטערן און דאָס פנים אַזוי, אַז די באַקן האָבן זיך שטאַרק אונטערגעהויבן אונטער די אויגן, ביז ער האָט אים איבערגעריסן.

—און וואָס אייגנטלעך פאַרלאַנגט איר פון מיר?

איין ווייל'ע איז בלומענבערג געבליבן געפּלעפּט. אין דער רגע איז אים קלאָר געוואָרן, אַז ער האָט זיך אומזיסט ערנידעריקט פאַר אָט דעם לערער. אַז בכלל קען מען פון די לייט גאָרנישט

ערוואַרטן, נאָר אָפּשטעלן זיך האָט ער שוין נישט געקענט.

—איר פאַרשטייט דאָך, אַז באַצאָלן קען איך נישט און וועל נישט.
—צי איר קענט, צי נישט, ווייס איך נישט. נאָר אַז איר ווילט נישט, גלייב איך מיטן גאַנצן האַרצן—האָט גרינבוים ביטער אַ שמייכל געטאָן.
—צו וואָס טויג דאָ דער שפּאַס? איר ווייסט דאָך, ווער—ווער, נאָר איר ווייסט דאָך, אַז די גאַנצע צייט דרייט מען זיך פאַר אַ רובל, ס'איז פּשוט נישטאָ מיט וואָס דעם טאָג איבער־צולעבן, דאָס גאַנצע געשעפט מיינס איז נישט ווערט קיין הונ־דערט טויזנט. וואו? ווען? פון וואַנען זאָל איך האָבן אַזאַ סומע?

ער האָט לאַנג גערעדט און זיך געקלאָגט ביז גרויבוים האָט אים ווידער איבערגעריסן.
—ווען איך וואָלט געהאַלטן ביי ווערן אַ ספּעקוליאַנט און וואָלט געהאַט געלט—וואָלט איך אייך פונדעסטוועגן אַליין געגעבן אומ־געזען, פאַר איי^ע^ר געשעפט, נו... אפילו דריי הונדערט טויזנט, און וואָלט אפשר געבליבן רייכער פון אייך. נישט אַזוי?
נאָר בלומענבערג האָט צוגעשמייכלט צום שפּאַס און ווייטער גערעדט און זיך געקלאָגט. האָט זיך פּשוט געשוואוירן ביים לעבן פון זיין פרוי און קינדער אַז ער האָט נישט. פאַרמאָגט נישט, אַז ער איז בכלל אָרעם ביז גרינבוים האָט שוין נישט געקענט הערן דאָס קלאָגן זיך:
—אָבער וואָס פאַרלאַנגט איר פון מיר?
—פאַרשטייט איר דאָך. אַז באַצאָלן וועל איך נישט. קען איך דעריבער ערוואַרטן אַז מען זאָל קומען און מיך אַרעסטירן.
—ס'איז כמעט ווי זיכער.
—איאָ?
—געוויס, וואָס ווייסן זיי דען? די סוחרים האָבן דאָך אייך געשטעלט—הייסט עס: איר פאַרמאָגט.
—אָט דאָס זאָג איך דאָך. פאַרשטייט זיך, אַז איך וועל נישט

שווייגן: איך האָב שוין אָנגעשריבן אַ „זאַיאַוולעניע”. נאָר דער־ווייל—קען מען דאָך אַרעסטירט ווערן.

—איז וואָסזשע?

—ווייס איך... איר זעגט דאָך אַ מענטש אַן אינטעליגענטער און איר האָט דאָך עפּעס אַ דעה ביי זיי... איר קענט זיך דאָך מיטן פינאַנס־קאָמיסאַר.

גרינבוים האָט זיך צעשמייכלט אַזוי, אַז בליומענבערגן האָט זיך אַזש דער קאָפּ פאַרדרייט און שוין אויפשטייענדיק האָט ער געזאָגט:

—איך קען גאָרנישט טאָן וועגן דעם. איינמאָל—פּאַסט עס פּשוט נישט פאַר מיר. צווייטנס—וואָס בין איך דען פאַר אַ „מאַכער”? וואָס וועל איך זיך גיין משתדל זיין פאַר... ס׳הייסט איך בין בכלל נישט קיין שתדלן... און מסתם וועט מען נישט כאַפּן און אַרעסטירן... אַ „זאַיאַוולעניע” גיט אָן, מסתם וועט עס דורכגיין.

ער איז איין רגע געוואָרן צעטומלט, האָט ווידער אַ שמייכל געטאָן און צוגעגעבן:

—איבעריגנס האָבן מיר דאָך נאָך צייט, דערווייל האָט מען דאָך אייך נאָך נישט אַרעסטירט. מיר וועלן זען... אַ גוטע נאַכט.

אַרויסגייענדיק האָט ער בייז געטראַכט:

—סאַר אַן איינפאַל פון אַ בורזשויטשיק! נאָר אַ ספּעקוליאַנט קען האָבן אַזאַ חוצפה... ער שיקט מיר נאָך רופן צו זיך...

בליומענבערג איז געבליבן שטיין צעטראָגן און האָט זיך מיט אַמאָל שטאַרק פאַרשעמט. ער איז געווען ערנידעריקט און באַ־ליידיקט נאָר באַנג געטאָן האָט עס אים נישט: ער איז דאָך צו קיינעם נישט געגאַנגען בעטן. און אַז אַזאַ לערעל זאָגט אָפּ איז וואָס?

ער האָט פאַרביסן געשוויגן און ביי דער וועטשערע איז ער גע־זעסן שטאַרק בייז. רבקהלע איז דוקא געווען אויפגעלייגט, אויף אירע ליפּן האָט גערוט אַ דין שמייכעלע, און זי האָט אין זיין זייט נישט געקוקט.

—וואָס זשע? האָסט עפּעס געמאַכט מיט גרינבוימען?
—ווייס איך וואָס. ער איז דען בעסער פון דער גאַנצער חברה?

—איך נישט בעסער?—און דאָס שמייכעלע איז אַרויס אויף די ליפּן.
—וואָס זשע טוט עס דיר אַזאַ הנאה?
—וואָס זשע וואָלסטו געוואָלט? איך זאָל זיך זעצן וויינען? זאָל וויינען דער, וואָס דאַרף דאָס געלט אויף נייע קליידער!
ער איז געוואָרן שטאַרק אָנגעצונדן. האָט זיך רעשיק געגעבן אַ שטעל אויף, געמאַכט צו איר אַ טריט נענטער און רויט פון כעס כמעט אויסגעשריגן:
—הער אויף!
זי האָט פאַרביסן און רואיק געקוקט אויף אים מיט אַ שטיקל וואונדער.
אַיין ווײַלע איז ער אַזוי געשטאַנען, זיך באַהערשט. זיך אויס־געדרייט צום פענסטער און געבליבן שטיין ווי פאַרגליווערט.

IV

בליומענבערגס האָפנונגען אויף גריגאָריעוון זיינען זיך צעשווימען ווי בלייכע שיטערע וואָלקנדלעך. מיט יעדן טאָג זיינען די רעדלעך פאַר די טויערן קלענער געוואָרן און די, וואָס זיינען געשטאַנען אין די טירן פון זייערע געשעפטן זיינען געווען נערוועז און אומרואיק, האָבן אויסגעזען ווי די וואָס פאַסטן און ווייסן, אַז צו נאַכט איז נאָך ווייט. סוף האַלבן טאָג האָט מען די געשעפטן געשלאָסן און אַז מען האָט זיך געטראָפן–האָט מען געשוויגן און נאָר געצויגן די שטערנס. בליומענבערג איז עפּעס אינגאַנצן צוטומלט געוואָרן. איז ער אינגאַנצן געבליבן זיצן אינדערהיים און מיט אַ הויל האַרץ געטראַכט, אַז ס'איז זייער מעגלעך מען זאָל ביינאַכט אָנקלאַפּן אין זיין טיר, אים הייסן זיך אָנטאָן און אים אַוועקפירן דאָרט אַהין, וואו ס'איז כסדר טונקל...

אין דידאָזיקע טעג פון זיין צעטומלעניש, האָט ער מערסטנס געטראַכט פון דעם וואָס רבקהלע–זיין ווייבל–איז אַזוי „שרעקלעך” גלייכגילטיק צו זיין גורל און פון דעם, וואָס זי זעט

גאָר אויס צופרידן, כאָטש אין אמתן זעט זי אויס זייער שלעכט: איז שטאַרק בלייך און דאַר, און די אויגן אירע זיינען עפּעס מוטנע אָן גלאַנץ און קליין. און אַז אָפּט טרעפט: זיי צעפלאַקערן זיך מיט שנאה און צו להכעיסדיקייט.

רבקהלע איז אָפּט פלוצלונג געבליבן שטיין, ווי זי וואָלט זיך עפּעס געוואָלט דערמאָנען וואו זי איז אין דער וועלט. די אַלטע איז גאָר אַרויס פון די כלים: זי האָט פאַרגעסן אינגאַנצן דרך־ארץ צו האָבן פאַרן אײדעם און האָט נישט אויפגעהערט צו קלאָגן זיך אויף דעם שווערן לעבן צו וועלכן „מען האָט זיי אַראָפּגעבראַכט”. זי האָט אַלץ גערעדט מיט פאַרביסנקייט, פונקט ווי עמיצער אין שטוב וואָלט שולדיק געווען אין דעם, וואָס ס'איז פשוט אַ הונגער געוואָרן.

—נישטאָ וואָס צו ריידן, אַ שיין לעבן!—האָט די אַלטע אָפּגעזיפצט און געקוקט מיט די פאַרטרערטע אויגן אין דער ווייטער וועלט אַריין.—אַז קיין שטיקל פלייש זעט מען נישט, קיין ביסל מעל קריגט מען נישט, און דאָס ברויט?—איך זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד: ווער קען עס זיך פאַרגינען? אַ קלייניקייט צו זאָגן פופציק קערבלעך אַ פינטעלע ברויט און אַז מען ברענגט עס שוין—קען מען עס אין מויל אַריין נישט נעמען. אַ שיין לעבן! זיך גוט דערלעבט...

וואָלט ער עס שוין איבערגעטראָגן, האָט אָבער רבקהלע גאַנץ ערנסט געענטפערט:

—נו, און אַז אין וואַרשע איז נישט געווען צו קריגן קיין ברויט? און אַז ס'איז שוין יאָ געווען צו קריגן און אַז ס'איז נישט געווען פאַרוואָס צו קויפן?

—איי, דריי מיר נישט קיין קאָפּ, דאָרט איז עפּעס אַנדערש... אָבער דאָ... ביזט דאָך געפאָרן צו אַ מאַן אַ נגיד?

—אַ נגיד... געווען אַמאָל... ווער זשע האָט געהאַט דערפון? די „געליבטע” שוועגערין... זי איז געוואָרן מאַדאַם בליומענבערג...

די אַלטע האָט דערביי צפּגעזיפצט. זיך אָנגעהויבן שאָקלען און ריידן דינע שטעכיקע ריידעלעך:

—וואָס דען?... אַז ער איז געווען אַ בחורעץ... וואָס זשע? וועלכעם ווײַב לאָזט עס אַ מאַן אַוועקפאָרן מיט אַ שוועגערין?... מילא, האָט זי געפּירט דאָס רעדל. און פאַרוואָס נישט. אַז דאָס ווײַב ליגט דאָרט אין וואַרשע און הונגערט... און ווער וואָלט עס נישט געוואָלט האָבן קיין זײַדענע קלײדער מיט „בראָנזעלעטן" און אַ קראַקולענעם מאַנטל? און אַ „פּאָרטעפּיאַנע" איז אויך אַ גאַנץ שײנע זאַך... און אַז אַ פרעמדער יונגערמאַן דרײט זיך אַרום ווי אַ בחורעץ און דערצו נאָך אַן אײזנשטאַרקער—איז אַ מענטש נישט קײן מלאך...

אַזוי איז די אַלטע געזעסן און זיך גערעדט און ס׳האָט זיך געדאַכט: זי וועט קײנמאָל נישט אויפהערן. זי דאַרף גאָרנישט עמיצער זאָל עס הערן. זי רעדט זיך סתם אַזוי, ווי דאָס וואָלט געווען איר אַרבעט. נאָר רבקהלע האָט געהערט, געוואָרן נאָך בלײכער, עפּעס האָט אויפגעקאָכט אין איר—די אָדערן אויפן האַלז האָבן געציטערט...

—זי איז זיך די מאַדאַם—האָט די אַלטע ווײטער גערעדט אין דער וועלט אַרײַן—זי איז זיך די אויסגעריטע באַראָנעסע... וואָס פעלט איר וואָס? קאָפּווײטאָק? זיצט זי זיך אויפן גרײטן, ווי אַן אויסגעפּוצטע ליאַליע, אַז מען האָט דרײַ דינסטן—ווערט מען דאָך משוגע פאַר לײדיקגײן.

—מאַמע! זאָל שוין זײַן גענוג!

די אַלטע האָט אויסגעדרײט דעם קאָפּ און געקוקט מיט וואונדער:

—וואָס זשע, ס׳איז דען נישט אמת?

—אמת, אמת! נו וואָס האָב איך דערפון?

און דערנאָך האָט די טאָכטער פּלוצלונג צוגעגעבן:

—זאָל זיך דיר דאַכטן, אַז ס׳איז שוין נישט אַזוי די מעשה. שוין... אויס מיט די דרײַ דינסטן. די „באָנע" איז שוין אַוועק... די קעכין—מער ווי דעם מיטאָג וויל זי נישט וויסן. אָפּגעקאָכט—און איר געבײן איז נישטאָ. און די שטובשיקסע איז שוין בײַ אַלײן אַ „באַרישניע"... זי האָט שוין גאָר אַ חתן, עפּעס אַ מאַטראָס. קלײַבט זיך שוין גאָר חתונה האָבן...

אַזוי פלעגן מוטער און טאָכטער ריידן. בליומענבערג האָט זיך אָפט געדרייט פאַר דער קעך, געהערט אַז זיי ריידן און זיך אָנגעשטויסן וועגן וואָס, האָט ער זיך געכעסט, געבלאָזן און געטראַכט, אַז ער דרייט זיך אַרום אין אַ שטוב צווישן שונאים, און אָפטמאָל האָט ער געפילט אין זיך אַ מאָדנע געפיל לויט וועלכן ער איז צופרידן געווען פון דער סכנה, וואָס עס שוועבט איבער אים... אפשר גלייכער... אַבי פּטור ווערן פון דעם פאַר־גרינטן ביינערדיקן ווייבל און פון אַ הינטישער שוויגער, וואָס וואָרקעט שטענדיק ווי אַן אַלטע קראָ אים ווינטער.

און ווי רבקהלע וואָלט פאַרשטאַנען זיין געהיימען זינדיקן גע־דאַנק—האָט זי דוקא נישט געפירט מיט אים קיין ברוגז: „לאַנג וואַרטן קען ער, איך זאָל פירן ברוגזן" זי איז נאָר געווען שטאַרק פאַרנומען מיט דער שטוב, וואו זי איז אַליין אָן דינסטן, און מיט שטייען אין די „אָטשערעדן". ווייסט זי גאָרנישט, אַז דער מאַן זיצט כסדר אינדערהיים און שווייגט שטיל און בלייך און פאַרענדיקט יעדן געדאַנק זיינעם מיט אַ זיפצל.

און די נעכט זיינען געווען אַזעלכע צעטומלטע, לאַנגע, שווערע און טויבע. איז ער געלעגן אין בעט און נישט געקענט שלאָפן. פון דער הוילער נאַכט האָבן זיך געריסן שמאָלע שאַרפע שאָטן. יעדער שאָס האָט דורכגעשטאָכן די טויבע נאַכט און געבראַכט צו דעם, אַז ער האָט געפילט אַ ציטער איבערן גאַנצן לייב, דערגרייכט ביז די האָר פון קאָפּ און ער האָט זיך אַלץ גע־וואונדערט:

—וואָס זשע? שוין טאַקע אַלץ הפקר? וואָס זשע שטייען זיי די פּראַנצויזן אויפן ים? שטייען און קוקן זיך צו ווי די באָקעס! שיינע זאַכן זעען זיי!

ער האָט געוואָלט אויף אַלעם אָוועקמאַכן מיט דער האַנט: זאָל זיין, וואָס עס וויל זיך. אָבער אין זיך, אין דער טיף, אין אַ ווינקעלע האָט פאָרט געלעבט אַזאַ מין זאַך, וואָס האָט גע־שיינט... ער האָט דערפאַר שטאַרק הנאה געהאַט פון דער אומ־אָרדנונג: פון דעם, וואָס מען שיסט גלאַט אין דער וועלט אַריין, און פון דעם, וואס דאָס לעבן איז הפקר. ער האָט פאַרנעפּלט

געפילט, אַז וואָס ערגער עס ווערט—אַלץ גיכער וועט נעמען אַ סוף צו די אַלע צרות.

און אַז ער האָט געטראַכט—האָט ער מיט אַלע חושים געפילט: די דערלייזונג וועט קומען, און טאַקע פון ים... וואָס דען, אומזיסט שטייען זיי די פראַנצויזן? נישקשה אויף די פראַנצויזן מעג מען זיך שוין פאַרלאָזן... נאָר דערווייל לאָזט עס נישט איינשלאָפן...

אַזוי האָט ער פאַרבראַכט די נעכט. אין צווייטן בעט איז רבקהלע אַ שטאַרק מידע פון טאָג-געשלאָפן געשמאַק. זי האָט זיך נאָר אַלע מאָל געקערט פון זייט אויף זייט, ווי שלעכטע חלומות וואָלטן זי געשראָקן. האָט זי זיך אַ ווײַלע איבערגעכאַפּט און אָפּגעזיפצט: געחלומט האָט זיך איר פון דעם, וואָס זי איז שטאַרק אויסגעדאַרט און דער געזונטער בלומענבערג קוקט אויף איר פאַרביטערט—און דערבײַ שטייט חיהלע ווינקט זי מיט אַ פולער ווייסער האַנט און שמייכלט...

אינדערפרי האָט ער זיך אַרומגעדרייט אויפן הויף, זיך געשפּאַנט געלאַסן און געטראַכט פון דעם, צי אים וועט געלונגען זיך אַרויסצודרייען פון דער „קאָנטריבוציע"—אָדער מען וועט מוזן באַצאָלן. דערפאַר האָט ער זיך אָפּט אַרויסגעכאַפּט בגנבה אין געסל אַריין, איז צוגעגאַנגען נאָנט צום ים און געבליבן שטיין מיט פאַרטערערטע אויגן.

אויפן ים זיינען געשטאַנען צוויי גרויע שיפן. זיי זיינען געשטאַנען ווי פאַרגליווערט און קיינער האָט זיך אויף זיי נישט געוויזן—ווי אַלע וואָלטן אינעווייניק געשלאָפן.

איצט, אַז ער האָט זיך געטראָפן מיט גרינבוימען, איז ער שטאַרק צעטומלט געוואָרן. האָט זיך געהיטן מיט אַ וואָרט און זיך באַמיט צו שמייכלען. גרינבוים אַליין האָט איצט גערעדט מיט פאַרדרוס—סוף-כל-סוף האָט ער נישט געקענט איבערטראָגן, וואָס מען שיסט מענטשן: אַלץ מוז דאָך זיין מיט אַ שכל, און דאָס איז דאָך געוויס די אַרבעט פון פראָוואָקאַטאָרן, וואָס ווילן דוקא אונטעררייסן די ראַטן-מאַכט...

בלומענבערג איז מוטיקער געוואָרן און אַ פרעג געטאָן:

—וואָס זשע? זיי קלערן טאַקע דאָ צו בלייבן? מאָסקווע איז זיי ווייניק, זיי מוזן האָבן אויך אָדעס? איך פאַרשטיי נישט: דאָ אז דאָך פּאָרט אוקראַינע.
דיאָ האָט זיך גרינבוים „איבערגעקערט, ווי מען קערט איבער אַ טאָפּ".
—איר ווילט זיך טרייסטן? האַ? איר זייט אַזש געוואָרן אַן אור־קראַינער? האַ?—טרייסט זיך מיט חלשות.
—וואָס זשע? דאָ בלייבן זיי שוין?
—און איר האָט געמיינט, אַז דאָס איז עפּעס אַ קוריאָז? איר פאַרשטייט: ס'איז רעוואָלוציע!
און אָנגעהויבן באַווייזן, אַז די רעוואָלוציע אַנטוויקלט זיך, גייט אויף ווי „אַ העליש פייער".
בליומענבערג האָט געקוקט מיט ווייטאָק, ווי עס וואָלט געהאַלטן ביי אַן אָפּעראַציע, וועלכע ער קען נישט אויסמיידן. נאָר פאַר־שטאַנען האָט ער פּאָרט נישט: עפּעס איז אַלץ צודרייט און משוגע: אָט רעדט ער דאָך דאַכט זיך ווי אַ מענטש... איז נישט צופרידן, פאַרשטייט, און אָט: רעוואָלוציע, שמעוואָלוציע, משוגעים!

—אָבער אָט שטייען זיי דאָך אויפן ים?
דערויף האָט גרינבוים קיין קלאָרע תשובה נישט געהאַט און בליומענבערג האָט תקופער געטראַכט:
—נישקשה... נאָך אַ וואָך, נאָך אַ וואָך, איר וועט זיך אַלע צע־לויפן ווי דער פעפער וואַקסט... אוי וועט איר לויפן... אייערע מריט וועט מען נישט זען...
און געזאָגט האָט ער:
—מילא, איז מען שוין דאָ, זאָל שוין זיין. אָבער זאָל כאָטש זיין רואיק... צו וואָס נאָך דאָס שיסן איבער די נעכט?
גרינבוים האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט—און איז אַוועק.

און בליומענבערג איז אַרומגעגאַנגען שטאַרק צעטומלט און עפּעס איז אים געווען שווער צום ווייינען: אַלע, אַלע זיינען פון זיבען

אַראָפּ... דאַכט אים ער אַליין ווערט אויך משוגע... ער דער־קענט נישט קיינעם, נישט דאָס ווייב, נישט גרינבוימען, קיינעם נישט. און וואָס טומלט עס אַזוי אומעטום?...

* * *

איינמאָל אינדערפרי, אַז בליומענבערג איז צוגעקומען צום ים — האָט ער דערפילט, אַז עפּעס טוט זיך.

ס'איז נאָר וואָס די זון אויפגעגאַנגען און איבערן בלויען הימל אַ ראָזקייט איבערגעצויגן. דער ים איז געלעגן אַ נאַקעטער און שטאַרק שטילער אונטער דער זון. אין זיין שווייגן איז עפּעס געווען אַן אָנזאָג. ס'איז אויסגעקומען, אַז עפּעס גרייט זיך אַ שרעקלעכער שטורם. און ערשט איצט האָט בליומענבערג גע־דענקט דידאָזיקע מיט די „רויטע שטערנדלעך", וואָס ער האָט אָנגעטראָפן גייענדיק צום ים — זיי זיינען געווען עפּעס צוטראָגן און געגאַנגען צו גיך... און איצט האָט ער געזען אַ סך שיפן שטיין און עפּעס זיינען זיי נענטער צום ברעג.

זיינע ליפּן האָבן זיך צעצויגן און אונטער די אויגן זיינען אָנ־געלאָפן קנייטשעלעך: פינף... זעקס... און אָט: זיבן — האָט ער אָפּגעציילט די שיפן. און דאָרט ווייט צום האָריזאָנט ציט זיך אַ פאַס רויך... מען קומט אָן, ער זעט שוין ווי עס באַוועגט זיך דאָרט, נאָר אָט זיינען פאַרבייגעגאַנגען אַ פּאָר אָפיצירן פון דער „חברה", האָט ער זיך מיט אַמאָל דערשראָקן, געוואָלט אָפּהוסטן און נישט געוואַגט. האָט ער זיך אויסגעדרייט און פאַרלאָזט די שיפן:

— איידער וואָס ווען, גיט מען דערווייל אַ זאָג: שפּיאָן, בורזשוי... איינס־צוויי און שריי אין דער וועלט אַריין...

נאָר פון דעם מאָרגן אָן איז ער כּסדר געזעסן אינדערהיים און געוואַרט: איצט איז ער שוין געווען זיכער, אַז עס קען אויס־ברעכן יעדע מינוט. איז ער דערפאַר געזעסן סמערסט ביים ברייטן פענסטער, דורך וועלכן ס'האָט זיך אָנגעזען דער ים ווי ער גיסט זיך צענויף מיטן האָריזאָנט. געזעסן און געהיט

די מינוט און ביי יעדן קלאַפּ האָט ער זיך געגעבן אַ גלייך אויס און אָנגעשטרענגט די אויערן. דערנאָך אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און צוריק רואיק געבליבן.

און די אַלטע האָט אויך אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער. געזען, ווי רבקהלע קומט אָן פון גאַס מיט אַ קוישל אויפן האַנט? גייט שווער און מיד—האָט זי געגעבן אַ זאָג אַזוי זיך.

—אַ שיינער לייט געוואָרן פון איר... אַ שענערן לייגט מען שוין אין דער ערד אַריין... גבירהשאַפט...

נאָר בליומענבערג האָט ווי נישט געהערט. אים איז אויסגעקומען, אַז ער דאַרף „איבערקומען די רוצחים” און דאַן וועט ער האָבן געפּטרט אויך דער שוויגערס ריידעלעך.

דערוויילע האָבן זיך געצויגן טעג, זוניקע, שטילע טעג. פון ווייטן האָט עס געציטערט מיט מוזיק-קלאַנגען פון לויה־מאַרשן און „אונטערנאַציאָנאַל”, דערנאָך איז שטיל געוואָרן און ס׳האָט אויפגעריסן אַ הורא־געשריי. דערפון האָט בליומענבערג זיך שטאַרק געערגערט און געוואָרן בלייכער, נאָר האָט גע-שוויגן פאַרביסן און געוואַרט.

דערפאַר האָט רבקהלע אויך געשוויגן פאַרביסן און כסדר גע־ווען פאַרנומען מיט בעל-הבתישקייט. ס׳האָט נאָר אָפּט געטראָפן, אַז זי האָט זיך פּלוצלונג געגעבן אַ שטעל אָפּ אין מיטן שטוב און מיט אַ האַנט זיך אָנגעכאַפּט אין טיש אָדער שאַפע.

—וואָס איז?—האָט זיך די אַלטע דערשראָקן.

—גאָר נישט. דער קאָפּ האָט זיך מיר געגעבן אַ פאַרדריי.—און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

—פון שיינעם גבירישן לעבן.

רבקהלע האָט שוין גאָרנישט געזאָגט, נאָר געדענקט, אַז „די מעלאָטשניצעס טאָכטער איז געזונט און שיין און וואַרט נאָר אויף נייע בריליאַנטן”...

און אַזוי איז בליומענבערג געזעסן מיט פאַרדריקטע ליפּן און ס׳איז געווען אַ שטיק אויפן טאָג. אַ הייסע זון האָט געקוקט דורכן פענסטער און שווער געלייכט פירקאַנטיקע העלע שטי־קער אויף דער פּאָדלאָגע. אַ ווינטל האָט געמיטלעך געבלאָזן און

דאָס האַלבע אָפענע פענסטער באַוועגט, דערבײַ האָבן זיך די פלעקן אַ שאָקל געטאָן יעדעס מאָל. און מיט אַמאָל: די לופט האָט אַ שוידער געטאָן ווי אַ שטאַרקער שטראָם וואָלט זיך אין איר געגעבן אַ שפּאַר אַרײַן: עס האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער זעץ, וואָס האָט אָפּגעקלונגען הילכיק מיט אַ בלעך־קלאַנג.

בלומענבערג איז אויפגעשפּרונגען מיט צוגלאַנצטע אויגן און דאָס פּנים האָט זיך אים באַגאָסן מיט אַ פלאַם. ער האָט אַ פּאָר מאָל אַ דרײַ געטאָן מיטן קאָפּ און די גלעזלעך פון זײַנע פענסנע האָבן מיט ערנסט געבלישטשעט. אין האַרץ האָט ער דערפילט אַ וואַרימען ציטער. ס'איז אָבער קײנער נישט געווען אין שטוב, איז ער גיך אַראָפּ פון די טרעפּ, ווי ער וואָלט מורא געהאַט צו פאַרשפּעטיקן.

—סטאַשעק! סטאַשעק!

דאָס יונגל, וואָס איז געווען אויפן הויף איז אַרײַנגעלאָפן אין קאָרידאָר. דערבײַ האָט זיך געעפנט די טיר פון גרינבוימס וואוינונג און גרינבוים איז אַרויסגעקומען מיט אַ רואיק גלײַכגילטיק פּנים. בלומענבערג האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ פײַערדיקן בליק.

—ס'האָט זיך אָנגעהויבן!

יענער האָט מיט גלײַכגילטיקייט געפרעגט:

—וואָס האָט זיך אָנגעהויבן!

—וואָס זשע מאַכט איר זיך אַזוי תמעוואַטע?

יענער האָט געצויגן מיט די אַקסלען.

—איר פאַרשטייט נעבעך נישט! איר האָט געהערט?

—כ'האָב געהערט, אַ שאָס פון ים.

—אַזוי?! אַ שאָס פון ים! וואָס זשע קוקט איר ווי אַ נעבעכטיקער?

יענער האָט אַלץ נישט פאַרשטאַנען און אַז עס האָט געדויערט אַ ווײַלע און ס'איז געווען שטיל—האָט בלומענבערג אַ ביסל ווײַכער שוין געזאָגט:

—וואָס זשע איז עס געווען?

—ווייס איך. אַ שאָס.
—וואָס עפּעס אין מיטנדערינען?
—מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק האָב איך אויך געהערט אַזאַ שאָס. כ׳בין דערמאָלט אויפן בולוואַר געשטאַנען און אַפילו דעם רויך געזען.
—אָבער אַזאַ קנאַל?
—ווייס איך, אַ ביסל שוואַכער, צי שטאַרקער.
און מיט אַמאָל: וואַך־ך־ך: אַ שווידער האָט די ליידיקייט דורכ־געשניטן און ס׳איז נאָכגעלאָפן אַ ציטער פון גלאָז וואָס האָט מיטגעצויגן אַ דינעם קלאַנג.
—נו? וואָס איז דאָס? אויך אַ שאָס?
אַזוי האָט אַ פרעג געטאָן בלומענבערג מיט בייזע אויגן און גלייך צום יונגל:
—סטאַשעק; לויף אַרויף און עפן אַלע פענסטער!
רבקהלע מיט דער אַלטער זיינען ביידע אַרויס פון דער קעך, וואָס איז געווען הינטן—זיינען שטיין געבליבן און נישט פאַר־שטאַנען, וואָס פאַר אַ פרייד ס׳איז אים באַפאַלן, האָבן זיי גע־קוקט משונה און רבקהלע האָט אַזש אַ שווידער געטאָן.
—וואָס טוט זיך דאָ?
האָט גרינבוים געענטפערט:
—נאַרישקייטן... מסתם עפּעס אַ שיפל, אַ לאָדקע געפאָרן צו ווייט...
—אַ שיפל... אַ לאָדקע...—האָט בלומענבערג נאָכגעקרומט—אַ מאָד־נע „פאַנאַטיקער", ער הערט ווי מען באָמבאַרדירט און ער שטייט און גענעצט... שיפל... לאָדקע...
רבקהלע האָט בייז אַ קוק געטאָן און ס׳איז איר איינגעפאַלן:

„זי גראָב ער איז עס געוואָרן... און אַלץ: צוליב דער „מע־לאָטשניצע" מיט די שוואַרצע אויגן".

—אַהאַ!
אַ שטאַרקער קנאַל האָט צום דריטן מאָל דורכגעצויגן, גרינבוים האָט שוין אַ קנייטש געטאָן דעם שטערן „און אפשר"...

—וואָס זאָגט איר אַצינד? שיפלעך... לאָדקעס...—האָט בלומענ־בערג געיובלט—סטאַשעק!—האָט ער אַרויפגעשריגן—צעעפן אַלע פענסטער און לויף אַראָפּ.

סטאַשעק האָט צעעפנט אַלע פענסטער און בלומענבערג איז געשטאַנען מיט די הענט אין די הויזנקעשענעס, ווי ער וואָלט דאָס באַפוילן צו שיסן. איז מען געשטאַנען און געוואַרט. דורך עטלעכע סעקונדן—און שטיל.

גרינבוים איז צוריק אַריין אין שטוב און בלומענבערג איז גע־וואָרן צעשראָקן. דורך נאָך אַ ווײַלע—האָט רבקהלע לייכט אַ שמייכל געטאָן און צוריק אַריין אין קעך.

אַלע פענסטער פון בלומענבערגס וואוינונג זיינען געשטאַנען אָפן. די זון האָט געגאָסן מיט ליכט און דאָס ווינטל האָט די ראַמען באַוועגט. ס'איז געווען שטאַרק שטיל אַרום, ס'הערט זיך נאָר ווי אין גאַס לויפט אַ דראָזשקע איבער די שטיינער. שפּעטער איז גרינבוים אַרויסגעקומען אין הויט, גרייט אַוועקצו־גיין, בלומענבערג איז נאָך אַלץ געשטאַנען און געוואַרט.

—וואָס זשע? איר וואַרט נאָך אַלץ אויף דער באָמבאַרדיראָווקע?

בלומענבערג האָט נישט געענטפערט.

—איר וואַרט אומזיסט... קומט, איר גייט אין גאַס אַריין?

—ניין.

גרינבוים האָט זיך צעשמייכלט און איז אַוועק.

בלומענבערג איז נאָך געזעסן לאַנג אויף דער באַנק אין הויף. די צווייגן האָבן געשאָרכט און די זון האָט שטאַרק געוואַרעמט. אים איז געוואָרן אַזוי שלעכט, אַז ווען ער האָט זיך אויפגע־שטעלט, האָט אים אָנגעהויבן שווינדלען אין די אויגן און דער קאָפּ האָט זיך אים פאַרדרייט. איז ער אַרויף אין שטוב, זיך דאָרט אַוועקגעלייגט אויף דער קושעטקע און געווען שטאַרק באַליידיקט.

ביי מיטאָג האָט ער די אויגן נישט אויפגעהויבן און אויף רבקה־

לעס ליפּן האָט אַ דין שמייכעלע געציטערט. נאָכן עסן איז ער צוריק געזעסן אין שלאָפצימער ביים פענסטער ביז־די זון איז פאַרגאַנגען און ס׳איז געוואָרן נאַכטיק, האָט עס אים פאַר־קלעמט ביים האַרצן און ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ טויב קול.
רבקהלע איז אַריין פאַרוואונדערט:
—וואָס איז געשען?
נאָר ער האָט זיך געווישט די אויגן און גאָרנישט געענטפערט.

—אַלץ צוליב דעם, וואָס מען באָמבאַרדירט נישט?
ער האָט געציטערט פון כּעס.
זי האָט געגעבן אַ קוק אין שפּיגל, האָט אַ שוידער געטאָן און איר איז אויסגעקומען, אַז ער וויל איר נישט ענטפערן פּשוט דערפאַר, וואָס ער קען אויף איר נישט קוקן.
—וואָס איז דער געוואַלד—האָט זי געזאָגט זייער רואיק—ביי פאַרקויפן דאָס צירונג מיט דעם קאַראַקולענעם זשאַקעט האַלט עס דאָך נישט.
ער איז אויפגעשפּרונגען, געאָטעמט שווער און שטאַרק:
—גיי אַרויס פון דאַנען!
—און אַז נישט.
ער האָט אַ ווײַלע געפינטלט מיט די אויגן. דערנאָך געכאַפּט דעם הוט מיטן שטעקן. און זי האָט צוגעגעבן:
—לויף... לויף צו חיהלען, זי וועט דיך פאַרשטיין.

V

פון דעמאָלט אָן האָט זיך בלומענבערג אָנגעהויבן שעמען פאַר גרינבוימען. אַז ער האָט אים געזען אָנקומען, האָט ער גענומען שמייכלען אונטערטעניק און געקוקט מיט בעטנדיקע אויגן. גרינבוים האָט אים קיינמאָל נישט דערמאָנט וועגן דער „באָמבאַרדיראָווקע". ער אַליין האָט אויסגעזען זייער מיד און דערשלאָגן. ער האָט עפּעס אַליין פאַרלוירן די היץ ביים ריידן.

אין אָוונט איז גרינבוים געזעסן אינדערהיים. אָפט געזעסן אין גאָרטן—און שבתדיק רואיק און מידגעלאַסן מודה געווען, אַז ס'קען זייער זיין די באָלשעוויקעס זאָלן דאַרפן אָפּטרעטן פון אָדעס, ווייל—מיט די אוקראַינישע פויערים איז נישט צו מאַכן, „זיי זיינען נאָר פעאיק צו מאַכן פּאָגראָמען, ווייטער נישט."

דאַן איז בלומענבערג געקומען צו זיך:

—און וואָס האָב איך אייך געזאָגט? מיט וועמען גייט מען דאָ? מיט די כאַמולעס? צי מיט די גאָנטעס און כמעלניצקיס?

—און אַז די ווייסע וועלן קומען? וועלן זיי דען נישט מאַכן קיין פּאָגראָמען?
—ווער זאָגט דען? דערפאַר זאָג איך דאָך: מיר האָבן דאָ גאָר־נישט וואָס צו טאָן. מיר מוזן האָבן אַן אייגן לאַנד און שוין.

און בלומענבערג האָט זיך צורעדט וועגן „גלות" וועגן „פּינס־טערן יידישן גורל". גרינבוים האָט עס אויסגעהערט מיט אַ געזונקענעם קאָפּ. ביז ער האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעשטעלט און אַריין אין שטוב מיטטראָגנדיק מיט זיך אַ שטיקל מרה־שחורהדיקן ווייטאָק און עקל. און בלומענבערג איז אַרויף צו זיך אַ גע־לייטערטער, ווי ער וואָלט זיך אַרומגעוואַשן נאָכן שלאָף. אַ סך מאָל האָט ער זיך לייכט אונטערגעזונגען. איז געווען דרייסט, געזעסן ביים טיש און באַפוילן, ווי ער וואָלט נאָר וואָס אַ גרויס פאַרמעגן געירשנט.
רבקהלע איז אָפּט געזעסן אַ בלייכע און געווען אַזוי מיד, אַז זי האָט נישט געהאַט קיין כח זיך צו וועלן אויפהייבן. כאָטש זי האָט געדענקט, אַז זי דאַרף זיך צולייגן: די לעצטע צייט האָט זי געליטן פון שטאַרקע קאָפּ־פאַרדרייעניש און אָפּט האָט זיך איר דער קאָפּ פּלוצלונג אַזוי פאַרדרייט אַז זי האָט גענו־מען גיין קרום.
נאָר בלומענבערג האָט גאָרנישט באַמערקט: ער האָט נישט גע־קענט מפסיק זיין אין זיין ווערטן און דערפאַר האָט זי אים אויסגעמיטן. זיך נישט באַקלאָגט פאַר אים—נישט צוליב צו טאָן די שוועגערין... און נאָך איז איר אויסגעקומען: ער, דער גביר... שעמט זיך מיט זיין פאַרדאַרט קראַנק ווייבל.
און מיט יעדער וואָך איז גרינבוים געוואָרן פאַרטראַכטער און נאָכגיביקער... און מענטשן מיט היטלען און דאַשקעס האָבן שוין געשמייכלט אין די גאַסן... און איבערגעלייקט די סחורות אינדערהיים...

* * *

ביז איינמאָל בייטאָג איז בלומענבערג געקומען פון גאַס אַ צו־פרידענער און מיט יחוס אין די אויגן. ער איז געגאַנגען שטייף און זיכער און אויפן הויף געזוכט מיט די אויגן גרינבוימען. ער האָט אַריינגעקוקט דורכן פענסטער. גרינבוימס ווייבל, אַ שטילע און פאַרחלומטע, איז צוגעקומען מיט ברוינע גרויסע אויגן.

—נישטאָ גרינבוים?

—נאָך נישט געקומען.

—אַזוי?

—איר האָט אים עפּעס געדאַרפט?

אַזוי האָט געפרעגט דאָס ווייבל, ווייל זי האָט עפּעס געזען שיינענדיקס און סודותדיקס אין זיין פּנים.

—גאָרנישט... כ׳האָב גלאַט געוואָלט זען.

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אַ זאָג געטאָן:

—זעט אויס, די באָלשעוויקעס גייען אַוועק.

—טאַקע?—און דאָס ווייבל האָט נישט געוואוסט, צי זי דאַרף זיך דערשרעקן אָדער נישט. שוין צופיל האָט מען די לעצטע צייט געשאָסן אומשולדיקע מענטשן.

שפּעטער איז גרינבוים אַהיים געקומען. דאָס ווייבל האָט אים אָנגעטראָפן מיט וואונדער: זי האָט לחלוטין נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער איז אַזוי גלייכגילטיק, ווען ער אַליין דינט ביי זיי...

—ס׳איז אמת?

—אַז וואָס?

—אַז די באָלשעוויקעס גייען אַוועק?

—ווער זאָגט?

—בלומענבערג.

גרינבוים האָט זיך צעשמייכלט.

—ער איז עס דיר געקומען אָנזאָגן?

—ער האָט געזאָגט.

—מעגלעך... די באַנדעס שטערן שטאַרק... רופט זיך עס אָפּ אויפן פראָנט. נאָר איידער זיי וועלן אַוועקגיין—רעכן איך—וועט

ער נאָך מוזן די קאָנטריבוציע באַצאָלן, נאָך אַלע דרייעניש.

–עס וואָלט שוין אפשר נישט געשאַדט, זיי זאָלן גיין.–האָט דאָס ווייבל געזאָגט, זיך פאַרשעמט פאַר גרינבוימס בליק און אויסגעפירט:
–מענטשן גייען דאָך אויס פון הונגער... ס׳איז דאָך פשוט נישטאָ וואָס צו עסן. פרוי בליומענבערג זעט שוין אויס–אַ טויטער מענטש...
–און דער הער בליומענבערג?
–כ׳פאַרשטיי טאַקע נישט. ער איז דער אייגענער ווי געווען.
— — — — — — — — —
נאָך מיטאָג זיינען אָנגעקומען: דער ברודער, וואָס האָט געהאַט אַ פאַרבאָרגענעם שמייכל טיף אונטער די וואָנסן; זיין ווייב– מיט לאַנגזאַמע רואיקע טריט און זייערס אַ מיידעלע מיט אַ געקרייזלט שוואַרץ קעפל, אין אַ זיידן ראָזע קליידל.
ביי זייער אָנקומען איז בליומענבערג געזעסן אויפן הויף מיט גרינבוימען, און ס׳איז געוואָרן רעשיק און האַלב פריילעך, ווי אין שטוב ביי אַ חולה וואָס איז נאָר וואָס איבערגעקומען דעם קריזיס.
חיהלע האָט געטראָגן אַ ווייס קלייד מיט אַ ווייסן הוט, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן ראַנד. דערפאַר איז איר פנים געווען איצט מיט אַ דינע לייכטע פרישקייט און די שוואַרצע אויגן האָבן זיך שטאַרק אויסגעטיילט. זיי האָבן זיך אויסגעזעצט אויף דער באַנק נעבן בליומענבערגן און גרינבוימען און חיהלע האָט זיך געפרעגט:
–און וואו איז רבקהלע?
–אין שטוב–האָט יוסף געענטפערט אַזוי גלייכגילטיק, ווי מען וואָלט דאָס געפרעגט אויף אַ פרעמדן.
זי האָט זיך אויסגעדרייט פלינק און געשיקט. דערזען סטאַשעקן, וואָס איז געשטאַנען נעבן מיידעלע, האָט זי אים געלאַסן צוגערופן און געזאָגט:
–קינדער, רופט אַרויס די מאַמאַ.

דער קליינער סטאַשעק איז אַוועק פייל פון בויגן און חיהלע האָט שמייכלענדיק זיך געזעצט.
דער ברודער, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ היטלמאַכער, האָט מיט אַמאָל אַרויסגעלאָזט אַ ווינט פון צווישן די ליפּן און געזאָגט:

—דאַנקען גאָט. הייסט עס, אַז מיר ווערן שוין פּטור פון דער באַנדע!
—וואָס פאַר אַ באַנדע?—האָט גרינבוים געפרעגט.
—כ׳מיין די לייט, די באָלשעוויקעס.
—שוין?—האָט גרינבוים איבערגעפרעגט.
בליומענבערג האָט זיך גיך אַריינגעמישט:
—שוין, ס׳רעדט זיך אַזוי. איז נאָך אַלץ טעג, אָבער אַוועקגיין וועלן זיי שוין. און ווירקלעך—ס׳איז דען אַ לעבן אַזוי? ס׳איז דאָך שוין נישט מעגלעך צו לעבן. דער האַנדל איז אָפּגעשטאָרבן...

—די ספּעקולאַציע פעלט אייך.
—זאָל זיין אַזוי. אָבער וואָס איז אייך בעסער געוואָרן אָן דער ספּעקולאַציע?
—איך פאַרשטיי נישט: פון ווען אָן איז עס האַנדל געוואָרן ספּעקולאַציע?
אַזוי האָט געפרעגט דאָס ווייבל מיט די שוואַרצע אויגן און מיט אַזאַ טאָן, אַז גרינבוים האָט זיך צעשמייכלט און בליומענבערג איז געקומען אין פאַרלעגנהייט...
גרינבוים האָט אַ טראַכט געטאָן: אַן עבירה די רייד. און דאָס בלייכע ווייבל האָט אויך געשמייכלט און זיך מיטאַמאָל דערמאָנט:

—וואו זשע איז רבקהלע?—איז אויפגעשטאַנען און מיט געלאַסענע טריט צוגעגאַנגען צום פליגל וואו זייער דירה איז און אַרויפגעשריגן: מאַדאַם בליומענבערג!
רבקהלע האָט זיך געוויזן אין פענסטער און עפּעס געענטפערט, חיהלע האָט נישט דערהערט און איבערגעפרעגט: וואָס? האָט שוין יענע אַ שמייכל געטאָן און געוויזן מיט דער האַנט, אַז

זי גייט אַראָפּ.

סטאַשעק איז אַראָפּגעלאָפן:

—די מאַמעשי גייט שוין.

אַראָפּגעקומען איז זי מיט מידקייט און קאַלטן שמייכל.

—וואָס ביזטו אַזוי פאַראַרבעט?

איין ווײַלע האָט רבקהלע געשמייכלט:—ווייס איך?—נאָר באַלד צוריק אָנגעהויבן שווייגן.

ווען בײדע זײנען צוגעקומען צו דער באַנק, איז אַ ווײַלע שטיל געוואָרן. איצט האָבן אַלע געזען ווי רבקהלע זעט אויס שרעקלעך. און דער ברודער האָט אַ טראַכט געטאָן: „נישט גוט מיט איר.” בליומענבערג אַליין האָט דערפילט אַ שווערקייט, וואָס האָט אים די גאַנצע שטימונג צעשלאָגן.

חיהלע האָט אָנגעהויבן ריידן פון שטובזאַכן, פון דער באָנע, וואָס זי האָט צוריקגענומען און פון דעם, וואָס „אַז גאָט וועט נאָר העלפן און מען וועט איבערקומען בשלום”, זאָגט זי אָפּ די קעכין און נעמט צו אַן אַנדערע.

רבקהלע האָט געשוויגן, זיך געפילט שטאַרק געפאַלן און איך האַלז האָבן זיך טרערן געקליבן. און דערפאַר, וואָס זי האָט אַזוי געשוויגן, האָט זיך בליומענבערג געפילט באַליידיקט און די אויגן אויף איר נישט אויפגעהויבן. דערביי האָט אים גע-בלאָנדזשעט אַ בייזער געדאַנק אין קאָפּ: „ווי אַזוי ווערט מען פּטור...” די געסט האָבן אויך אָנגעהויבן גענעצן און זיך אויפגעשטעלט צום אַוועקגיין.

בליומענבערג האָט דערביי געטראַכט:

„אַז אָך און וויי... אַ שטוב ביי מיר... מען נעמט אויף מענטשן ביי מיר...”

ווען זיי זיינען אַוועק האָט בליומענבערג מיט רבקהלען זיי באַגלייט צום טיר. אַז זיי זיינען צוריקגעגאַנגען, האָט ער געטראַכט פון דעם, וואָס „זי” איז אַוועק אַ ברוגזע, האָט ער זיך אָפּגעשיידט פון רבקהלען, איז צוגעגאַנגען צו דער באַנק וואו גרינבוים איז נאָך אַלץ געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

—וואָס זשע זענט איר אַזוי פאַרטראַכט!

—ווייס איך? איך טראַכט צי זאָל איך אַוועקפאָרן.

—איר? נאַרישקייטן! וואָס האָט איר מורא? הערט אויס, איך נעם עס אויף זיך.

—איר נעמט עס אויף זיך?

בלומענבערג האָט אַ קוק געטאָן צו דער ערד:

—וואָס איז? איר האָט ביי זיי געדינט? אַ סך מענטשן האָבן געדינט. וואָס דען האָט מען געקענט טאָן? מען מוז דאָך לעבן? גרינבוים האָט גאָרנישט געענטפערט און געזוכט ווי אַזוי אַוועקצוגיין פון דעם הער.

און דאָרט, אין שטוב, איז רבקהלע געלעגן אויף דער קושעטקע און געוואוסט, אַז זי איז עלנט ווי אַ שטיין אין פעלד און איז קראַנק. האָט אַפילו נישט פאַר וועמען זיך אויסצורייִדן. און מיט אַמאָל האָט איר אָנגעהויבן ווייט בלענדן אין די אויגן. איבער ביידע שלייפן האָבן זיך וואַרימע שטראָמלעך געצויגן.

VI

געשען איז עס פּלוצלונג.

ס׳איז געווען אַ ליכטיקער זוניקער טאָג. די גאַסן זיינען געלעגן שטאַרק אויסגעטרוקנט און די הייזער זיינען געשטאַנען ווי געגאָסענע. מיט אַמאָל האָט זיך דורכגעטראָגן אַ צערודערונג, וואָס אַלע האָבן דערפילט און אַלע האָבן זיך גענומען פּאָרזיכטיק אַרומקוקן. מיט אַמאָל האָבן אַלע אָנגעהויבן פאַרשטיין: איבער דער גאַס זיינען דורכגעלאָפן אויטאָמאָבילן; געלאָפן אין איין אָטעם און הייזעריק געדרעוועט; יונגעלייט זיינען דורך מיט שנעלע טריט. שפּעטער אַביסל האָט זיך דערהערט מוזיק שפּילט. איבער דער גאַס האָט זיך געצויגן מיליטער, אַלע־שווער באַלאָדן מיט פאַרשוויצטע פּנימער. נאָך זיי זיינען נאָכגעפאָרן פירן מיט קוילנוואַרפער און מעכאַנישע ביקסן. די פּנימער פון די זעלנער זיינען געווען ערנסט און אָנגעשטריינגט.

ביי אַ טויער—וואו מען איז געשטאַנען נייגעריק און צעשראָקן—איז אַ יונגערמאַן אָנגעלאָפן, געבליבן שטיין, ווי ער וואָלט זיך אין עפּעס אָנגעשלאָגן, האָט ער שטיל מיט פרומע צעשראָקענע אויגן אַ זאָג געטאָן:

—„אין „לאַנדענסקע" פּאַקט מען זיך און מען ברענט די פּאַפּירן."

נאָכדעם האָט שוין די גאַנצע גאַס געוואוסט, וואָס עס קומט פאָר—אַז דער „רעווקאָם" פאָרט אַרויס פון „לאַנדינסקע" האָטעל:

פּלוצלונג האָט זיך אין ליידיקייט דורכגעריסן אַ שאָס. אין גאַס איז געוואָרן אַ שטילע מהומה. מענטשן האָבן אָנגעהויבן לויפן, ציענדיק די קעפּ צווישן די אַקסלען און זיך נישט אומגעקוקט. זיך מיט אימפּעט געפּאַקט אין די טויערן אַריין און אין גאַס, האָט אויסגעזען, שטייט אַ רויך. מען האָט אָנגעהויבן פאַרקלאַפּן די קלייטן און עס איז געוואָרן אַ קרעכצעריי פון שטאָרן, וואָס מען האָט אַראָפּגעצויגן. נאָר באַלד איז צוריק שטיל געוואָרן. פון ערגעץ אַ טויער איז אַרויסגעקומען אַ צעשראָקענער בלייכער רויטאַרמייער אָן אַ ביקס, געאָטעמט גיך און צעטומלט, זיך אַרומגעקוקט און זיך געלאָזט מיט גיכע טריט קווער איבער דער גאַס.

מען איז צוריק אַרויס פון די הייף, אָנגעהויבן אַראָפּרוקן די לעצטע שטאָרן פון קלייטן און דאַן האָט מען דערזען, אַז אין גאַס שטייען פּראָסטע אַרבעטער מיט ביקסן. זיי זיינען אויך צעטראָגן, נאָר זידלען זיך, פאַרוואָס מען מאַכט אַ רעש, און באַפעלן צוריק אויפצוהייבן די שטאָרן.

אין די הינטערגאַסן איז געווען שטיל. מען האָט שווייגנדיק געקוקט ווי מענטשן איילן זיך אַהיים. קליינע גרופּעס זעלנער גייען פאַרביי מיט כעס אין די אויגן און פאַרגליווערונג אויף די פּנימער.

פאַר די טויערן זיינען געשטאַנען מענטשן אין היטלען מיט דאַשקעס, שטייען מיט באַהאַלטנקייט און דערזעענדיק די זעלנער פאַרבייגיין, האָבן זיי זיך צוריקגעצויגן אין די טויערן.

נאָך שפּעטער איז איבער דער גאַס געפאָרן אַן אויטאָמאָביל, ביי די זייטן זיינען געזעסן מענטשן מיט ביקסן און רעוואָל־

ווערן און צווישן צוויי מענער איז געזעסן אַ יוגגע פרוי, וואָס האָט זיך שטאַרק געערגערט און נישט געקענט איינזיצן. פון עק גאַס האָט זיך אַ געשריי דערהערט, צוויי מיליטערלייט האָבן זיך געלאָזט לויפן איבערצושלאָגן זיי דעם וועג, האָבן עפּעס געשריגן און אויסגעשטרעקט די רעוואָלווערן. נאָר מיטאַמאָל האָט עפּעס אויסגעבראָכן, אַ רויך האָט זיך אויפגעהויבן און פאַרשטעלט די גאַס. ווען דער רויך האָט אָנגעהויבן צוגיין, האָט מען נישט געזען נישט קיין אויטאָמאָביל און נישט די מיליטערלייט.

אויף ביעלינסקע—די גאַס וואָס פירט צום מיליטערישן שפּיטאָל—זיינען געגאַנגען קראַנקע זעלנער, זיי זיינען געווען איינגעהילט אין כאַלאַטן מיט שטעקשיך אויף באָרפיסע פיס. זיי זיינען געווען הילפלאָז און צעשראָקן; האָבן געטראָגן אין די הענט פּעקלעך אָנטאָן און די אויגן זייערע זיינען געווען גרויס און קיילעכדיק ווי ביי וואַלדפייגל. איייניקע האָבן געהאַט שטאַרק פאַרביסן די ציין, די קינבאַקן שטאַרק אָנגעצויגן און אין די אויגן עפּעס רויטלעכס.

גרינבוים איז געגאַנגען אַ בלייכער אַהיים. האָט זיי אָנגעטראָפן, געבליבן שטיין אַ ווײַלע און עס האָט אים מיט גרויס ווייטאָק אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ. ער האָט גאָרנישט געטראַכט און נאָר געפילט, אַז ער ווען ער וואָלט געקענט—וואָלט ער ווילד אָנגעהויבן שרייען, אַזוי אַז מען וואָלט זיך צעגויפגעלאָפן.

ווען ער איז געגאַנגען אין געסל, וואָס פירט צו זיין וואוינונג האָט ער אַ ציטער געטאָן פלוצלונג: פאַר אַ טויער איז געשטאַנען איינער אַ הויכער מיט אַן אַרויסגעשטאַרטן בויך, ער איז געשטאַנען אין לאַקירטע האַלבע שיך און ווייסע גלייכגעפּרעסטע הויזן, די הענט מיט די ווייסע באַטיסטאַרבל פאַרוקט אין די הויזנקעשענעס, ער האָט זיך געשאָקלט אויף די פיס און די אונטערשטע גאָמבע האָט אים געציטערט, זיינע גרויסע, קעלבערנע, בולטע אויגן האָבן געקוקט ווי נאָך מיטאָגשלאָף און ער האָט זיך אונטערגעפייפט.

גרינבוים האָט שווער געאָטעמט. ערשט נעכטן האָט ער נאָך

געטראָגן אַ היטל מיט אַ דאַשעק. און אַ דינער שמייכל האָט זיך צעצויגן איבער גרינבוימס ליפּן. פאַרבײַגייענדיק האָט ער זיך באַהערשן נישט געקענט און נישט אומקוקנדיק זיך אַרויסגעלאָזט דורך די ציין.

—ער פּייפט שוין.

ווייזט אויס, אַז יענער איז אַ ייד געווען. ווײַל ער האָט אויפגעהערט פּייפן און גרינבוים האָט געפילט אונטער זיך זיין צעטומלטן בליק.

אַז ער איז אַהיימגעקומען, האָט ער געטראָפן בליומענבערגן שטיין אויף די טרעפּלעך פון „טעראַסע” און האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט נאָר וואָס פאַרנומען אָוואַציעס פאַר זיין כבוד וועגן: ער איז געשטאַנען גלייך אויסגעצויגן און אַ גוטמוטיקער שמייכל האָט זיך האָניק־זיס געשפּילט אונטער זיינע אויגן.

—וואָס הערט זיך?—האָט ער אָפּגעשטעלט גרינבוימען.

—איצט גייט מען שוין... נאָך אַלעמען.

יענער האָט נישט געוואוסט צי מיינט ער דאָס ערנסט, צי ער רעדט עס מיט איראָניע, און דער שמייכל איז אים געבליבן הענגען אויף דער אויבערשטער ליפּ.

—שוין... האָט גרינבוים נאָך אַמאָל געזאָגט און זיך בלאַס צעשמייכלט.

— — — — — — — — —

מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער איז כמורנע געוואָרן. איבערן הימל האָבן געבלאָנדזשעט שרעקנדיקע שוואַרצע פלעקן. און ערגעץ האָט זיך די זון אַראָפּגעלאָזט. גרינבוים איז געזעסן ביים פענסטער שווייגנדיק און אים איז געווען אויפן האַרצן ווי ער וואָלט געדאַרפט ברעכן. ער האָט כסדר געדענקט דידאָזיקע, וואָס האָבן זיך הילפלאָז געשלעפּט פון שפּיטאָל. זיין ווייבל איז אַרומגעגאַנגען אַ בלייכע מיט פּייכטע אויגן. מיט אַמאָל האָט אַ שרעקלעכער קנאַל דורכגעריסן די לופט, ווי אַ וואַלד וואָלט איינגעבראָכן. דאָס ווייבל איז שטיין געבליבן און געקוקט אויף גרינבוימען, וואָס האָט זיך קיין ריר נישט געטאָן, האָט אויפגעהויבן

דעם קאָפּ און געזאָגט:

—פון ים.

און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַנאָנאַדע: שווער הילכיק האָבן די סנאַריאַדן געריסן. דאָס ווייבל איז גע־שטאַנען ווי פאַרפרוירן און גרינבוים איז אַלץ אַזוי געזעסן ביים אָפענעם פענסטער. ער האָט געהערט ווי אין דרויסן רעדט בליומענבערג מיט זיין יונגל און די אַלטע שוויגער מיטן קראַנקן ווייבל רופן זיך איינס דאָס אַנדערע, ווי זיי וואָלטן אין אַ וואַלד פאַרבלאָנדזשעט. ביז גרינבוימס ווייבל האָט שטיל און פאַר־זאָרגט אַ זאָג געטאָן:

—גיי אַוועק פון פענסטער.

—וואָס האָסטו מורא?

עס האָט זיך געעפנט אַ טיר און בליומענבערג איז אַריין אַ צעפלאַמטער, מיט גוטברודערשאַפט אויפן פנים, וואָס האָט די בלייכקייט פאַרלוירן.

—וואָס זיצט איר דאָ אין שטוב? קומט אַרויס...

גרינבוים האָט אין אים איינגעגעסן צוויי בייזע אויגן. נאָר דאָס ווייבל האָט אונטערגעכאַפּט:

—קום טאַקע אַרויס, וועט זיין היימלעכער.

אין קאָרידאָר האָט זיך רבקהלע געדרוקט צו דער וואַנט, זי איז געווען בלייך־גרין און געציטערט, און ביי יעדן הילך האָט זי געגעבן אַ שטרעק אויס אַ האַנט, נאָר בליומענבערג האָט עס נישט געזען, ביי יעדן קנאַל האָט עס ווי אויפגעוואונגען אין אים, און גרינבוים האָט מיט אַמאָל אַ טראַכט געטאָן:

—אויפגעהערט מורא האָבן...

ווי אַ דונער האָט זיך אַ קייקל געטאָן איבער די קעפּ און אַזוי רעשיק, אַז אַלע האָבן די קעפּ אַראָפּגעזעצט. רבקהלע האָט אַ געשריי געטאָן ווי אַ פויגל, זיך אָנגעכאַפּט אָן וואַנט.

גרינבוים איז צו איר צו און איר אָנגעכאַפּט ביי די אויסגע־שטרעקטע הענט:

—וואָס איז אייך?

—מיר איז שלעכט.—און געפיבערט.

ס'איז געוואָרן אַ שטיקל רעש, די אַלטע האָט געשריגן: וואַסער! וואַסער! און בלומענבערג האָט אויסגעזען ווי מען וואָלט אים שטאַרק געשטערט און נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן.
סטאַשעק האָט אָנגעהויבן ציטערן און זיך געגרייט אויסצוברעכן אין אַ געוויין נאָר גרינבוימס ווייבל האָט אים באַרואיקט, גרינבוים אַליין האָט אַרויסגעבראַכט אַ שטול, רבקהלע האָט זיך גע־זעצט און ווען ער האָט געוואָלט לויפן אויפן הויף נאָך וואַסער, האָט זי געזאָגט:
—מען דאַרף נישט... ס'איז מיר גאָרנישט... איך האָב זיך דער־שראָקן.
נאַכט איז צוגעפאַלן. דער הימל האָט זיך אַלץ מער געכמאַרעט, דאָס באָמבאַרדירן האָט זיך איינגעשטילט. אַלע זיינען זיך צו־גאַנגען, נאָר גרינבוים איז געבליבן אויף דער טעראַסע און געהערט ווי אויבן לאַכט בלומענבערג מיט אַ צופרידן קול און פון דעם איז אים אין האַרצן געוואָרן ענג און טרויעריק.

— — — — — — — — —

די גאַנצע נאַכט איז דורך אין שלאָפלאָזער ערוואַרטונג. ס'איז געהאָנגען אַ פאַרגליווערטע שטילקייט אין דער נאַכט—ווי אַלץ וואָלט מיט אַמאָל זיך אָפּגעווישט פון דער שוואַרצער ערד־—פרויען זיינען געשלאָפן דרימלענדיק און שרעקנדיק זיך, און די מאַנסלייט האָבן שלאָפן נישט געקאָנט. בלומענבערג האָט ערוואַרט מיטן טאָג זיין „אויסלייזונג", ווען פרישע אָפּיצערישע צעהיצטע געזיכטער וועלן זיין לעצטע שרעק אויסלעשן און גרינבוים האָט זיך קיין אָרט נישט געפונען, ווי ער וואָלט מיט צעשטרייטע בליקן דערוואַרט דעם לעצטן אָטעם פון אַ גרויסן גוסס...
באַלד באַגינען ווען איבערן הימל האָט זיך אַ בלייכקייט צע־גאָסן און פון ווייטן האָט זיך געטראָגן עפּעס אַ הוילער רעש, האָבן זיי זיך ביידע אין הויף אָנגעטראָפן: גרינבוים—אַ פאַר־טונקלטער מיט אַ בליק, וואָס האָט געברענט פון ווייטאָק, און בלומענבערג מיט צעגליטע אויגן פון נייגער.
ביידע זיינען אַרויס אויפן גאַס און ביידע האָבן צווישן זיך

נישט געהאַט וואָס צו ריידן. גרינבוים האָט זיך באַמיט צו האָבן אַן אויסזען, אַז אים גייט די גאַנצע זאַך נישט אָן, אַז אים אַרט גאָרנישט אַזוי פיל וואָס די באָלשעוויקעס זיינען אַוועק, און בלומענבערג—אַז קיין גרויסע פרייד איז עס נישט ביי אים, וואָס דעגיקינצעס זיינען אָנגעקומען... דאָס האָט אַזוי געדויערט אַ שטיקל צייט, וואָרום אין גאַס האָבן זיך מענטשן אַרומגע־דרייט מיט גנבהשע מינעס אויף די פנימער. איינער דעם אַנ־דערן האָט געוואַרט און יעדער האָט מורא געהאַט פאַר „עפּעס"... ביז—טיף אין גאַס האָט זיך באַוויזן אַן אויטאָמאָביל מיט אַ רויט־ווייס־בלויער פאָן, און באַלד האָט זיך אָנגעהויבן רייסן אין ליידיקייט אַ הורא־געשריי, און דאַן איז פון די פנימער מיט אַמאָל אַראָפּ דער ליגנט. בלומענבערג צוזאַמען מיט אַנ־דערע „היטלדיקע" האָבן באַקומען פריילעכע שרייענדיקע פנימער.. און גרינבוים האָט שוין דאָ אויף דער גאַס מער נישט געקאָנט איינשטיין.

* * *

איצט האָט שוין דער שטן איבער גאַס און דעכער געלאַכט.

עפּעס רעגנדיקס, טרויעריק־שוואַרצס האָט זיך אַריינגעריסן אין די גאַסן און מוחות. אַ בלוטיקער שיגעון האָט זיך געוואָרפן פון גאַס צו גאַס, פון הויז צו הויז, און געקלעטערט איבער די דעכער ווי שוואַרצע קעץ, און אַ כוואַליע האָט זיך פון אַלע זייטן אין אַ ווילדן ברום געריסן, ווי אַ שמאָלער שוואַרצער וואָלקן: נקמה!

אויטאָמאָבילן מיט זומפּבאַשפריצטע רעדער—מיט אויסגעשטעלטע ביקסן פון אַלע זייטן, האָבן זיך געשניטן איבער פייכטע גאַסן, און אַרום איז געווען אַ מין בלינדע פאַרגאַפונג, אויסגעמישט מיט ערשטוינונג און אומזין. ביי די זייטן אויטאָמאָבילן זיינען געלעגן אויסגעצויגענע פאַרגליווערטע מענטשן מיט ביקסן צום שיסן גרייט—זיי זיינען געלעגן פאַרגליווערט ווי עס ליגן לייבן

פאַרשטאַרט ביים איינגאַנג פון אַ הויז. זייערע פנימער זיינען געווען ווינטיק פאַרהאַרטעוועט און די אויגן האָבן זיך נישט באַוועגט–זיי האָבן עפּעס געוואַרט אָנצוטרעפן, זיך אָנשלאָגן אָן עפּעס און דאַן – – –
אין דער לופט איז געהאָנגען אַ שטומער פאַרהוילענער יאָמער, וואָס האָט געציטערט ווי אַ בלוטיקער שטרייף. עפּעס אַן אומגעהייערער גוואַלטיקער קרעכץ איז אויסגעגאַנגען אין ליידיקייט.

מענטשן–ווי אַרויסגעקומענע דורך הינטערטירן האָבן זיך אין די גאַסן באַוויזן, זיי האָבן שוין נישט געטראָגן די היטלען מיט די דאַשקעס–האָבן שוין געטראָגן שוואַרצע אָדער גרויע היטן–האָבן זיי שפּאַצירט שטאָלצע מיט אויפגעריסענע קעפּ, פירנדיק שווערע אויסגעקעכלטע ווייבער–האָבן זיך אַרומגעשטעלט די הייזער. פון וועלכע ס'האָבן אבלדיק אַראָפּגעקוקט רויטע גרויסע שילדן און איבער זיי, ביי זיי, האָבן אָפּגעריסענע יונגלעך זיך געפּאָרעט... אַ שיכור האָט זיך דערביי עפּעס געחכמהט, און אַן אויסגעפּוצטער יונגערמאַן האָט זיין הוט איבערגעגעבן צו אַ דאַמע אין האַנט, אַליין אַ ווילע געשטאַנען מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ–דער ווייסער שרינט האָט ווי אַ ווייסער דיקער וואָרעם אַראָפּגעקוקט פון זיין גלאַטיקן קאָפּ און אויף זיין גלאַט ראַזירט פנים איז פאַרגליווערט אַ חוזק געלעגן. מיט אַמאָל האָט ער זיך צוגערוקט נענטער. אויפגעהויבן זיין שטעקן מיט דעם זילבערנעם הענטל און אַ ריס געטאָן דעם שילד, וואָס איז געהאַנגען אויפן לעצטן ווינקל. דער שילד איז געפאַלן מיט אַן אויסגעצויגענעם טויטן קרעכץ–און צווישן די הערן אין די האַרטע היטן האָט אַ געלעכטער אויסגעבראָכן.
איינער מיט אַ קורץ נעזל און פלאַקסענע האָר האָט אָנגעהויבן שעלטן די „זשידעס” און די זעלבע האָבן געלאַכט–געלאַכט און נישט געהערט זיינע רייד–זייערע אויגן זיינען צעפלאַמט געווען.

און צווישן זיי איז בליומענבערג געשטאַנען–דאָסמאָל האָט ער געהאַלטן געאָרעמט זיין ווייב–ס'איז עפּעס לייטישער אַזוי, און

האָט אויך געשמייכלט. נאָר רבקהלע האָט אַלע ווײַלע אויפ־געציטערט, זי האָט בשעת מעשה געדענקט אין פּאָגראָם־באַ־שרײַבונגען, וואָס זי האָט אין די צײַטונגען געלעזן. איצט האָט זי געטראַכט, אַז ס׳איז געווען נאַריש צו מיינען, אַז אין גאַס וועט איר לײַכטער ווערן. וואָרום דער קאָפּ איז איר געוואָרן ווי צעניפּגעגאָסן. און זי האָט דורך אַ נעפּל געפילט, אַז עס וועט מיט איר עפּעס געשען און דאָס האָט איר שטאַרק דער־שראָקן...

—קום...

—באַלד... באַלד...

—וואָס ווערסטו דאָ זען?—קום אַהיים...

זי האָט עס געזאָגט מיט אַ ציטעריק קול—ער האָט זיך אומגע־קוקט און באַמערקט, ווי פון הינטער די בלײַכע הויט אויף איר פּנים שלאָגט אַפּויער אַ גרינקייט—האָט ער צוריק אָפּגעווענדט די אויגן און גענומען שווײַגן, ווי אין זײַן פרייד וואָלט זיך אַ טרויעריקער דיקער פאָדים אײַנגעשפּינען.

אויבן אין גאַס—דאָרט נאָענט צום וואָקזאַל האָט זיך עפּעס אַ געדיכטע מאַסע באַוועגט, און ס׳האָט זיך פון דאָרט אַ ציטער מיט אַ ווילד געשריי אַרויסגעריסן, דערנאָך האָט זיך אַ הויב געטאָן פון דאָרט אַ רעווע, וואָס האָט די לופט אַדורכגעשניטן, ווי עפּעס אַ רעווע פון אַ חיה אין וואַלד—דאָס קול איז געווען משונה און פרעמד, דער המון האָט דאָרט אויפגעציטערט.

אַ שאָס האָט אָפּגעהילכט, דער המון האָט זיך דאָרט אַ רוק אָפּגעגעבן, נאָר אין דער ליידיקייט האָט געציטערט דאָס ווידער־קול פון רעווע.

אַז זיי זײַנען צוגעקומען אַהין נענטער האָט זיך רבקהלען אַזוי דער קאָפּ פאַרדרייט, אַז זי האָט זיך אָנגעכאַפּט אין מאַנס האַנט.

אויף דער ערד איז געלעגן אַ יונגער כינעזער, די קליידער אויף אים זײַנען געווען צעריסן און פון צווישן די ריסן האָבן אַרויסגעבליקט בראָנזענע פלעקן. די רעכטע האַנט איז געווען

ווי אַרונטערגעבראָכן און אַ פאַרבלוטיקטער ביין האָט געקוקט מיט רויט־שוואַרצלעכע שפּיצן — אויף דעם ברוינעם פּנים איז גע־לעגן פאַרגליווערט אַן אומגעהייערע שרעק, אַ בייזער בלוטיקער וואונדער, וואָס האָט דעם טויט נישט פאַרשטאַנען און געוואוסט, אַז ער מוז קומען... די מאַנדל־אויגן זיינען געווען האַלב־אָפן און מיט בלוט איבערגעגאָסן און אין שטערן איז געזעסן אַ רוי־טער פלעק, ווי עפּעס אַ געוויקס, און פון דעם פלעק האָט זיך געצויגן אַ רויט שנירל קווער איבערן אויג און פאַרפאַלן גע־וואָרן אונטערן אויער. די גאָמבע מיט דער אונטערשטער ליפּ איז געווען אָפּגעשלאָגן אָן אַ זייט אַריין. און אין ווינקל פון די ליפּן — איז געלעגן אַ רויטע שוים, וואָס האָט אויסגעבלאָזן די לעצטע קליינע ווייס־רויטע בלעזעלעך, וואָס האָבן שוין גע־גליווערט — און פון די ליפּן האָט נאָך געאָטעמט אַ וואַרימער יונ־גער הויך... אויף דער נאַקעטער ברוינער ברוסט, וואָס איז געלעגן מאַסיוו און שטאַרק־מוסקולנדיק, זיינען געלעגן צוויי ווייסע קאַנטיקע גרויסע ציין. האָט עס אויסגעזען ווי צוויי קעפּ־לעך פון ווייסע ווערעם קוקן אַרויס פון דער ברוסט.

ער איז געלעגן מיט אויפגעהויבענע קניען, ס'האָט זיך געפּילט דער לעצטער ווייַ אין אים — און ס'איז אויסגעקומען, אַז ער וועט זיי נאָך אויסציען.

רבקהלען האָט געשווינדלט אין די אויגן, זי האָט גאָרנישט גע־זען און נאָר געהערט ווי איינער זאָגט:

— גאַנץ גלייך... אַזוי קומט אים... רויבער!...

און זי האָט נישט געוואוסט צי דאָס זאָגט דער מאַן, צי אַן אַנדערער, נאָר אַז ער שמייכלט, דאָס האָט זי געזען... אָבער אַלץ האָט זיך צעגויפגעגאָסן... דאַכט איר, זי האָט אַרויסגע־לאָזט אַ געשריי...

— — — — — — — — —

צומאָרגנס האָט בלומענבערג איבערגעפירט רבקהלען אין אַ סאַ־נאַטאָריום... צוריקקומענדיק אַהיים האָט ער געהאַט אַזאַ גרינג

און גרינבוים האָט דערפילט אַ שמערצלעכע אבלות: אין האַרצן..

אים איז אויסגעקומען: אַז דער בלומענבערג האָט אים אומיש־נע איינגערעדט צו בלייבן, כדי אים צו דערנידעריקן...
און דאַן־דאַן איז די טרער, וואָס האָט זיך געהאָדעוועט און איז געוואַקסן אין גרינבוימס האַרצן די לעצטע טעג אַזוי שטיל און נאַכטיק־צייטיק געוואָרן, און פון זיין אויג קלאָר און ציטעריק זיך אַרויסגעגאָסן...

אָדעס 1919.

געמיט, ווי ער וואָלט אויסגעלייזט געוואָרן פון דער לעצטער שווערקייט...

* * *

ס'איז געווען אַ שטילער זוניקער פרימאָרגן, אַ בלויער הימל האָט געקוקט פאַרוואונדערט און פון צווישן די צווייגן זיינען איינציקע געלע בלעטלעך שטיל און פלאַטערנדיק געפאַלן. גרינבוים איז געזעסן אויפן הויף, געזעסן שטיל און געהערט דעם רעש, וואָס טראָגט זיך פון גאַס, און געהאַט האָט ער דאָס געפיל, ווי עפּעס שוואַרצס, שווער־שווייגנדיקס לאָקערט אונטער טויער און פענסטער און איין זיך לאַכט עס ציניש און ווילד...
מיט אַמאָל האָט ער דערהערט אַ שטים, וואָס האָט זיך חזניש־באַלעבאַטיש געגאָרגלט און געצויגן אַ ברייט הפקרדיקן באַלעבאַטישן ניגון... האָט ער געצויגן דעם קאָפּ העכער. בשעת מעשה איז עס אים געווען פרעמד און ווייט, ווי עס וואָלט אויפגעלעבט אַן אַלטער גאַסן־ניגון, וואָס איז שוין געווען פאַרגעסן, אַ ווײַלע האָט ער מיט ווייטאָק זיך אײַנגעהערט—ביז ער האָט זיך דערמאָנט...
דאָס האָט בליומענבערג געזונגען בינדנדיק זיך דעם קראַוואַט. דערביי האָט ער געקוקט ווי דאָס אַנדערע בעט שטייט פאַרבעט... האָט ער זיך געפילט שטאַרק פריי און דערפילט דעם ריח פון פאַרגאַנגענע נעכט... און געזען די ווייסע ציין פון דער שווע־געריס האַלב אָפענעם מויל. ער האָט צוריק געפינען דעם פאָ־דעם, וואָס שפּינט זיך פון יענע נעכט—און ער האָט געזונגען...
דאָס איז געווען דער ניגון פון דעם אויפגעקומענעם בליומענ־בערגן, וואָס איז חדשים־לאַנג שוין געווען פאַרשטומט, איצט איז זיין שטים געווען אַזוי פרעך אין גרינבוימס אויערן, זי האָט זיך עפּעס געקעכלט און געגלעט זיך אַליין,—ער האָט גע־זונגען און ס'האָט זיך געהערט אין געזאַנג זיכערקייט און הער־שאַפט... ער האָט געזונגען רואיק, ווי איינער, וואָס ווייסט, אַז דער וואָס ליגט ביי זיינע פיס געבונדן, וועט נישט אַנטלויפן—

דער שטראם.

צו מ ר י ם טאָכטער מײַן
איר 3־יאָריקן געבורטסטאָג.
אָדעס, 1־טן מאַי 1919.

I

אין ערגעץ אַ לאַנד, אַ מאָל אין אַ צייט, ווייט פון אַן אוראַלטן געדיכטן וואַלד, וואָס האָט ווי אַ וואָלקן געהויערט און אויף דעם דאָרף געלאָקערט,—בײַם ברייטן זאַמדיקן וועג, וואָס פירט אין צווייטן דאָרף אַריין,—איז אַ הייזל געשטאַנען.

און געווען איז דאָס הייזל קליין און נידעריק; דאָס דעכל צו דער ערד געבויגן, מיט שטרוי באַדעקט און מיט מאָך באַוואַקסן; די קליינע פיר־שויבנדיקע פענסטערלעך האָבן ווי פאַרטרערטע אויגן פון אַ זקן צום וועג געקוקט.—נאָך פאַרגאַנגענע יאָרן געבענקט; אין דעם הייזל האָט דער ייִנגער קרעפּטיקער יוחן מיט זיין אַלטער מוטער געוואוינט.

און געווען איז יוחן שלאַנק און קרעפּטיק ווי די ווערבע, וואָס איז פאַר זיין הייזל געשטאַנען; דאָס פּנים ברוין—ווי זאַמד אין זון־פאַרגאַנג. די אויגן שוואַרץ—ווי שוואַרץ ס'איז די פעטע ערד בײַם דאָרף; אויף זיינע פאַרשנורעטע ליפּן איז אַ פאַרהוילן שווייגן פאַרגליווערט געלעגן, ווי פאַרגליווערט עס שווייגט אַ פעלז בײַם ים אין אַ כמורנעם נאָך מיטאָג; זיין טריט איז גע־

ווען געמאָסטן, זיכער און לייכט, יעדער בייג פון זיין קערפּער האָט געוואָרנט און נאָך אַמאָל געוואָרנט...
און ביים צווייטן עק דאָרף,—דאָרט, וואו אַ שטיל טייכל האָט אין די מאָרגנס מיט זילבער־בלויקייט געשעפּטשעט און בייגאַכט אַ שוואַרץ־שפּיגל־טרוים געוועבט,—איז אַ גרויסע מיל געשטאַנען: לאַנגע פענסטער און ברייטע טירן—אַלץ אין זיך איינשלינגען און אַלץ אין זיך פאַרהוילן,—און נישט ווייט פון דער מיל,— צווישן גרינעביימער און הויכע גראָזן איז אַ ווייס הויז געשטאַנען.
און געוועזן איז דאָס הויז גרויס און הויך, דער דאַך מיט שינדלען געדעקט און די לאָדן גרין געפאַרבט, די קלאָרע גרויסע שויבן האָבן אין גרינקייט געגלאַנצט און לוסטיק צום טייכל געוואונקען; אין דעם הויז האָט דער רייכער בועז דער מילנער—געוואוינט.
און געשראָקן האָט זיך דאָס דאָרף, הערנדיק בועזס טריט, און בלייך זענען יונג און אַלט געוואָרן, ווען ער איז דאָס דאָרף דורכגעגאַנגען. די דאָרפס־טעכטער האָבן זיך באַהאַלטן און די מוטערס האָבן שטיל צו גאָט אַ געבעט געשעפּטשעט. ווייל ביין און שלעכט איז דער רייכער בועז געוועזן; פון פרי באַגינען ביז שפּעט אין אָוונט האָט ער מיט זיינע קנעכט געאַרבעט און זיי קיין אָפּרו נישט געגעבן. און ווי איז געוועזן צו זיי, אויב דאָס געלויף פון די מיל־שטיינער איז שוואַכער געוואָרן. זיין אויער האָט עס באַלד פאַרנומען און זיין כעס האָט אין אים אויפגעזאָטן. דאַן איז ער אַ ווילדער און אַ רואיקער פון זיין הויז געלאָפן, אין מיל געקומען, און שווייגנדיק, און ווילד, און צורויטלט האָט ער מיט דעם פוס געטופּעט. זיין האַנט מיטן רימען האָט זיך מוסקלדיק געביילט, און דער רימען האָט זייערע לייבער געשניטן. און באַרואיקט האָט זיך נישט זיין ווילד געמיט, ביז זיין אויג האָט קיין רויט בלוט שפּריצן נישט דערזען. און שפּעטער, אין די פאַרנאַכטן, איז ער אויף זיין ווייסן גאַניק געשטאַנען און געלאָקערט. גלאַנציק און שאַרף האָבן זיינע אויגן זיך באַוועגט און אויף וועלכע פון די יונגע דאָרפס־

טעכטער זיין אויג איז געפאַלן—די דאָזיקע האָט ער באַצוואונגען. און ווי איז געווען צו דער, וואָס האָט ווידערשפּעניקט און זיין ווילן נישט געהאָלט דערפילן...

און אַ שמאָל וועגל האָט זיך געצויגן פון אָרימען הייזל צו דער מיל. ווי אַ גרויער שלאַנג האָט זיך עס אין גראָז געשלענגלט און רואיק די מידע טריט דערוואַרט. יוחנס פיס האָבן דאָס וועגל אויסגעטרעטן גייענדיק יאָרן־לאַנג אַלע פרי־מאָרגן צו דער אַרבעט און אַלע פאַרנאַכט—צו זיין אָרים מאָלצייט אין זיין נידעריק הייזל.

און שווער איז געווען יוחנס אַרבעט: פון זון־אויפגאַנג ביז זון־פאַרגאַנג האָט ער שווערע זעק אויף זיינע פלייצעס געטראָגן, פון שפּייכלער אין מיל און צוריק אין שפּייכלער. זיין פוס האָט זיך אויף קיין ווײַלע נישט פאַרהאַלטן און זיין בליק האָט ער אין קיין זייט נישט געווענדט. ווייל אַזוי האָט פאַרזאָגט דער שלעכטער בועז: „יוחן דער יונג דאַרף אַרבעטן אַזוי, אַז דער שווייס זאָל נישט אויפהערן פון זיין שטערן רינען און זיין קערפּער זאָל זיך אויסגלייכן נישט קענען"... ווייל פיינט געהאָט האָט דער רייכער בועז דעם יונגן, קרעפטיקן יוחן דערפאַר, וואָס יוחן איז געווען שענער פון אַלע און שטאָלצער פון אַלע. ווען בועזס רימען האָט זיינע אַקסל געשניטן—האָט יוחן זיך אויסגעגלייכט, די ציין פאַרביסן און געשוויגן... און ווען בועז האָט באַפוילן, ער זאָל פאַר אים קניען און פאַרצייאונג בעטן—האָט יוחן די אויגן פאַרמאַכט און ווי טויב געשטאַנען.

ז

און געטראָפן האָט: ביי יוחן האָבן זיך די פויסטן געביילט און די מוסקלען ווי סטרונעס זיך געצויגן, אַ רויטלעך פייער האָט זיך אין זיינע שוואַרצע אויגן געצונדן און מיט פונקען געשיט, האָט ער דאַן די ציין אין דער אונטערשטער ליפּ איינגעשניטן, אַ רויט פאַסיקל האָט זיך איבער דער גאָמבע אַ גאָס געטאָן און, ער האָט ווייטער געשוויגן... ביז—מיד איז בועזס האַנט געבליבן האָט ער דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, ווילד אַ ברום געטאָן און דאָס אָרט פאַרלאָזט.

ואן אַזוי פלעגט דער טאָג פאַרבײַ. פאַרנאַכט האָט יוחן צוריק צו זײַן הײזל געשפאַנט, עטוואָס געבויגן געווען און שווער גע־אָטעמט. די אונטערגײענדע זון האָט זײַן פּנים מיט קופּער־גלאַנץ פאַרגאָסן און דער פאַרנאַכט האָט אין זײַנע אויגן שוואַרץ אָפּגעשפּיגלט... מיד איז זײַן טריט געווען און זײַנע קינבאַקן שטײף פאַרפּרעסט. די הענט האָט ער שטאַרק אין די קעשע־נעס געשטופּט און ער האָט זיך אין די זײַטן נישט אומגעקוקט...

* * *

און ס'האָט אַמאָל געטראָפן: ס'איז געווען אַ שטילער פאַרנאַכט, די דאָרפסלײַט נאָך דער אַרבעט זענען אויף די פריזבעס פאַר זײערע הײזלעך געזעסן אין די ווײַסע אַרבל מיט באָרוויסע פיס, לאַנזאַם גערעדט און מיט אויפגעצויגענע שטערנס פון אַלטע צײַטן דערצײלט. און פלוצלונג האָט זיך יוחן באַוויזן, ער איז שטיל זײַן וועג געגאַנגען און אין די זײַטן זיך נישט אומגע־קוקט, זענען אַלע מיט אַמאָל אַנטשוויגן געוואָרן, די אויגן אויסגעשטעלט און מיט זאָרג אים נאָכגעקוקט; ווען זײַנע טריט זענען פון געסל פאַרשוואונדן, האָט ווער אָפּגעזיפצט:

—דער עלנטער יוחן.

שפּעטער האָט דער גרײַז פון דאָרף דערצײלט צום הונדערטסטן מאָל דאָס, וואָס אַלע אין דאָרף האָבן שוין לאַנג געוואוסט:

—„יאָ... אַן עלנטער איז יוחן. אַ שטילער איז ער און אַן אומ־גליקלעך מזל האָט ער... אין פּײַן איז ער געבוירן געוואָרן און די נויט האָט אים דערצויגן... איך האָב זײַן פאָטער געקענט... ערלעך געווען און אַרבעטזאַם זײַן גאַנץ לעבן... דאָס האָט ער צוזאַמען מיט דעם פאָטער פון דעם רײַכן בועז די מיל גע־בויט. אָך... איך געדענקט עס ווי הײַנט... שווער האָט ער גע־אַרבעט, יוחנס פאָטער... ער האָט אַזוי געאַרבעט, אַז זײַן העמד האָט זיך קײנמאָל נישט אויסגעטרוקנט און די אָדערן אויף זײַנע הענט זענען ווי שטריק האַרט געוואָרן. די גנבֿה איז ער נישט

געשלאָפן און די טעג האָט ער נישט גערוט... אָן אויפהער האָט ער געאַרבעט און זיין פלייס האָט פון קיין אָפרו נישט געוואוסט. אַזוי האָט ער געאַרבעט—ביז זיין אויער האָט נישט פאַרנומען דאָס גערויש פון די מילשטיינער...

און נישט אַזוי האָט געטאָן דער פאָטער פון רייכן בועז. יענער האָט בייטאָג גערוט און די נעכט אין וואוילטאָג פאַרברענגט; רייך איז ער געווען און קנעכט האָט ער געהאַט צו דינגען, נאָר ווי אַזוי די מיל צו בויען האָט יוהנס פאָטער—נאָר יוהנס פאָ-ער—ער איינער געוואוסט... ווען די מיל איז שוין פאַרטיק געוואָרן, האָט ער זיך באַוויזן און אָן בושה באַפוילן: „עמנואל זאָל ביי מיר אויף ווייטער אַ קנעכט פאַרבלייבן! ביז אַהער האָט ער ערלעך געאַרבעט, נאָר איך האָב אים ברויט געגעבן! אַ געטרייער קנעכט וועט ער מיר זיין!"

אַז דער אָרעמער עמנואל האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך צום ערשטן דערשראָקן, דערנאָך האָט ער זיך צעוויינט—האָט אָבער דער רייכער געלאַכט, האָט ער זיך פון ווייטיק די האָר פון קאָפ געריסן... און, אָך... שווער צו געדענקען... ער האָט גערעכטיקייט געמאָנט און מען האָט אים מיט ריטער באַצאָלט... האָט ער די אויגן אויסגעוויינט און זיך געוואָלט פון דער וועלט אומברענגען, האָט אָבער דאָס ווייב זיינס אים געוואָרנט און געשראָקן:

—„אויב דו וועסט אומקומען, ווער זשע וועט דיין איינציק קינד שפייזן און דערציען?"

דער גרייז האָט זיך פאַרטראַכט, אַלע האָבן שטיל געהערט. מיט זאָרג אין די אויגן, מיט די קעפ צוגעשאָקלט און אַ שרעק האָט איבער זייערע געזיכטער געשוועבט, האָט זיך דאָ און דאָרט צווישן די צונויפגעקליבענע אַ זיפץ געריסן. און דער גרייז האָט פאַרענדיקט:

—„און ס'האָט אים גאָרנישט געהאָלפן. ער האָט די אויגן אויסגעוויינט, שטיל געוואָרן און אַ קנעכט פאַרבליבן... האָט שטיל געאַרבעט און שטיל געקרענקט... דער ווייטיק האָט ווי אַ וואָרעם זיין האַרץ גענאָגט... זיין בלוט אויסגעטריקנט... פון טאָג

צו טאָג איז ער בלייכער געוואָרן, די טריט זיינע זענען שווע-רער געוואָרן, האָט עסן נישט געקאָנט און איבער די נעכט קיין שלאָף זיך נישט דערוואַרט. זיין פּלייצע האָט זיך איינגע-בויגן און דער טויט האָט זיך אין זיינע אויגן באַזעצט. און ווען יוחן איז געווען אונטערגעוואַקסן—איז ער פּלוצלונג צוועק-בעפאַלן... שוין נישט געווען צו וואָס צו לעבן... האָט ער דעם זון זיינעם נאָך צוגערופן און אים אַזוי געזאָגט:

—„זון מיינער, ביי אַ קנעכט ביזטו געבוירן געוואָרן און אַ קנעכט ביזטו שוין אַליין. פאַר גערעכטיקייט צאָלט מען מיט שמיץ און פאַר אַרבעט—מיט הונגער. געדענק מיין צוואה—אויב דו וועסט נישט קאָנען פריי לעבן זאָלסטו פריי אומקומען".

אַזוי האָט ער געזאָגט, זיך אומגעקערט צו דער וואַנט און גע-שטאָרבן...

די נאַכט איז איבערן דאָרף שוין געלעגן, ווי אַ שווערע כמאַ-רע וואָלט זיך איבער די קעפּ אַראָפּגעלאָזט. און פון נאָענטן שוואַרצן וואַלד האָט אָפּגעקלונגען דעם אַלטנס שטים, צו וועל-כער יונגע האָבן זיך מיט קלאַפּנדיקע הערצער צוגעהערט:
„אויב דו וועסט נישט קאָנען פריי לעבן, זאָלסטו פריי אומקו-מען. אים-קו-מ-מען!!!"

*　　　*　　　*

און אַזוי האָט יוחן לאַנגע יאָרן שווער געאַרבעט און שטענדיק געשוויגן. פאַרחתמעט האָט ער דעם פּיין אין זיין ברוסט און זיין צאָרן צווישן זיינע ליפּן. ער האָט נישט געוואוסט פון קיין פרייד, ווי עס ווייסט נישט דער שטראָם פון קיין רו. זיינע נעכט זענען געווען פּייניקנדיקע, ווי די טעג שווערע, שטום האָט ער זיין אַרבעט געטון און שטום זיין מאָלצייט געגעסן. האָט די אַלטע מוטער מיט פאַרטרערטע אויגן אויף אים געקוקט, שטיל מיטן קאָפּ אויף אים געשאָקלט און נישט געהאַט קיין וואָרט צום אַרויסברענגען. נאָר ווען דאָס האַרץ האָט איר

שטאַרק פאַרקלעמט, האָט זי אַ זיפץ אַרויסגעלאָזט. דאַן האָט יוחן אַ ציטער געטון, ווי אַ פליג וואָלט אים אין אויג אַריין, האָט ער געלאָזן דעם קאָפּ אויפגעהויבן און באַזאָרגט געפרעגט:

—וואָס זיפצסטו, מאַמע?

און געענטפערט האָט די אַלטע:

—וואָס איך זיפץ?—כ'זיפץ אויף דעם לעבן, וואָס איז אַזוי שווער און אויף זעם מזל אונזערן, וואָס איז אַזוי ביטער. זון מיינער! אָרעם איז אונזער מאָלצייט און צעריסן איז אונזער קלייד.

—יאָ... שווער צו לעבן...

—און דער רייכער בועז... ער פּאַשעט זיין בויך... פאַרברענגט ביי ווייַן זיינע נעכט... דאָס פּאַשעט ער זיך פון רויב... ער האָט אונז פאַר קנעכט געמאַכט און דיין פאָטער פון דער וועלט געבראַכט...

—כ'ווייס... גענוג... אַלע, אַלע וועלן מיר פון דער וועלט אומקומען!...

האָט די אַלטע אָנגעהויבן דערציילן, ווי דאָס איז געשען. אירע אויגן האָבן זיך אין טרערן געוואַשן און דאָס קול אירס האָט געציטערט. האָט יוחן זיך אָנגעכמורעט, זיין שטערן האָט זיך אויסגעצויגן און די ברעמען איבער די אויגן זיך אָנגערוקט. איז ער בלייך געוואָרן און שווער אָפּגעאָטעמט:

—דערצייל נישט, מאַמע! דערצייל נישט מער...

זענעןביידע אַנטשוויגן געוואָרן. אין אַ נאָרע האָט אַ גריל געגרילצט, און אונטערן פענסטערל האָבן די צווייגלעך אָוונטיק זיך געשאָקלט. יוחן האָט זיין שוואַרצן קאָפּ אויף דער האַנט אַראָפּגעלאָזט, די פינגער צווישן די געדיכטע האָר פאַרזונקען און, אַזוי ווי פאַרשטיינערט, זיצן געבליבן.

.II

איז איינמאָל אַ יום-טוב געקומען און יוחן איז אין צווייטן דאָרף אַוועק. געשיקט האָט אים די אַלטע מאַמע, ער זאָל דאָרט זיין פעטער אַ גרוס אָפּגעבן און פון אים אַ גרוס ברענגען. ווייל געהערט האָט זי, די אַלטע, אַז ביי איר ברודער איז דאָס ווייב געשטאָרבן און ער רוט אין צער. דער טאָג איז געווען אַ ליכטיקער און אַ פריש ווינטעל האָט יוחנס האָר געצערטלט, איז ער געגאַנגען אַ שטאָלצער אין זיין יום-טוב-קלייד און אויף גאָטס וועלט זיך פריי און קרעפטיק געפילט. ווען ער איז אין דאָרף אָנגעקומען אין צו זיין פעטערס הייזל זיך דערפרעגט, האָט אים די טיר אַ מיידל געעפנט. אַז ער האָט זי דערזען, איז געווען, ווי אַ זון וואָלט איט מיט אַמאָל די אויגן פאַרבלענדט. איז ער אַ ווילע שטיין געבליבן מיט פאַרגאַפונג אויפן פנים, סיט וואונדער אין די אויגן, און דאָס ערשטע וואָרט אַרויסברענגען נישט געקאָנט. פאַר אים איז געשטאַנען דעם פעטערס איינציקע טאָכטער—די שיינע אסנת.

און געשטאַנען איז זי מיט וואונדער אין די בלויע אויגן און

מיט אַ געבויגענעם קאָפּ. שוואַרץ זענען אירע האָר געווען, ווי אַ שוואַרצער וואָלקן. דער קערפּער שטייף און שלאַנק—ווי אַ יונג ביימל אין פעלד, די ליפּן רויט און שמאָל, ווי אַ פּאַר־מאַכטע רויז. אַ ווייס יום־טוב־קלייד האָט איר לייב צוגעדעקט און אַ בלויער גאַרטל האָט אירע לענדן אַרומגענומען. מיט באָר־וועסע פּיס איז זי געשטאַנען און מיט נאַקעטע הענט,—האָט זי אויסגעזען ווי אַ וואונדער־געוויקס, וואָס איז נאָר וואָס, אָט דאָ אויסגעוואָקסן.

איין ווײַלע זענען זיי שטיל געשטאַנען, ווי וואונדער מיט וואונ־דער באַגעגנט. דערנאָך האָט יוחן געפרעגט:

—צי וואוינט דאָ דער פּעטער מתתיהו?

—דאָ וואוינט ער, און מיין פאָטער איז ער.

—געבענטשט זאָלסטו זיין.

זי האָט מיטן קאָפּ אַ נייג געטון און אים אין שטיבל אַריינ־געלאָזט.

דער פּעטער איז אין דער היים נישט געווען—גאָט בעטן איז ער אַוועק—קיין מוטער האָט שוין אסנת נישט געהאַט, זענען זיי אַליין אין שטיבל געבליבן.

זעגען זיי געזעסן און געשוויגן, נאָר מיט אַמאָל האָט יוחן דערפילט, אַז אין האַרצן איז אים ווארעמער און גרוימער גע־וואָרן. די שווערקייט איז צעגאַנגען, דאָס שווייגן האָט אויפ־געגליווערט און דאָס ערשטע מאָל, אַז ער האָט רעדן אָנגע־הויבן. ער האָט נישט געוואוסט, וואָס ער טוט, נאָר ער האָט פאַר איר דערציילט, ווי אָרעם ער איז און ווי אומגליקלעך ער איז—קיין האָפנונג בליט נישט אין זיין האַרץ און קיין גליק קומט אים נישט צו חלום—ער האָט דערציילט, ווי ער וואָלט דאָס באַגעגנט זיין טרוים—זיין מזל, און דאַן איז זיין פּנים באַשיינט געווען, די אויגן אויפגעגלאַנצט און מיט שוואַרץ־רויטע פונקען געשיט.

און אסנת איז געזעסן, ווי זי וואָלט אין זיסן דרימל געזונקען נאָך אַ שווערן אַרבעט־טאָג... זי האָט געהערט זיין שטים, וואָס איז אַזוי היימיש, אַזוי ווייט און נאָענט, ווי איר יוגנט. און זי

האָט ווייטיק געפּילט, הערנדיק פון זיינע ליידן.
דערנאָך האָט זי אים אין איר קליינעם גערטנדל אַרויסגעפירט, האָט אים אירע בלימלעך באַוויזן און זייערע נעמען פאַר אים אָנגערופן און דאָס ערשטע מאָל, אַז אַ שמייכל האָט זיינע ליפּן באַשטראַלט. צו ענדע האָט זי אים אין מיטן גערטנדל אַ בייט מיט ווייסינקע בלימלעך געוויזן און געזאָגט:
—„ווען אָט די בלימלעך וועלן אויסוואַקסן, גרעסער ווערן און זיך איגגאַנצן צעבליען—דאַן וועט מיין גליק צו מיר קומען"...

און דאָס ערשטע מאָל, אַז ער האָט זיך צעלאַכט. שטאַרק און הילכיק האָט זיין געלעכטער קרעפטיק איבערן גערטנדל געקלונ-גען, האָט אסנת זיך פאַרשעמט צעשמייכלט און זיך געלאָזט פאָרויס שפּאַנען.
און ער איז איר נאָכגעגאַנגען, ווי אַ בלינדער, וואָס האָט אַ פּאַס ליכט דערזען... זיין אויג האָט אויפגעכאַפּט יעדן בויג פון איר יונגן קערפּער, און זיין האַרץ האָט איינגעזאַפּט יעדע לי-ניע פון איר לייב. ווייל דין איז איר קלייד געווען און ווי צום לייב צוגעוואַקסן... האָט יעדער גליד עלאַסטיש קעגן דער זון געבלענדט. און ווען ער איז נעבן איר שטיין געבליבן, האָט זי אים אין די אויגן אַריינגעקוקט און איר האַרץ האָט זיך העפטיקער צעשלאָגן. האָט ער אויף איר געררויטלט געזיכט געקוקט און קוים די טרערן איינגעהאַלטן...
שפּעטער איז דער פּעטער געקומען. אַלט איז ער געווען פון יאָרן און מיד פון שווערער אַרבעט. האָבן זיי צוזאַמען דאָס יום-טוב-מאָלצייט געגעסן און לאַנג אין שטיבל פאַרבראַכט. אויס-געפרעגט האָט דער פּעטער אויף זיין שוועסטער און יוחן האָט געענטפערט—ער האָט דערציילט און אַליין נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער דערציילט, געפילט אסנתן נעבן זיך און אין די אויגן האָט אים געשווינדלט.
און אַזוי האָט געדויערט ביז די זון האָט גענייגט צום מערב, זיך אַראָפּגעלאָזט דאָרט, וואו דער הימל באַהעפט זיך מיט דער ערד און די פענסטערלעך אין דאָרף באַגילט. דאַן האָבן זי

איִם צום וועג אַרויסגעפירט, זיך געזעגנט, און ווען ער האָט אסנתעס האַנט אין זײַנער גענומען, האָט ער דערזען, ווי זי איז עטוואָס בלייכער געוואָרן און שטיל האָט זי געזאָגט:

—קום צו אונז, ווען דו וועסט אַ רו-טאָג האָבן.

—כ׳וועל קומען!

ער איז אַוועק מיט פלינקע און געמאָסטענע טריט און אין האַרצן האָט ביי אים געזונגען. ער איז געגאַנגען און נישט גע־וואַגט דעם קאָפ אויסצודרייען. ווען ער איז שוין אין מיטן פעלד געווען, האָט דאָס געזאַנג אין זײַן האַרצן אַזוי זיך צע־שטורמט, אַז ער האָט זיך מיט אַמאָל אויף דער ערד געוואָרפן, די זאַנגען מיט ביידע הענט אַרומגעכאַפט, איין סנאָפ צו זײַן האַרץ געטוליעט און זײַן אויג האָט אַ טרער פאַרלוירן... דער־נאָך איז ער אויפגעשפרונגען און זיך געלאָזט לויפן אַהיים. געלאָפן מיט אַ בשורה אויף די לעפצן און מיט יובל אין האַרצן.

און יענע נאַכט האָט ער שלאָפן נישט געקאָנט, אַ פאָר מאָל, אַז ער איז פון זײַן געלעגער אַראָפ, אין דרויסן אַרויס, אַ בוים אַרומגענומען און זײַן האַרץ צו אים געדריקט. געדאַכט האָט אים, אָט, אָט און דאָס האַרץ וועט זיך אים אַרויסרייסן.

אַ גאַנצע וואָך האָט זײַן געהער נישט פאַרנומען, וואָס אַרום אים טוט זיך. אין דידאָזיקע טעג האָט ער אַזוי געאַרבעט, אַז בועז האָט בייז נישט געקאָנט ווערן. ער האָט נאָר פון ווייטן אויף אים געקוקט און מיט די אַקסלען געצויגן.

ווען עס איז דער רו-טאָג געקומען, איז יוחן באַלד באַגינען פון זײַן געלעגער אויפגעשפרונגען. קיין מאָרגנברויט נישט געגעסן און קיין וואַסער נישט געטרונקען, האָט ער זיך אין דרויסן ביים ברונעם ריין-געוואַשן, נאָך דער שלאָפלאָזער נאַכט זײַנע גלידער דערפרישט, זײַן יום-טוב-קלייד אָנגעצויגן. און אַז די מוטער איז פון איר בעט אַראָפ, צום פענסטערל צוגעגאַנגען— האָט זי געזען, ווי ווייט אויפן וועג לויפט יוחנן פייל פון בויגן.

ווען ער איז אין דאָרף געקומען, האָט ער שוין אסנתן אין איר

גערטנדל געטראָפן. זי איז געווען אין איר ווייסן קלייד מיט דעם בלויען גאַרטל אַרום די לענדן, די שוואַרצע האָר איבער אירע אַקסלען צעשיט, לאַנג און קרויזנדיק, האָט עס אויסגעזען ווי שוואַרצע שטראָמען, רינען פון איר קאָפּ.

אַז זי האָט אים דערזען—האָט זי די קרוג וואַסער אַוועקגעשטעלט און ביידע הענט צו אים אויסגעצויגן. ער האָט זיי גיך אונטערגעכאַפּט און געבליבן שטיין, ווי פאַרגליווערט.

דעם טאָג האָט שוין יוחן נישט געלאַכט און נישט גערעדט. ביים מאָלצייט איז ער שטיל געזעסן און דעם פּעטער אויסגעהערט. דער אַלטער האָט פון פאַרגאַנגענע יאָרן דערציילט, אין זיין יוגנט דערמאָנט און פון צייט צו צייט אָפּגעזיפצט. „יונג געווען... גליקלעך אַמאָל געווען... שטאַרק געווען...” און יוחן האָט געשמייכלט און אַליין נישט געוואוסט פאַרוואָס. דער אַלטער האָט אַזעלכע טרויעריקע געשיכטעס דערציילט... נאָר שפּעטער—ווען דער הימל האָט זיך געהאַט לייכט פאַרוואָלקנט, האָט דער אלטער נאָכן מאָלצייט זיך רוען געלייגט, און יוחן מיט אסנתן זענען אין גערטנדל אַרויס. און ווען זיי זענען געבן יענע ווייסע בלימלעך שטיין געבליבן, האָט יוחן זיך אומגעקוקט און געזען, אַז זיי זענען שוין צעוואַקסן און איינגאַנצן צעבליט, האָט ער מיט אַמאָל געוואַגט, איר האַנט געכאַפּט, און גיך, אין איין אָטעם אָפּגעזאָגט:

—אסנת!... שיין ביזטו, ווי אַ פרילינגס-מאָרגן. דיינע האָר זענען שוואַרץ, ווי דער וואַלד ביינאַכט, דיין געלעכטער קלינגט, ווי אַ זילבער-גלעקל אין פעלד און דיין בליק גלעט, ווי בלויער באַגינען. זע זשע, אסנת! מיינע אָרעמס זענען שטאַרק און קרעפטיק, ווי גראַנאַט, מיינע האָר שוואַרץ, ווי טמאָלע, און מיין האַרץ בענקט נאָך דיר! איך קאָן מער נישט וואַרטן!...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן האַסטיק און מיט אַמאָל, ווי דאָס וואָלטן די לעצטע ווערטער פון זיין לעבן געווען... אסנת האָט זיך נישט געוואונדערט, געהאַלטן די אויגן אויסגעשטעלט אויף

אים און געשוויגן. מיט אַמאָל האָט זי זיך איינגעבויגן און אַ בלימל אָפּגעריסן...

ער האָט זיך פאַרשעמט און שווער געאָטעמט, נאָר אָסנת האָט געלאַכט און געזאָגט:

—כמאַרעס רוקן זיך אָן, ס'וועט אַ רעגן גיין...

ער האָט די ליפּ געביסן און מיט צער געשוויגן. נאָר ווען ער האָט זיך שוין געהאַט מיט דעם אַלטן געזעגנט און אָסנת האָט אים פון שטיבל אַרויסבאַגלייט, האָט ער בעטנדע אויגן אויף איר אויסגעשטעלט, מיט געבעט און פאָרוואורף האָט ער אויף איר געקוקט, און אָסנת האָט געזאָגט:

—הער זשע יוחן: וואַרטן זאָלסטו און שווייגן זאָלסטו, ביז איך וועל דיר אַ גרוס שיקן און באַפעלן: „קום צו גיין יוחן, איך וואַרט אויף דיר"—דאַן וועסטו וויסן, אַז מיין האַרץ בענקט און זאָלסט קומען.—אַז זי האָט דאָס אָפּגעזאָגט, איז זי גיך אין שטיבל אַריין.

אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען ווי צומישט. געקוקט צום פענסטערל און געזען, ווי זי בייגט דאָרט אָפּ דעם קאָפּ פון שויב... האָט ער זיך ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער אויסגעדרייט און איז אַוועק.

III

פֿון דעמאָלט אָן זײַנען פֿאַרלאָפֿן טעג, װעלכֿע יוחן האָט נישט באַמערקט זײער אָנקומען און נישט געװאוסט פֿון זײער אַװעקגײן. ער האָט גאָרנישט געזען, גאָרנישט געהערט און פֿון גאָרנישט געװאוסט. צו דער צײט איז ער צו דער אַרבעט געגאַנגען, די שװערע זעק געטראָגן און זײַנע אױגן האָבן כּסדר צום זאַמדיקן װעג געקוקט. אָפֿטמאָל איז ער שטײן געבליבן, װי דורך אַ װאַנט האָט ער געשרײען געהערט און לײכֿט דעם רימען אױף זײַנע אַקסל געשפּירט... װען דער טאָג איז פֿאַרבײ, איז ער צוריק צו זײַן הײזל געגאַנגען, דאָס מאָלצײט נישט געגעסן און די נעכֿט נישט געשלאָפֿן. דאָס גאַנצע לײַב זײַנס האָט געװאַרט, יעדעס גליד האָט געגאַרט, און מיט װײטיק געבענקט אָן אױפֿהער, געגאַרט אָן רו.

אין יענע טעג איז דער בײזער בױז שטאַרק צורײצט געװען. אָפֿט האָט זײַן רימען איבער יוחנס פּלײצע געפּלאַטערט. נאָ־ יוחן האָט פֿון דעם װי נישט געװאוסט, קײן נערװ אױף זײַן פּנים האָט זיך נישט באַװעגט און זײַנע אױגן האָט ער פֿון

ברייטן וועג נישט אָפּגעריסן. ביז—בועז איז מאַכטלאָז שטיין געבליבן און אַרויסגעמורמלט:

—דער יונג איז פון זינען געררירט. נישט אַנדערש.

און געזען האָט די אַלטער מוטער ווי יוחן ווערט בלייכער פון טאָג צו טאָג, ווי ער זיצט ביים טיש אַ שווייגנדיקער מיט שוואַרצער זאָרג אין די אויגן. האָט זי געזאָגט:

—זון מיינער, יוחן מיינער. פאַרוואָס עסטו נישט פון דיין ברויט?

יוחן האָט נישט געענטפערט, און ס'האָט אויסגעזען, אַז ער הערט נישט. האָט ער גענומען פון שוואַרצן ברויט, אָנגעהויבן עסן און באַלד ווידער געבליבן אַ שווייגנדיקער זיצן. האָט די אַלטע געקוקט מיט צער, געקוקט מיט שרעק, האָט שווער אָפּגעזיפצט און געפרעגט:

—זון מיינער, יוחנן מיינער, וואָס האָט מיט דיר פּאַסירט?

ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ,—אַ?,—האָט ער איבערגעפרעגט, שאַרף די מוטער אָנגעקוקט און נישט געענטפערט, ווי ער וואָלט נישט געדענקט ווי אַזוי מען רעדט.

ביינאַכט—איז די אַלטע געלעגן מיט אַקלאַפּנדיק האַרץ און בעהערט ווי יוחנן וואַלגערט זיך אויף זיין געלעגער, האָט זי שטיל די טרערן געשלונגען, פילנדיק זיין פּיין.

און ס'איז געווען איינמאָל פאַרנאַכט. יוחן איז ביים פענסטער געזעסן און שטיל צום וועג געקוקט, זיין גאַנץ לעבן האָט דורך זיינע אויגן אַרויסגעקוקט. זיין פּנים איז געווען בלייך און אָנגעשטרענגט, און די קליידער אויף אים פון רימען צוריסן; דער שטערן איינגעצויגן און די ברעמען אין שטערן געשניטן: ס'איז ערב יום־טוב געווען, און זיין בענקשאַפט, און זיין דער־וואַרטונג האָט זיין לייב געפּייניקט. און מיט אַמאָל און צום פענסטער האָט זיך אַ בעטלער דערנענטערט.

יוחן איז אויפגעשפּרונגען, עפּעס האָט זיך אין זיין האַרץ אַ פּלייט צושאָלט, די אויגן זיינען אים ווי פון שטערן אַרויס און אין דער לופטן הענגען געבליבן, דער בעטלער איז באַלד אַריין, זיך פאַרנייגט און געפרעגט:

—צי וואוינט דאָ יוחן, וואָס האָט אַ פעטער אין צווייטן דאָרף?

—דאָ.—האָט די אַלטע געענטפערט.
—דאָס בין איך!—האָט יוחן אַ טריט נענטער געמאַכט.
און דער בעטלער האָט געזאָגט:
—איך קום פון דעם דאָרף, וואו עס וואוינט דער אַלטער פעטער דיינער. די שיינע אסנת האָט מיך ביים וועג באַגעגנט און מיר אַזוי אָנגעזאָגט: גיי אַהין וואו עס וואוינט יוחן, זאָלסטו אים געפינען, אַ גרוס פון מיר אָפּגעבן און אין מיין נאָמען אים זאָגן: באַפוילן האָט אסנת אַזוי: „קום צו גיין יוחן, איך וואַרט אויף דיר"...
האָט יוחן אַ געשריי אַרויסגעלאָזט, דעם אָרימען בעטלער אַרומגעכאַפּט און אים קושן אָנגעהויבן, און אַזוי שטאַרק, און אַזוי הייס, אַז יענער האָט זיך קוים פון אים באַפרייט און איז גיך פון דאָרט אַרויס.
יוחנס פנים האָט זיך געצונדן, ער איז געבליבן שטיין שטאָלץ מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ און אין זיינע שטאַרקע הענט האָט ער דער אַלטערס ציטערנדיקע הענט גענומען:
—מאַמע מיינע! איך בין מיט גליק געלייטזעליקט! אסנת רופט מיך צו זיך! זי א'ז אַזוי שיין, אסנת, איר פנים איז ווי ריינער קופער, און שלאַנק איז זי ווי די יונגע ווערבע ביים טייכל, אָרים איז זי ווי מיר, יונג ווי איך, און פלינק ווי דער איינד אין פעלד, און שענער פון דער גאַנצער וועלט. אין די שווערע שווייגנדיקע טעג מיינע האָב איך איר גרוס דערוואַרט, איצט איז דער גרוס געקומען.
די אַלטע האָט זיך די טרערן געווישט.
זיין פנים האָט אויפגעשיינט ווי דער בלויער הימל נאָך אַ רעגן:

—מאַמע! אַלע וואונדן פון מיין האַרץ וועט איר בליק אויסהיילן. וויין נישט, מאַמע... מאָרגן איז אַ פייערטאָג און איך בין פון אַרבעט פריי; אַהער וועל איך מיט מיין באַשערטער קומען, דאָס גאַנצע דאָרף יונגען וועל איך צוזאַמענרופן, אַלע דאָרפס-

טעכטער פֿאַרבעטן און אַלע וועלן מיר זיך פֿרייען איינמאָל אין לעבן. וויין נישט, מאַמע... מיר איז גוט...
די אַלטע האָט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, אויף זיין שטאַרקער ברוסט אָוועקגעלייגט און אירע אַקסלען האָבן ציטערן אָנגעהויבן.

—וויין נישט, מאַמע!—האָט ער אויסגעשריגן,—און אַליין זיין קאָפּ אויף איר אַקכל אַראָפּגעלאָזט. ער האָט אַ ווילדן רעווע אַרויס־געלאָזט און באַלד די ליפּ ביז בלוט פֿאַרביסן, זיך צוריק אויס־געגלייכט און אַ פֿרייד־געלעכטער האָט דאָס שטיבל פֿאַרפֿילט. האָט ער באַלד פֿון זיך זיינע צוריסענע קליידער געוואָרפֿן. מיט פֿריש קוואַל־וואַסער זיין לייב אַרומגעוואַשן, דאָס יום־טוב־קלייד אָנגעצויגן און מיטן צופֿאַלן פֿון דער נאַכט איז ער מיטן זאַמ־דיקן וועג מיט פֿלינקע טריט אַוועק.
און געשטאַנען איז די אַלטע ביים פֿענסטערל, געקוקט און גע־זען, ווי ער ווערט אין דער פֿינסטערניש פֿאַרשלונגען, האָט זי שטיל איר ברכה אים נאָכגעשעפּטשעט און שטילע טרערן האָבן ווי צוויי קלאָרע שנירלעך זיך געצויגן איבער די געשרומפּענע באַקן אירע...

IV

אין ס'איז געווען אַ זוניקער נאָכמיטאָג. שטיל איז אין דאָרף געווען; און דער זאַמדיקער וועג האָט אונטער דער זון געדרימלט. מידע פון דער שווערער אַרבעט האָבן דאָרפסלייט אין פייערטאָג גערוט. די געסלעך זיינען געווען שווייגנדיקע און אַ ריינער הימל איז איבערן דאָרף געהאָנגען. האָבן זיך די יונגען צונויפגענומען פאַר יוחנס אָרימען הייזל, מיט זיך די דאָרפס־טעכטער געבראַכט, אַלע אין די יום־טובדיקע פאַרביקע קליידער, וואָס האָבן מיט זון און פעלד געלויכטן אַלע צום באַגריסן גרייט. דאָס איז די אַלטע מוטער יוחנס אַ גאַנצן מאָרגן איבערן דאָרף געגאַנגען און אַלעמען אָנגעזאָגט:

„—א גליקליכער טאָג איז היינט פאַר מיין זון, היינט קומט מיין יוחנן מיט זיין באַשערטער, האָט ער געבעטן: ווער ס'איז אַ פריינט יוחנס, זאָל צו אים קומען, מיט זיין גליק זיך פרייען“ און ווייל דאָס גאַנצע דאָרף האָט אים ליב געהאַט, זענען זיי אַלע געקומען און זיין אָנקומען ערוואַרט.

אויף לאַנגע בענק האָבן זיי זיך אויסגעזעצט, איינער האָט מיט

זיך אַצימבעל געבראַכֿט און איינער א פייקל: ווען זיי האָבן דערזען, ווי דאָרט, אופן וועג, גייען זיי, יוחן מיט זיין באַשע־רטער־ האָבן זיי שפּילן און פויקן אָנגעהויבן און פאָרלעך־ווייז זיי אַנטקעגן גיין.

און יוחן מיט אָסנתן האָבן זיך פאַר די הענט גענימען און מיט געשווינדערע טריט זיך געלאָזט נענטער צו זיי. און אַז זיי האָבן זיך באַגעגענט, האָבן די יונגען אויסגעשריגן:

—געבענשט זאָל זיין די שיינע אָסנת!

און די דאָרפס—טעכֿטער האָבן אונטערגעכאַפּט:

—גליק און זעגן צום שטאָלצן יוחן!

איז מען צוריק צום הייזל געקומען, שרענגעסווייז זענען זיי פון ביידע זייטן געגאַנגען, מיט בלומען און צווייגלעך באַפּוצטע, און צווישן זיי— איז זיכֿער און פאַמעלעך דאָס יונגע פאָרל געגאַנגען אסנת אין איר ווייסן קלייד מיט דעם בלויען גאַרטל אַרום די לענדן און בלויע שיכֿלעך אויף די ברוינע פיס. די האָר אי־בער די אַקסלען צושטראָמט און אויפן קאָפּ אַ גלאַנציק קאָפּ־רייפל. יוחנס פנים האָט געשיינט מיט יוגנט, פון זיינע אויגן האָט קראַפט און לוסט געשפּריצט. פאַר דעם הייזל האָט מען זיך אין ראָד געשטעלט, מיט קרענץ אין די הענט און מיט געבויגענע קעפּ אַ טאַנץ אָנגעהויבן און טאַנצנדיק האָט דער כאָר געזונגען:

מילד ווי אסנת,
שטאָלץ ווי יוחן,
זאָלן מיר אלע זיין,
און די רוקנס
אויסגעגלייכטע
א סוף צו לייד און פּיין.
שווערע יאָרן
יאָגן, ציען,
אָן גליק, אָן יוסט, אָן פרייד,
היינט איז יום־טוב,
און געהוליעס
ביז די זון פאַרגייט!

און דער צימבל האָט זיך געלאָזט הערן, און די פּויק האָט זיך שטאַרקער צופּויקט.

היינט אוז יום-טוב,

ון געהוליעט

ביז די זון פאַרגייט!

האָט דאָס געזאַנג די עלטערע פון דאָרף געוועקט און צו זיך גערופן זייבען זיי פון די שטיבלעך אַרויס און זיך צו די יונגע געלאָזט. און יוחן איז געשטאַנען מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ, מיט איין האַנט אסנתן פאַר דער טאַליע געהאַלטן און מיט דער צווייטער דער מוטערס האַנט. ער איז געווען בלייך פון גליק און באַרוישט פון פרייד. און די אַלטע האָט די טרערן נישט געקאָנט איינהאַלטן.

און דאָס געזאַנג איז געוואָרן שטאַרקער און הילכיקער:

היינט איז יום־טוב,

און גע־הו־לי־יעט!

ביז די זון פאַר־גיי־ט־ט!

און דאָס געזאַנג האָט זיך דערטראָגן צו די אויערן פון רייכן בועז, האָט עס אים פון זיין שכרות־שלאָף אויפגעוועקט, איז ער פון זיין ווייך ווייס בעט אַראָפּ, אויפן גאַניק פון זיין ווייסן הויז אַרויס, זיך אַרומגעקוקט מיט וואונדער: „ווער נאָך, אוי־סער אים, וואַגט זיך צו פרייען?" האָט ער דערזען אַ געזאַמל דאָרט פאַרן הייזל, האָט זיין אויג אויפגעכאַפּט די פאַרביקע קליידער פון די יונגע דאָרפס־טעכטער, האָט ער זיין כעס צו־רייצט: „ווער וואַגט עס זיך צו פרייען?" האָט ער זיינע הויז־קנעכט צוגערופן און באַפוילן: „זאָלן זיך אַלע קנעכט פון מיין מיל און הויף צונויפזאַמלען מיט די רימענס אין די הענט. אַהין וויל איך גיין!"

ווען ער האָט זיך אויפן וועג באַוויזן, איז דאָרט אַ שוידער דורכגעגאַנגען, און ווען ער האָט זיך דערנענטערט און מען האָט זיין צאָנבליק דערזען, האָבן אַלע אויפגעציטערט. דער צימבל איז איבערגעריסן געוואָרן, דער פּויק איז אַנטשוויגן גע־וואָרן, בלייך זיינען די דאָרפסטעכטער געוואָרן אַ באַ־העלטעניש געזוכט און די עלטערן האָבן צו זיינע פיס גע־

קניט. די יונגען נאָר זיינען שטום און בלאַס געשטאַנען.

—וואָס קומט דאָ פאָר?—האָט בועז געצאָרנט. זיין געל בערדל האָט פון כעס געציטערט און זיינע קליינע אייגעלעך האָבן זיך איבער די מיידלשע פנימער געלאָזט לויפן. זיין האַנט האָט פעסטער דעם רימען געדריקט און ער איז נאָנט נעבן די יונגען שטייען געבליבן.

—וואָס קומט דאָ פאָר?

איינער אַן אַלטער האָט אָנגעהויבן:

—יוחן, דער ליידנדער, אָרימער יוחן — — —

נאָר ער האָט ענדיקן נישט געקאָנט. בועז רימען האָט זיך האַסטיק איבער זיין פנים אַראָפּגעלאָזט...

—ער איז מיין קנעכט און דאָס איז זיין גליק!

אבן איינע אַן אַלטע האָט געזאָגט:

—יוחן, דער זון פון עמנואל — — —

—זיין נאָמען זאָל נישט דערמאָנט ווערן!

—איז מיט זיין באַשערטער געקומען—האָט די אַלטע פאַרענדיקט.

דאַן האָט ער נאָך אַ טריט נענטער געמאַכט, האָט אויסגעשפּיצט די אויגן ווי צום פאַרצוקן, און די שיינע אסנת דערזען. יוחנס האַנט האָט אויף איר טאַליע אַ ציטער געטאָן, די אַלטע מוטער האָט די הענט פאַרבראָכן, און בועז האָט באַפוילן:

—גיי נאָר צו נענטער אַהער, דו שיינע!

אַ טויט שטילקייט האָט זיך פאַרשפּרייט. אסנת האָט איר שוואַרצן קאָפּ צווישן די אויפגעהויבענע אַקסלען געצויגן און אָנגעהויבן ציטערן, ווי אַ שעפעלע אויפן פעלד פאַרן שטורעם־אויסברוך.

און יוחן האָט אויסגעשריגן:

—זאָלסט נישט וואַגן!

בועזס פנים האָט זיך ווי מיט בלוט פאַרגאָסן, האָט ער צו זיינע קנעכט אַ וואונק געטאָן און זיי האָבן זיך אויף יוחן געוואָרפן. נאָר יוחן איז ווי אַ יונגער טיגער פאַרויס אַנטקעגן געשפּרונגען. אַ ווילדער געשריי האָט די שטילקייט דורכגעשניטן,

אַ מוראדיקער „אוי" און אַ צווייטער האָט אָפּגעגרילצט,—די ער־שטע צוויי זיינען אונטער יוחנס הענט געפֿאַלן.

נאָר אַ סך זיינען בועזס קנעכט געווען און יוחן נאָר [illegible]יינער. אַלע האָבן זיך אויף אים געוואָרפֿן און אַ קאַמף האָט געשטורעמט, אַ ווילד ראַנגלען און אַ ווילד רעווען האָט זיך איבער דער געגנט געטראָגן, אַלע פּנימער בלייך געמאַכֿט, אַלע פויסטן געבײלט און אַלע הערצער דערציטערט. האָט עס אַ ביסל געדויערט, און יוחן איז מיט געבונדענע הענט געשטאַנען.

די צושלאָגענע קנעכֿט האָט מען אַוועקגעטראָגן.

איז די אַלטע מוטער צו בועזס פיס געפֿאַלן, די הענט פֿאַרבראָכֿן און זיין מאַנטל געקושט: דערבאַרעם זיך, דער טאַטע איז אומגעקומען... זאָל עס גענוג זיין... נאָר בועזס פוס האָט די אַלטע אומגעוואָרפֿן און די קנעכֿט האָבן זי אַוועקגעטראָגן.

—איצט, שיינע אסנת, גיי אַהער נענטער!—האָט בועז ווידער באַפֿוילן און אַ בייזער גרינער שמייכֿל האָט זיינע ליפּן געקרומט.

אסנת איז געשטאַנען שטיל און בלייך און זיך פֿון אָרט נישט באַוועגט.

דאַן איז בועז צו איר צוגעגאַנגען און אַזוי געזאָגט:

—פֿאַר דיין האַרטנעקיקייט זאָלסטו זיך באַדענקען.

און ווילד איז זיין פּנים געוואָרן. און די האַנט האָט ער אויסגעצויגן:—„פֿאַר אַלעמען אין די אויגן וועל איך דיין שיינקייט באַטראַכֿטן, דיין יוחן וועט דערביי שטיין און זען, ווי זיין האַר באַטראַכֿט זיין קנעכֿטין". און אַזוי זאָגנדיק, האָט ער איר קלייד ביים אויסשניט פֿון האַלז אָנגעכאַפּט, איין שטאַרקן צי געטאָן, די שטילקייט האָט דורכֿגעשניטן אַ שאַרפֿער שאָרך, און ער האָט פֿון איר דאָס קלייד אַראָפּגעריסן.

ס'האָט אַן „אוי" זיך דורכֿגעריסן. אסנת האָט זיך מיט ביידע הענט דאָס פּנים פֿאַרשטעלט און זיך צו דער ערד געבויגן. עלטערע פֿרויען האָבן זיך די טרערן געווישט, און יוחן איז געשטאַנען אַזוי ווי דער טויט וואָלט אים איינגעהילט. ער האָט

די אויגן פאַרמאַכט און פון זיין איינגעביסענער ליפּ איז דאָס בלוט גערונען. בועז האָט זיך אַ טריט אָפּגערוקט, שמייכלענדיק באַטראַכטן דעם יונגן שלאַנקן בראָנז־קערפּער, וואָס איז געשטאַנען ווי אַ סטאַטוע און אַרום די פיס איז דאָס צוריסענע קלייד געלעגן צו דער ערד און די פיס געטוליעט. און באַפוילן האָט ער:

—פירט זי, די שקלאַפין, צו מיין הויז. פּאָרויס זאָל די גיין, און נאָך איר זאָל מען דעם געבונדענעם יוחן פירן, זאָל ער אַליין זי צו מיין הויז באַגלייטן...

דעם מיידלס נאַקעטע אַקסלען האָבן שטאַרק געציטערט און פון אונטער אירע הענט זיינען אַ פּאָר טרערן דורכגעפאַלן. האָבן אַלע יונגען זייערע הענט פון ווייטיק און כעס געביסן און אַלע עלטערע האָבן שטילערהייט די טרערן געשלונגען.

—געגאַנגען!—האָט בועז באַפוילן.

אסנת האָט קיין טריט נישט געמאַכט.

דאַן האָט בועז זיין רימען אויפגעהויבן, ס'האָט אַ שאָרווע געטאָן אין דער לופטן, מיט אַ ווידערקלאַנג זיך אויף דעם בראָנזן־לייב אַראָפּגעלאָזט און אַ רויטן פּאַס, ווי אַ רויטן וואָרעם איבער דער פּלייצע אויסגעצויגן. פון יוחנס האַלז האָט זיך אַ ווילד באַרכלען געריסן און ער האָט דעם קאָפּ ווילד אַ טרייסל געטאָן—ווי אַ לייב צום פאַרציקן, דאַן האָט אסנת די הענט פון איר פּנים צוגענומען, אין אַלע זייטן זיך אַרומגעקוקט, איר בליק אויף יוחנס פּנים אָפּגעשטעלט ווי צום געזעגענען, און דעם ערשטן טריט געמאַכט.

פּאָרויס איז זי געגאַנגען, לאַנגזאַם האָט זי די פיס געשטעלט, ווי זי וואָלט יעדן טריט באַטראַכט. און איר פּנים איז געווען פאַרגליווערט רואיק. ווי נישט צו שאַנד וואָלט מען זי געפירט, נאָר צו הייליקן גאָטס־נאָמען וואָלט זי געגאַנגען... נאָך איר איז בועז געגאַנגען און זיינע אויגן פון רויב נישט אַראָפּגענומען. און נאָך אים האָט מען דעם טויט־בלייכן יוחן געפירט. ער איז געגאַנגען מיט פאַרקרי צטע צייט, די הענט אויף די פּלייצעס

פאַרבונדן און קנעכט מיט רימענס אין די זייטן.

ס'איז שוין געווען פאַרנאַכט, דער הימל האָט זיך געהאַט פאַר־כמאַרעט און אַ ווינטל האָט שטיל געבלאָזן. האָט עס פון וואַלד שרעק געטריבן און פינסטערע פאַרטראַכטקייט געבראַכט. שטיל האָבן דיביימער געפלאַטערט און אַ סוד געבוירן. אַ סוד פון לעבן און טויט, וואָס האָט קיין אָנהייב און האָט קיין ברעג. און דאָס טייכל האָט כוואַליעס געטריבן. און ווען זיי זיינען נאָענט צום ווייסן הויז געקומען, האָט זיך אסנת נעבן טייכל אָפּגעשטעלט.

—פאַרשאָלטענער!—האָט זי שטיל אויסגערופן—ווייניק פאַר דיר וואָס באַרויבסט אונזער כח און אַרבעט, ווילסטו נאָך אונזערע הערצער באַצווינגען, דו ווילסט מיך צו שאַנד ברענגען. איך וועל זיך אָבער צו גאָט אַ קרבן געבן!... נאָר... אונזער אַלע־מענס אומגליק, אונזער שאַנד און פיין וועט דיר מער קיין רו נישט געבן. יאָגן וועט עס דיך אַזוי לאַנג, ביז אומקומען וועסטו מיט דיין הויז, מיט דיין מיל, און מיט אַלץ, וואָס האָסט פון אונז אָנגערויבט. זאָל דאָס וואַסער מיך פאַר אַ קרבן נעמען און דיך מיט דיין פאַרמעגן פאַרפלייצן, פון דער וועלט אָפּשווענקען!

און איידער בועז האָט באַוויזן אַ וואָרט אַרויסצוברענגען, און אסנת האָט זיך אין אַ שפרונג אויפגעהויבן, אין טייכל זיך אַראָפּ־געלאָזט, אַ טראָפּן־שטראָם האָט אַ שלאָג געטאָן און באַלד האָט זיך דאָס טייכל רעשיק צעשטראָמט.

—שלעפּט זי אַרויס! איך...

נאָר ער האָט נישט פאַרענדיקט. מיט איין שפרונג איז יוחן נעבן אים געווען און מיט די ציין זיך אין זיין האַלז איינ־געגעסן.

ווילד איז דער טומל געווען, די רימענס מיט די שטעקנס האָבן יוחנס לייב געשניטן. די פּלייצע האָט זיך אינגאַנצן מיט בלוט פאַרגאָסן, נאָר ער האָט זיינע ציין נישט געעפנט. אויף דער ערד זיינען ביידע געלעגן, בועזס פּנים איז ברוין און בלוי געוואָרן און נאָר די פיס זיינע האָבן זיך קאָנוואולסיוו באַוועגט.

און אַ וואונדער! אַלע האָבן די אויגן אויסגעשטעלט און די מיילער געעפנט: דאָס טייכל האָט זיך אויפגעהויבן, אין דער ברייט צוגאָסן און זיך שטורעמדיק צושטראָמט. האָט זיך מיט אַמאָל פון די ברעגן אַרויסגעגאָסן און מיט ווילד קאָכעניש אָנגעהויבן פלייצן און וואַקסן העכער און העכער, ברייטער און ברייטער. מיטאַמאָל האָט אַ כוואַליע אַ שלאָג געטאָן אין בועזן מיט יוחנען אין זיך פאַרשלונגען...

פון יענעם טאָג אָן האָט שוין דער שטראָם מער נישט גערוט. מיט יעדן טאָג איז דאָס וואַסער אַלץ העכער, אַלץ העכער געוואַקסן, זיך ווילדער און מיט ליאַרעם צושטראָמט, און גערוקט זיך אַלץ נענטער, אַלץ רעשדיקער צו דער מיל.

האָבן בועזס יורשים קנעכט געדונגען, זיי אַוועקגעשטעלט דאָס וואַסער פאַרצוימען. האָבן זיי אָנגעהויבן גריבער גראָבן, דאָס וואַסער אָפּצופירן, נאָר אומזיסט. איבער נאַכט ווערט דער פרייַ שער גרוב פאַרגאָסן און דאָס וואַסער שטראָמט אַלץ ווייטער.

האָבן די קנעכט אָנגעהויבן וואַלן ערד שיטן, קופּעס זאַמד לייגן, שטיינער און העלצער אַנטקעגנשטעלן און פאַרן שטראָם אַ גרעניעץ מאַכן.

וואַקסט דער באַרג פון טאָג צו טאָג, שטייגט דער שטראָם פון טאָג צו טאָג. דער באַרג, וואָס די קנעכט מאַכן פאַרן טאָג, פאַרגיסט דער שטראָם פאַר דער נאַכט...

— — — — — — — — — — —

—אַ סך יאָרן זיינען שוין אַוועק און דער שטראָם בושעוועט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. אַלע יורשים פון בועזן האָבן זיך אין יענער זייט באַרג פאַרקליבן, שיטן פרישע בערג, נייע פאַרצוימונגען, נאָר דער שטראָם בושעוועט. אַ כּחד בלאָזט. די קנעכט ווערן ווייניקער און ווייניקער. זיי צעלויפן זיך פון שרעק.

און דער שטראָם ווערט אַלץ שטורעמדיקער און וואַקסט אַלץ העכער און העכער...

און אין די פאַרנאַכטן זיצן די אַלטע לייט פון דער געגנט

אויף די פריזבעס פאַר זייערע הייזלעך, זיצן און הערן זיך צו צום ווילדן רויש פון דעם שטראָם, וואָס פאַרהילכט די געגנט אַרום, און שטיל שמועסן זיי צווישן זיך:

—די קנעכט צעלויפן זיך. די יורשים פון בועזן בלייבן פאַר־לאָזט. זייערע הענט זייגען שוין מיד און אין זייערע הערצער רוט די שרעק. נישט לאַנג וועט געדויערן און דאָס וואַסער וועט דעם לעצטן באַרג אַריבער. גרויזאַם וועט זיין די פאַר־פלייצונג! די מיל מיטן ווייסן הויז וועלן פון דער ערד אָפגע־שווענקט ווערן, ווי זיי וואָלטן קיינמאָל אויף דער וועלט נישט געווען. דער טאָג פון פאַרפלייצונג איז נאָנט, גאָר נאָנט...

אָדעס, מאַי 1919.

MORRIS WINCHEVSKY LIBRARY
MONTREAL
3737 VAN HORNE AVE.
MONTREAL 249, QUE.
R 961C